STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05114

BAY DI BREGN FUN NIL

E. Y. Goldshmidt

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. גאָלדשמיד

בײ די ברעגן פון ניל

פאַרלאַג / ב. שימין /

וואַרשע 1923

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA. NOWOLIPKI 6.

קאַפּיטל איינס.

אין דער באַרימטער אַקאַדעמיע פון אלכּסנדר של מצרים, וואָס איז געווען אַ מקום מקלט פאַר פילאָזאָפן, פּאָעטן און געלערטע חכמים פון אַלע פעלקער און לענדער, איז אין חודש ניסן פון יאָר 34 פאַרן חורבן בית שני (37 נאָך דער נייער צייטרעכנונג) געווען אַ געוואַלדיקער רעש. דער גרויסער עזות-פּנים און ליגנער פון יענער צייט, דער גריכישער גראַמאַטיקער אַפּיון האָט זיך אומגעקערט פון זיינע נסיעות צוריק קיין אלכּסנדריא.

אַפּיון איז געווען אַ שלעכטער, פאַרדאָרבענער מענטש. אויף דער גאַנצער וועלט האָט ער ליב געהאַט בלויז איין-איינציקן נפש—זיך אַליין. נאָר מער ווי צו אַלעמען האָט זיין מענטשנהאַס געברענט צו די יידן. פונקט ווי אַלע גריכן, האָט ער נישט געקאָנט גלייכגילטיק צוזען, ווי די פעאיקע און פלייסיקע יידן אין אלכּסנדריא רוקן זיך פאָרויס אין וויסנשאַפט און רייכטום, אין אַלערליי מלאכות און קונסט. די יידן האָבן אַריבערגעשטיגן די גריכן אויף אַלע געביטן פון פיזישער און גייסטיקער אַרבעט.

און אומגעהויער שטאָלץ איז אָט דאָס קליינע פֿאָלק געווען, שטאָלץ אויף זיין גאונישן גייסט און שטאָלץ און גליקלעך מיט זיין ריינער אמונה אין איין-איינציקן אייבּיקן גאָט פֿון אמת, ליבע, גערעכטיקייט און יושר. דאָס האַרץ האָט די גריכן געזאָגט, אַז פֿון דעמדאָזיקן פֿאָלק וועט אַרויס אַ פֿאַרניכטונג אויף אַלע הכּלים פֿון די פֿעלקער און אויף דער ממשלה פֿון די אָפּגעטער אין רוים און אַטען. און דאַן איז אַפּילו זייער פֿאַרטרעטער און פֿירער געוואָרן.

אַליין אָן טאַלענט און אָן ערנסטן וויסן, האָט זיך אַפּילו געמאַכט פֿאַר אַ ציל צו באַוואַרפֿן מיט שמוץ דאָס הייליקסטע פֿון ישראל. ער האָט צונויפֿגעזאַמלט אַלע נישט געשטויגענע, נישט געפֿלויגענע פֿלוידערייען און ווילד-נאַרישע בבא-מעשיות פֿון די פֿאָריקע דורות, און מיט זיין גלאַט צינגל און מיט זיין פֿאַרקויפֿטער פֿעדער האָט ער דידאָזיקע שקרים צוגעגעבן אַ ניי אויסזען, האָט זיי באַפּוצט און באַפֿעפֿערט מיט אייגענע אויסגעטראַכטע ליגנס און האָט מיט זיינע ווייד צומישט און פֿאַרפֿינסטערט דעם מוח פֿון די גריכן.

ער האָט געהאַט פֿאַרלאָזן די אלכּסנדריער אַקאַדעמיע און האָט אַ גאַנץ יאָר אומגערייזט איבער אַלע גריכישע מדינות און איבער קליינאַזיע. אומעטום האָט ער געגעבן פֿאָרשטעלונגען פֿון די ווערק פֿון אוראַלטן גריכישן פּאָעט ה אָ מ ע ר און אומעטום האָט ער געהאַלטן זיינע גיפֿטיקע דרשות. מיט זיינע גלאַטע רייד האָט ער באַצויבערט די גריכן און ער איז ביי זיי זייער חשוב געווען. זיי האָבן אים אויף די הענט געטראָגן. אָבער אין רוים האָט ער געהאַט אַ מיאוסע מפּלה, און ער איז געצוואונגען געווען זיך אומצוקערן צוריק קיין אלכּסנדריא.

ער האָט געשטרעבט צו פֿאַרנעמען צווישן די מיטגלידער פֿון דער אַקאַדעמיע דעם ערשטן אָרט. מער פֿון אַלץ האָט זיך אים געוואָלט ווערן דער נ ש י א פֿון דער אַקאַדעמיע. דאָס וואָלט אים כאָטש ביז אַ געוויסער מדרגה באַלוינט פֿאַר זיין נישט געלונגענער נסיעה. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז אויב אים זאָל אַפֿילו געלינגען דורך דער הילף פֿון זיינע חברים צו דערשלאָגן

זיך צו דעם ערשטן אָרט, צו באַקומען דעם פּרעזידענטן-שטול, קאָנען דאָך זיינע האָפנונגען נישט מקוים ווערן, כּל זמן עס לעבט דער רוימישער קיסר טיבעריוס, וואָס פון אים איז עס אָפּהיינגיק געווען דידאָזיקע באַשטימונג.

בעת אַפּיון האָט אין רוים געגעבן זיינע פאָרשטעלונגען פון האָמערן, האָט טיבעריוס זייער גוט פאַרשטאַנען אַפּיונס פאַלשע נשמה און האָט אַרויסגעטראָגן איבער אים אַ מיינונג, וואָס איז געווען אַן אמתער טויטאורטייל פאַר זיין ווייטערדיקער קאַריערע. ער האָט אַפּיונען קורץ און שאַרף אַ נאָמען געגעבן „דער אַל-וועלטלעכער גראַגער". דערדאָזיקער צוגעטראָפענער נאָמען איז באַלד צעטראָגן געוואָרן איבער דער גאַנצער רוימישער הויפּט-שטאָט, און אַפּיונס ווייטערדיקע פאַרברייננגען אין רוים איז גע-וואָרן אוממעגלעך. בעת אַפּיון האָט זיך געקליבן צו פאַרלאָזן אַלכּסנדריא, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, אַז באַלד ווי ער וועט זיך נאָר ווייזן אין רוים, וועט זיין פּערזענלעכקייט קודם כּל פאַראינטערעסירן דעם קיסר טיבעריוס און ער, דער קיסר, וועט אים באַשיטן מיט אַלערליי צייכנס פון אַכטונג און שעצונג, בכדי נאָר צו ווירקן אויף דעם גדול הדור, ער זאָל מסכים זיין צו ווערן דער דערציִער פון יונגן יורש-עצר. איצט אָבער, נאָך אַזאַ טרויעריקן אָפּשניט, האָט ער זיך מיט אַ בייז אויפגערעגט האַרץ אומגעקערט צוריק קיין אַלכּסנדריא און האָט געמוזט ווידער אָנ-קומען צו די חסדים פון דער אַקאַדעמיע.

אַפּיון איז אָבער נישט געווען דער מענטש, וואָס איז פעאיק צו בויגן זיך אונטער דער משא פון אַזאַ שענדלעכער מפּלה. נישט אומזיסט האָט ער שטודירט און אויסגעטייטשט די ווערק פון האָמער. זיין אידעאַל איז געוואָרן איינער פון האָמערס העלדן טערסיטעס, וואָס האָט חוזק געמאַכט פון אַלץ, וואָס איז דערהויבן און הייליק. דערדאָזיקער לעגענדאַרישער העלד און אַפּיון זיינען געווען צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך איינער צום אַנדערן לויט זייערע נאַטורן. דער מיטאָלאָגישער טערסיטעס איז ווידער געבאָרן געוואָרן אין דעם ווירקלעכן אַפּיון.

אויף וויפיל שענדלעך און מיאוס אַפּיון האָט פאַרלאָזן רוים,

אויף אַזויפיל האָפערדיק און שטאָלץ איז ער אַריינגעטראָטן אין אלכּסנדריא, און אין דער אַקאַדעמיע האָט ער זיך געפירט ווי אַ טריומפירנדיקער פעלדמאַרשאַל, און האָט אומעטום אַריינגעטראָגן טומל און שטורעם.

אַפּיונס גאווה און חוצפּה זיינען געוואָרן אַזוי גרויס, אַז אפילו די פרידלעכסטע מיטגלידער פון דער אַקאַדעמיע זיינען אויפגעבראַכט געוואָרן. פריער האָט זיך די אַלגעמיינע אויפרעגונג אויסגעדריקט אין אַ שטילן קלאָגן זיך אויף אים, דערנאָך אָבער האָט מען אים גענומען טאַדלען בפני כל עם ועדה. מוטיקער ווי אַלע איז אַרויסגעטראָטן דער באַרימטער סאָפיסט אַפּאָלאָניוס. ער האָט זיך נישט געוואָלט בויגן פאַר אַפּיונען און ער האָט זיך געגעבן אַ וואָרט, ביי אַ גוטער געלעגנהייט, אים ווי געהעריק אָנצולערנען. דאָס איז אַפּאָלאָניוסן זייער לייכט געווען צו טאָן, מחמת ער האָט געהאַט די פּינקטלעכסטע ידיעות וועגן אַפּיונס מפּלה אין רוים. אַז אַפּיון האָט ביים מיטאָג, ווי געוויינלעך, אָנגעהויבן צו דערציילן נסים ונפלאות וועגן דעם אומגעוויינלעכן ערפאָלג, וואָס ער האָט כלומרשט געהאַט אין דער הויפּטשטאָט, האָט אים אַפּאָלאָניוס איבערגעשלאָגן די רייד:

—אויך איך, ליבער אַפּיון, האָב געהערט וועגן דיין נצחון. דו האָסט באמת טאַקע געדאַרפט אויפטאָן עפּעס אַ גרויסע וואונדערלעכע זאַך, אויב דער שאַרפזיניקער טיבעריוס האָט דיך באַלוינט מיטן ערן-טיטל „אַלוועלטלעכער גראַגער". צי ווייסט איר, מיינע טייערע פריינט,—האָט ער זיך מיט אַן איראָניע געווענדט צו די מיטשפּייזער,—וואָס אַזאַ מין הויכער טיטל באַטייט?

אַפּיון, אויסער זיך פאַר גרימצאָרן, האָט פאַרביסן די ליפּן ביז בלוט.

—זאָג מיר, כ'בעט דיך, ליבער אַפּיון,—האָט שוין אַ זאָג געטאָן דער פּאָעט און גראַמאַטיקער ט ר י פ אָ ן, אַפּיונס אַ קאָנקורענט.— פאַרוואָס באַהאַלטסטו אַזוי פאָרזיכטיק די טייערע אוצרות פון דיין וויסן? אויב דו האָסט נישט מיט זיי מזכּה געווען די שטאָט רוים, איז אָבער דאָ, אין אלכּסנדריא, לכל הפּחות, אין קרייז

פֿון דײַנע חברים, קאָנסטו דאָך אַרויסווײַזן דײַנע טיפֿע ידיעות. אין רוים, זאָגט מען, האָסטו פֿאַרזיכערט, אַז האָמער האָט זיך צו דיר באַוויזן אין חלום און ער האָט דיר אָנגערופֿן יענע פֿון די זיבן שטעט, וואו ער איז אינדערעמתן געבאָרן געוואָרן. מהיום והלאה וועלן זיך די אַלע שטעט שוין מער נישט קריגן צווישן זיך איבער דעם כּבוד פֿון דעם גרויסן דיכטערס וויגעלע. אויב דו האָסט דאָס געהערט פֿון זײַן אייגן מויל, דאַן זאָג אונז, פֿאַרוואָס לאָזטו איבער די גאַנצע וועלט אין ספֿק און ווילסט אַוועקטראָגן דעמדאָזיקן סוד מיט זיך אין קבֿר?

—ער קאָן דעם סוד פֿאַר קיינעם נישט אַנטפּלעקן,—האָט זיך אָנגערופֿן דער מושלם ד י ד י מ ע ס.—אפֿשר נישט אַזוי, אַפּיון? ווי מען זאָגט, האָסטו אין רוים נאָך מודיע געווען, אַז האָמער האָט דיר אַנטפּלעקט דעמדאָזיקן סוד מיטן תּנאַי, אַז דו זאָלסט וועגן אים אייביק שווײַגן. אונז בלײַבט איצט בלויז צו וואַרטן, ביז דער גוטער האָמער וועט זיך איבער אונז מרחם זײַן און וועט זיך אויך אונז ווײַזן אין חלום.

—אָבער ליבער אַפּיון,—האָט איצט גענומען ריידן ב אָ ע ט י ו ס, אַן אָנהענגער פֿון אַריסטאָטעלעסעס פֿילאָזאָפֿיע,—דו האָסט דאָך אונז נאָך גאָרנישט דערציילט, ווי די רוימישע מאַגנאַטן האָבן דיך באַלאַגערט פֿון אַלע זײַטן און זיך געבעטן בײַ דיר רחמים, דו זאָלסט זיי ווידמען דײַנע ווערק און דערמיט זיי מאַכן אומשטערבלעך אין זכּרון פֿון די קומענדיקע דורות. אַזוי, ווײַניקסטנס, זאָגט מען אין רוים, אַז דו זאָלסט כּלומרשט האָבן פֿאַרזיכערט, אַז יענע אַלע, וועמען דו ווידמעסט דײַנע ביכער, פֿאַלן אַרײַן אין דער צאָל פֿון די אומשטערבלעכע.

אַן אַנדערן אויף אַפּיונס אָרט וואָלטן אַזעלכע שטעכווערטלעך און חוזק-מאַכערײַ, וואָס האָבן זיך געשאָטן פֿון אַלע זײַטן, דערשלאָגן און ער וואָלט אַנטלאָפֿן וואוהין די אויגן טראָגן אים. אַפּיון אָבער איז געבליבן אויף זײַן אָרט. ער האָט דערשטיקט אין זיך זײַן גרימצאָרן און האָט געענטפֿערט:

—ס'איז דאָ אַן אַלט גלײַכווערטל, אַז „אין דער אייגענער שטאָט קאָן מען קיין נבֿיא נישט זײַן". אין דעם פּרט אין מײַן מזל

גלייך צו דעם גורל פון אַלע גרויסע מענטשן. און אויב איך קוק מיך אָפילו נישט אום אויף אייער קליינלעכער קנאה, איז דאָס מער נישט דערפאַר, ווייל איך בין צו שטאָלץ דערויף. נאָר לאָמיר בעסער איבערגיין צו אַן אַנדערן וויכטיקערן שמועס,— האָט ער ווייטער גערעדט, באַמערקנדיק אַן איראָנישן שמייכל אויף די ליפּן פון זיינע קאָלעגן.—זאָגט מיר, צי דען האָט איר נאָך נישט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם, אַז מען דאַרף קלייבן אַ נייעם פּרעזידענט נאָכדעם ווי מיין חבר כערעמאָן האָט פאַרלאָזן זיין שטעל?

—געוויס האָבן מיר אַ טראַכט געטאָן,—האָט געענטפערט אַפּאָלאָניוס.—מיר האָבן לאַנג און פון אַלע זייטן באַטראַכט דידאָזיקע פראַגע און מיר אַלע, נישט אויסגענומען פון כלל אפילו דיין חבר דעמעטריוס, האָבן איינשטימיק אויסגעוויילט זייער אַ חשובן מענטשן, וואָס וועט זיין דער שטאָלץ און די צירונג פון דער אַקאַדעמיע.

—ווי?—איז אַפּיון אויפגעשפּרונגען.—אין דער צייט, וואָס איך בין נישט געווען, האָט איר באַשלאָסן און פאַרענדיקט אַזאַ וויכטיקן ענין?

—אָבער, מיין ליבער אַפּיון,—האָט אַפּאָלאָניוס איראָניש געענטפערט,—ווי האָט עס אונז גאָר געקאָנט קומען אויפן געדאַנק, אַז דו וועסט זיך אומקערן קיין אלכסנדריא? מיר האָבן גערעכנט, אַז דו וועסט פאַרבלייבן ביים רוימישן הויף און דו וועסט נעמען אויף זיך די דערציִונג פון יונגן יורש-עצר.

—דאָס, זעסטו, ענדערט די פראַגע,—האָט אַפּיון באַרויִקט געענטפערט.—אינדעראמתן, מיך האָט אַ סך מי געקאָסט, אַ שווערן קאַמף האָב איך פאַר זיך געהאַט ביים צושטיין קעגן אַלע נסיונות פון אַלמעכטיקן קייזערלעכן הויף. אָבער די וויסנשאַפט האָט מנצח געווען. נישט אמת, מיינע פריינט,—האָט ער צוגעלייגט מיט אַ חניפהדיקן שמייכל,—איר וועט נישט פאַרגעסן די טרייקייט און צוגעבונדנקייט, וואָס איך האָב אַרויסגעוויזן דער וויסנשאַפט און איך? אָבער זאָגט-זשע מיר, ווער איז עס יענער

גליקלעכער, ווען מען איר האָט אויסדערוויילט פאַר אייער קינס-טיקן נשיא?

—דער גרויסער פילאָזאָף פילון!—איז געווען דער ענטפער, וואָס האָט אַזוי ווי אָפּגעקלונגען פון הונדערטער מיילער.

אויב אַפּיונען וואָלט פּלוצלונג אַ שלאַנג איינגעביסן, וואָלט ער אַזוי נישט אויפגעשפּרונגען, ווי ער האָט עס געטאָן, דערהערנ-דיק דעם נאָמען פילון. אַפּיון האָט פיינט געהאַט פילונען מיט דער גאַנצער ליידנשאַפט פון זיין ווילדן כאַראַקטער. ער האָט אים פיינט געהאַט דערפאַר, ווייל דער נאָמען פון דעמדאָזיקן באַרימטן פילאָזאָף איז געווען געשעצט און געאַכט אין דער גאַנצער דעמאָלטיקער אויפגעקלערטער וועלט אומגעהויער מער, איידער זיין אייגענער נאָמען, כאָטש אַפּיון איז נישט געווען קיין איבערקלייבער אין מיטלען, כדי נאָר צו לאָזן ריידן וועגן זיך. אַפּיון האָט פיינט געהאַט דעם ייד פילון (ידידיה האלכסנדרוני) דערפאַר, ווייל פילון האָט זיך מיט אים וויניק גערעכנט און האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אַריינטרעטן מיט אַפּיונען אין עפּעס אַ וכוח. אַפּיון האָט, ענדלעך, פיינט געהאַט אין אים דעם ייד. אַז אַפּיון האָט אָבער דערהערט, אַז די חברים האָבן איינשטימיק אויסגעוויילט פאַר אַ פּרעזידענט פון דער אַקאַדעמיע זיין בלו-טיקן שונא,—האָט זיין כעס פאַרלאָרן יעדע גרענעץ. אין דער ערשטער מינוט האָט ער אפילו פאַרלאָרן די פעאיקייט צו ריידן. מיט קאָנוואולסיוו צונויפגעפּרעסטע פויסטן איז ער געשטאַנען, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער, און ער האָט ווילד געגלאָצט מיט די אויגן. ענדלעך האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ כוח און האָט אויסגעשריען:

—אומווירדיקע, וואָס איר זייט!—אומווירדיקע, זאָג איך אייך, אויב איר קלייבט אויס אַ ייד פאַר אַ פּרעזידענט פון דער אַקאַ-דעמיע און שענדט דערמיט די ערשטע שול אין דער וועלט!

דערדאָזיקער גראָבער אָנפאַל האָט אַרויסגערופן צווישן די גע-לערנטע אַן אומבאַשרייבלעכע אויפרעגונג. אַ סך פון זיי האָבן זיך שוין געגרייט אַרויסצוטרעטן מיט אַ שאַרפן ענטפער, נאָר דאָ

האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט דער הונדערטיעריקער זקן אייפּ־ראַנאָדעס, דער עלטסטער צווישן די מיטגלידער און אַפּיונס גע־וועזענער לערער, וואָס האָט ביז איצט נישט גענומען קיין שום אָנטייל אין געשפּרעך. מיט אַ באַפעלנדיקער באַוועגונג פון דער האַנט האָט ער אַלעמען געהייסן שווייגן. אַפּיונס לעצטע ווערטער האָבן דעם זקן שטאַרק אויפגערעגט, אַזוי שטאַרק, אַז אים האָט געקאָסט אַ סך אָנשטרענגונג און כוחות, כדי צו קומען צו זיך און ברענגען די געדאַנקען אין אָרדענונג. אַז עס איז געוואָרן רואיק און שטיל צווישן די געלערנטע, האָט ער זיך געווענדט צו זיין געוועזענעם תלמיד מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

—מיאוס, אַפּיון, דו שענדסט מיט אַזוינע ווילדע אָנפאַלן דיין אַלטן לערער און די הייליקע אַקאַדעמיע! אויב איך וואָלט גע־קאָנט פאָרויסזען די היינטיקע סצענע מיט דרייסיק יאָר צוריק, בעת דו האָסט נאָך געגעבן גוטע האָפענונגען, דאַן שווער איך ביי די געטער, אַז איך וואָלט דיך גיכער פאַרטריבן צום ווילדן המון פישער, איידער צו פאַרשווענדן מיינע פערל פאַר...—דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אָפּצוכאַפּן עטוואָס דעם אָטעם, און באַלד האָט ער ווייטער גערעדט.—וואָס ווייזטו אָן אַזוי בייז אויף דער יידישקייט פון גרויסן פילון? וואָס גייט עס דיך אָן און וואָס גייט עס אָן דער אַקאַדעמיע, אויף וואָסער אופן דער אָדער יענער מענטש באַפרידיקט די רעליגיעזע באַדערפעענישן פון זיין האַרצן?

די לעצטע פראַזע פון אַלטן לערער איז באַגעגנט געוואָרן מיט פרייד און מיט אַן אַלגעמיינער הסכמה פון גאַנצן עולם אַרום. אַפּיון איז געקומען צו זיך. איצט ערשט האָט ער פאַרשטאַנען, ווי ווייט ער האָט קאַליע געמאַכט זיין ענין מיטן נישט אָנ־שטענדיקן אָנפאַל, און ער האָט באַשלאָסן צו פאַרגלעטן דעם שלעכטן איינדרוק.

—דו האָסט מיך נישט פאַרשטאַנען, גוטער אייפּראַנאָדעס,—האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ חניפהדיקן שמייכל,—מיין פאָרוואורף איז געווען געווענדט נישט קעגן דעם ייד פילון, נאָר קעגן פילון דעם בעל־גאוה, וואָס האָט נישט געוואָלט אָנגענומען ווערן אין

אַקאַדעמיע, גלייך ווי אים וואָלט נישט געפּאַסט אונזערער אַ חבר צו זיין, וואָס איז פאַרליבט אין זיין „איך", וואָס וויל דורך די אויסגעטראַכטע געזעצן פון תורת משה שאַפן אַ נייע פילאָזאָפיע און צווינגען די גאַנצע וועלט זי אָנצונעמען. אַוועקשטעלן אַזאַ עגאָיסטישן בעל-חלומות בראש פון דער אַקאַדעמיע, וואָס ער פאַראַכט זי אַזוי, האַלט איך פאַר אַ גרויסע חרפה!

—איך פאַרשטיי דיך זייער גוט,—האָט אים געענטפערט אייפראַנאָדעס,—אָבער דו ביזט נישט בכוח צו פאַרשטיין פילונען, דו ביזט נישט בכוח אים צו באַגרייפן. איך זאָג דיר, אַז עס וואָלט געווען אַ חרפה פאַר אונזער אַקאַדעמיע, אויב פילון, וואָס לעבט צווישן אונז, וואָלט נישט געווען איר פּרעזידענט. זיי וויסן, אַז דער נאָמען אַפּיון וועט שוין זיין לאַנג פאַרגעסן, בעת די אידייען פון פילונען וועלן צוציען צו זיך דעם אינטערעס פון די געלערנטע. צי דען זעסטו נישט, אַז זיינע תלמידים זיינען שוין איצט צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און פאַרשפּרייטן אומעטום זיין תורה? אָבער דו ביזט צו קורצזיכטיק דערויף, און דיין שנאה פאַרבלענדט דיך אינגאַנצן.

אייפראַנאָדעס האָט נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוזאָגן די לעצטע ווערטער, ווי עס האָט זיך געעפענט די טיר פון זאַל און ס'איז אַריין אַ יונגער בחור. זיין אַריינקומען האָט אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינע פרייד. אַלע האָבן אים באַגריסט מיט התפעלות. דאָס איז געווען שאול (פּוליוס), דער זון פון פילון. גאַנץ אלכסנדריא איז אַנטציקט געווען פון דער אומגעוויינלעכער שיינקייט פון דעמדאָזיקן צוואַנציק-יאָריקן יונגלינג. די טרוימערישע אויגן זיינע האָבן געקוקט מיט אַזאַ גוטסקייט, איידלקייט און עניוות, מיט אַזאַ צאַרטער אָפנהאַרציקייט, אַז יעדערער האָט נישט ווילנדיק געפילט, ווי עפּעס אַן אומבאַגרייפלעכע קראַפט ציט אים צו אָט דעם זיסן בחורל. מיט זיין טיפן שכל און אומענדלעכער גוטסקייט, מיט זיינע טיפע ידיעות אין אַלע לימודים פון דער אַקאַדעמיע און מיט זיין פּאָעטישן טאַלענט האָט שאול גאַנץ פרי פאַראינטערעסירט די גרעסטע געלערנטע און די אויסגעצייכנטסטע מיטגלידער פון דער אַקאַדעמיע. זיי האָבן אים באַהאַנדלט ווי

אַ גלייכן, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז, פונקט ווי זיין גרויסער פאָטער, נישט געווען קיין מיטגליד פון דער אַקאַדעמיע.

נאָכדעם ווי ער האָט אַלעמען לויטן סדר געדריקט די אויסגעשטרעקטע הענט און געענטפערט אויף די באַגריסונגען, האָט ער זיך העפלעך פאַרנייגט און געווענדט צו אייפּראַנאָדעס:
—געשעצטער אייפּראַנאָדעס! איך קום אין דער שליחות פון מיין פאָטער, וואָס איז איצט קראַנק און קאָן דעריבער נישט קומען פערזענלעך, כדי איבערצוגעבן דיר און דער הויכגעשעצטער פאַרזאַמלונג זיינע ווערטער: „פילון איז זייער גערירט פון דעם כבוד, וואָס די באַרימטע אַקאַדעמיע ווייזט אים אַרויס. דעריבער איז זיין צער נאָך גרעסער, וואָס ער איז געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגן אָנצונעמען די נשיאות, מחמת דער גרויסער סכנה, וואָס שטייט פאַר זיין פאָלק".
דער גאַנצער עולם איז איבערראַשט געוואָרן פון דידאַזיקע ווערטער. ביידע פריינט, אַפּיון און דעמעטריוס האָבן זיך פילדייטיק איבערגעקוקט. פילונס אָפּזאָג איז פאַר זיי געווען אַ גרויסע שמחה.
—זעט איר?—האָט אַפּיון אויסגעשריען מיט אַ בייזער פרייד.—איר זעט? אפשר וועט עס אייך דינען פאַר אַ לעקציע אויף ווייטער?—זאָגט, צי בין איך נישט גערעכט געווען, בעת איך האָב אייך געוואָלט פאַרהיטן פון דער גאוה פון דעם ייד?
—דאָס קומט אַלץ דערפון,—האָט דעמעטריוס צוגעלייגט,—וואָס דער גריך קוקט אויף אַ יידן, ווי אויף אַ גלייכן, און ער וויל אים אפילו אַוועקשטעלן נאָך העכער פון זיך...
אייפּראַנאָדעס איז געווען מיד פון פריערדיקן געשפרעך און איצט שטאַרק איבערראַשט פון שאולס ידיעה. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, קוקנדיק שאַרף אויפן יונגנמאַן. ענדלעך האָט ער זיך אָנגערופן:
—ווי? צי האָב איך גוט דערהערט, פּוליוס? נעמט דען דיין פאָטער אינדעראמתן נישט אָן דעם טיטל, וואָס די אַקאַדעמיע האָט אים פאָרגעלייגט?

—דו הערסט דאָך, גוטער אייפראַנאָדעס,—האָט שאול געענטפערט מיט עגמת-נפש:—ער מוז זיך אָפּזאָגן...

—ער מוז?—האָט אים איבערגעריסן דער זקן.—ער מוז? פאַרוואָס מוז ער דאָס?

—צי דען ווייסטו נישט,—האָט שאול געענטפערט מיט אַ טיפן טרויער אין שטים און אין די אויגן,—אַז דער גריכישער פינס-טערער המון פון אלכסנדריא נעמט אָן אַ פיינטלעכע ווענדונג צו אונז, יידן, און, צום באַדויערן, געפינט ער דערין אַ שטיצע מצד געוויסע געלערנטע. דידאָזיקע העצעס פון די געלערנטע לייט וואַרפן אָן אויף אונזערע ברידער אַ שטאַרקע שרעק. מיר זעען, ווי אונזער הימל, וואָס איז געווען קלאָר, ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרוואָלקנט און עס גרייט זיך אַ שטורעם. מיין פע-טער אלכסנדר, דער נשיא איבער דער גאַנצער יידישער באַ-פעלקערונג אין מצרים, האָט ביז איצט געהאַט אַ גרויסן איינ-פלוס אויך אויף דער גריכישער באַפעלקערונג און האָט יאָרנ-לאַנג איינגעהיט דעם שלום צווישן ביידע פעלקער. איצט אָבער פילט ער זיך שוין מער נישט בכוח צו קעמפן קעגן דער אומ-רואיקייט און אויפרעגונג, וואָס וואַקסט פון טאָג צו טאָג. דע-ריבער האָט ער זיך געווענדט צו מיין פאָטער מיט א בקשה, ער זאָל אַוועקלייגן אויף אַ געוויסע צייט זיינע פילאָזאָפישע חקירות און ער זאָל בעסער אים העלפן דערפילן זיין שווערן חוב פאַרן פאָלק. עס וועט אויך נויטיק זיין זיך צו ווענדן צום מלך נאָך הילף, און פאַר אַזאַ שליחות איז מיין פאָטער דער פאַסיקסטער מענטש. מיט אַ שווערן האַרץ באַשליסט דעריבער מיין פאָטער זיך אָפּצוזאָגן פון דער וויסנשאַפט, וואָס איז אים אַזוי טייער. קאָן דען שטיין בראש פון דער הייליקער אַקאַ-דעמיע, וואָס איר נשמה איז שלום, אַ מענטש, וואָס איז גע-צוואונגען אָנצוהויבן אַ קאַמף קעגן גראָבע און ווילדע ליידנ-שאַפטן? אָט פאַרוואָס,—האָט שאול פאַרענדיקט זיין דערקלערונג,—מיין פאָטער מוז זיך אָפּזאָגן פון דעם כבוד, וואָס די אַקאַ-דעמיע האָט אים אַרויסגעוויזן.

—דיין פאָטער איז אַן ערלעכער מאַן,—האָט געענטפערט אייפ-

ראַנאָדעס אויף שאולס דערקלערונג:—ער האַנדלט אַזוי, ווי עס דאַרף האַנדלען פּילון... און אגב,—האָט ער ווייטער גערעדט נאָך אַ קורצן נאָכטראַכטן,—מיטן פאַרנעמען דעם פּרעזידענטנשטול איז זיך בכלל נישטאָ וואָס צו איילן. נאָר איין זאַך דאַרפן מיר זען טאָן וואָס גיכער: מיר, מיטגלידער פון דער אַקאַדעמיע, מוזן מיט אַלע מיטלען, וואָס זיינען נאָר אָפּהייענגיק פון אונז, אונטערהאַלטן די שטרעבונגען פון פּילונען. מיר דאַרפן באַוואָרגן, אַז אונזער געלערנטע, באַרימטע אַלכסנדריא,—דאָס ליכט פון די פעלקער,—זאָל נישט פאַרזינקען אין באַרבאַרישער ווילדקייט און אַז די הונדערטיעריקע קולטור אירע זאָל נישט פאַרניכטעט ווערן. דעריבער, מיינע פריינט, לאָמיר זיך נעמען פאַרשפּרייטן מיט פלייס ליבע און סבלנות צווישן אַלע פעלקער, וואָס וואוינען אין אונזער שטאָט. נו, צו דער אַרבעט, חברים!

בעת אייפּראַנאָדעס האָט זיך אויפגעהויבן, כּדי צו פאַרלאָזן דעם זאַל, איז מיט גיכע טריט פּלוצלונג אַריין אַ ספּעציעלער שליח און האָט אים איבערגעגעבן אַ בריף פון רוים. אייפּראַנאָדעס האָט אים נערוויאיש אויפגעעפנט און דורכלויפנדיק אים שנעל מיט די אויגן, האָט ער אויך פאָרגעלייענט פאַר די חברים זיין פינהאַלט:

—דער מלך טיבעריוס איז געשטאָרבן און אויפן טראָן איז אַרויף קאַיוס קאַליגולאַ!

די מיטגלידער פון דער אַקאַדעמיע האָבן דאָסדאָזיקע נייס באַגעגנט מיט אַ טיפן שווייגן. שווייגנדיק האָבן זיי אויך פאַרלאָזן צוזאַמען מיט אייפּראַנאָדעסן דעם זאַל, וואו עס זיינען פאַרבליבן בלויז צוויי פאַרשוינען: אַפּיון און דעמעטריוס.

—ווי געפעלט דיר דידאָזיקע ידיעה?—האָט אַפּיון, שפּאַרק צופרידן, אַ זאָג געטאָן זיין פריינט דעמעטריוס.

—כמעט פונקט אַזוי,—האָט יענער געענטפערט,—ווי פּילונס אָפּזאָג. דאָס איז דאָך אַ גליקלעכע געשעעניש פאַר אונז.

—אודאי,—האָט אַפּיון געענטפערט פאַרטראַכט.—געוויס... שנעל וואַקסן די זוימען, וואָס מיר האָבן פאַרזייט קעגן יידן אין אונזער גריכישן פאָלק!... מיין פּלאַן איז פאַרטיק!

—וואָסער פּלאַן, אַפּיון?
—ווּעסטו מיר העלפֿן אים אויספֿירן?
—אויב דערמיט ווּעלן מיר אַרונטערוואַרפֿן פּילונס באַדייטונג און מיר ווּעלן ווערן די ערשטע אין דער אַקאַדעמיע, דאַן בין איך דיינער בלב ונפש.
—אויב אַזוי, דאַן גיי נאָך מיר און דו ווּעסט זיין צופֿרידן מיט מיין פּלאַן.
ביידע צוזאַמען האָבן זיי פֿאַרלאָזן דעם זאַל און אַוועק אין די פֿינסטערע און ווייטע אַלייען פֿון אַקאַדעמישן גאָרטן, וואו זיי האָבן לאַנג און שטיל גערעדט צווישן זיך.

קאַפּיטל צוויי.

נאָענט פון אלכּסנדריא, צווישן דער שטאָט און דער מאַרעאָטישער אָזערע, וואָס פאַלט אַריין אין ים, איז אויף אַ קליינעם בערגל געשטאַנען אַ שיינע ווילע. די ווילע איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ פראַכטפולן וועלדל, וואָס האָט געצויגן צו אַ שטילן, אָפגעזונדערטן לעבן פון נזירים. דער טאָפּעלער לופטשטראָם, פון ים און פון דער אָזערע, האָט זייער גוט געווירקט אויף די איינוואוינער פון דעמדאָזיקן ווינקל. אין אָט דער ווילע האָט געוואוינט אין שטילער און באַקוועמער איינזאַמקייט ידידיה (פילון) האלכּסנדרוני מיט זיין פרוי איסמענאַ און זייער איינציקן זון שאול פוילוס. פון צייט צו צייט ווערט דידאָזיקע דאָרפישע שטילקייט געשטערט דורך עפּיס באַזוכער, וואָס קומען צופאָרן פון שטאָט. נאָר עפטערע און געווינטשטערע געסט זיינען די איינוואוינער פון די אומגעגנטן פון דער אָזערע—די איסיים, וואָס וואוינען דאָרט אין אַ גרויסער צאָל.

די איסיים—דאָס זיינען געווען איינע פון די דריי גרויסע

יידישע כתות, (פרושים, צדיקים און איסיים), וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרק צו אַנטוויקלען נאָך פון די צייטן פון די ערשטע חשמונאים. די פרושים האָבן געלערנט דאָס פאָלק צו גיין אין וועג פון דער היסטאָריש-אַנטוויקלטער תורה און אמונה, וואָס זיי האָבן געירשנט פון די אָבות. דאָס גאַנצע נאַציאָנאַלע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לעבן האָבן זיי געשטרעבט אַריינצופירן אין די ראַמען פון דער תורה און די מצוות. די פרושים זיינען געווען די פאַרטרעטער און פירער פון די ברייטע פאָלקסמאַסן. מיט דערדאָזיקער שיטה זיינען נישט געווען איינשטימיק די צדוקים, די פאַרטרעטער פון די א צ י ל י י ש ר א ל, פון דער יידישער אַריסטאָקראַטיע, די פירער פון דער מלוכה און פון חיל. זיי האָבן געזען, אַז דער דת איז אַ פעסטע זאַך, וואָס אַנטוויקלט זיך זייער לאַנגזאַם, בעת דאָס עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לעבן פון פאָלק שטייט נישט אויף איין אָרט. די באַציונגען און דער פאַרקער מיט די אַרומיקע שכנים האָבן געפאָדערט מער וועלטלעכקייט. בכן זיינען די צדוקים געשטאַנען פאַר אַ וועלטלעכער קולטור.

די א י ס י י ם, אָדער, ווי מען האָט זיי גערופן, די חסידים הראשונים, די ערשטע חסידים, האָבן געהאַלטן, אַז כל זמן די מענטשן וועלן זיך נישט דורכדרינגען מיטן גייסט פון די נביאים און וועלן נישט אויסבעסערן דאָס האַרץ, אַזוי לאַנג וועלן זיין צרות און אומגליקן אויף דער וועלט.

זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ באַזונדערער גייסטלעכער „חבורה" (געזעלשאַפט) מיט באַשטימטע תקנות און מיט צניעותדיקע, זייער איינפאַכע בגדים. זיי האָבן נישט געהאַלטן פון עשירות. יעדערער, וואָס איז אַריינגעטראָטן אין דערדאָזיקער כתה, איז לויט זייער געזעץ, מחויב געווען איבערצוגעבן דער „חבורה" אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, און אַלע „חברים" האָבן געהאַט דאָס רעכט דערפון גלייך צו געניסן. דעריבער האָבן די איסיים נישט געהאַט נישט קיין אָרימעלייט, נישט קיין עשירים. דאָס פאַרמעגן פון איטלעכן באַזונדער האָט זיך גערעכנט פאַרן אייגנטום

פון דער גאַנצער ברידערשאַפט. דאָס איז געווען אַן אמתע קאָמונע. זיי זיינען געווען צעזייט און צעשפּרייט אין אַ גרויסער צאָל איבער אַלע יידישע שטעט, נישט בלויז אין ארץ ישראל, נאָר אויך אין מצרים, קירענאַיקאַ, קליינאַזיע און אויף די אינזלען פון מיטללענדישן ים. אַז עס פלעגט פון ערגעץ קומען אַ מיטגליד פון דער „חבורה", פלעגט ער אומעטום ביי די איסיים באַגעגענען דעם שענסטן קבלת-פּנים און ער פלעגט געניסן די־זעלביקע רעכט, ווי אַלע אָרטיקע חברים. מענטשן, וואָס האָבן אים ביז דעמאָלט נישט געזען און נישט געוואוסט, האָבן אים אויפגענומען אַזוי גאַסטפריינטלעך, ווי זיי וואָלטן יאָרנלאַנג גוטע פריינט געווען. דעריבער פלעגט דער איסי, אַרויסגייענדיק אין וועג, מיט זיך קיינמאָל גאָרנישט מיטנעמען, אויסער אַ געווער צום באַשיצן זיך קעגן אַן אָנפאַל פון גזלנים. אין יעדער שטאָט איז געווען אַ מיטגליד פון דער חבורה, וואָס פלעגט נעמען אויף זיך די זאָרג וועגן די אורחים. ער פלעגט זיי אויפנעמען, געבן זיי פאַרשידענע ידיעות בנוגע צו די ווייטערדיקע נסיעות און באַזאָרגן זיי מיט בגדים, מיט שפּייז און מיט אַנדערע לעבנסמיטלען.

די איסיים פלעגן נישט האַנדלען, נישט קויפן און נישט פאַרקויפן איינער דעם אַנדערן. איטלעכער פלעגט געבן דעם צווייטן דאָס, אין וואָס יענער האָט זיך גענויטיקט.

ערדאַרבעט, מלאכה און ליבע צו גאָט און צו מענטשן, צו אַלע מענטשן, צו אַלע ליידנדיקע, געדריקטע און דערנידעריקטע; די פעסטע אמונה, אַז עס וועט קומען משיח און וועט אויסלייזן דאָס פאָלק ישראל און מיט אים אויך די גאַנצע געפּלאָגטע מענטשהייט פון דעם ים צרות און פּיין, וואָס זי טרינקט זיך אין אים; קערפּערלעכע און גייסטיקע ריינקייט,—אָט דאָס זיינען געווען די הויפּט-עקרים, די אני-מאמינס פון דער לערע, וואָס די איסיים האָבן לאַנגזאַם, שטיל און צנועותדיק פאַרשפּרייט וואוהין זיי זיינען געגאַנגען און וואו זיי זיינען געשטאַנען, ווייזנדיק אַ ביישפּיל פון זיך אַליין, פון זייער אייגענער העכסט-מאָראַלישער אויפפירונג.

אַ סך איסיים זיינען אָפּט אַוועק אין זייער באַגייסטערונג אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון אַלע ערדישע תענוגים און כמעט פון אַלע מענטשלעכע באַדערפעניש, האָבן זיך אָפּגעשיידט פון פרויען און זיינען געוואָרן שטרייגע נזירים. צוליב דעם זיינען זיי אַוועק אין די מדבריות, האָבן זיך געשפּייזט מיט די טייטלען, וואָס זיינען דאָרטן געוואַקסן, און האָבן פאַרבראַכט זייער לעבן אין טראַכטן און תפלות.
נעבן דער מאַרעאָטישער אָזערע האָבן געוואוינט די מער געלערנטע פון אַלע איסיים, און דער גרעסטער פון זיי איז געווען—ידידיה האלכסנדרוני. פון דעמדאָזיקן אָרט, נאָענט פון דער געלערנטער אלכסנדריא און אונטער דער השפּעה פון ידידיהס איבערגעגעבענער „חבורה״, איז ווייט און ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן תורה משה און די לערע פון די נביאים, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורכן פייער פון דער גריכישער פילאָזאָפיע.

דער ראש פון די איסיים אין מצרים איז אין יענער צייט געווען דער נייינציקיעריקער ח׳ני׳ו, איינער פון ידידיהס הייסטע פריינט און פאַרערער. חוניו איז אין דער חבורה געווען זייער געאַכט און געשעצט אַדאַנק זיין אויסערגעוויינלעכער געלערנטקייט און דעם שטריינג-יידישן אַרט לעבן, וואָס ער האָט געפירט. מיט זיינע טיפע גייסטיקע אויגן האָט ער געזען דעם עבר פון די מענטשלעכע דורות און אַריינגעקוקט אין וויטן עתיד אַריין, אין די קינפטיקע געוואַלדיקע געשעענישן פון דער פעלקער-געשיכטע. ער האָט געזען, ווי עס פאַלן די משפחות געטער פון פרס און אַראַביע, פון רוים און אַטען, ווי עס פאַרשווינדן די הכלים פון אַזיע און אייראָפּע, און די גאַנצע וועלט ווערט דורכגעדרונגען מיט דער אמונה אין איין-איינציקן גאָט, מיטן איין-איינציקן אמת פון וויסן און מיט דער אידייע פון ליבע צו דער מענטשהייט.
דאָס פאָלק האָט אים געהאַלטן פאַר אַ נביא און פלעגט זיך ציען צו אים פון אַלע עקן און קאַנטן נאָך טרייסט און היילונג פאַר זייערע צעווייטאָקטע הערצער.

חוניו האָט שוין לאַנג, צוזאַמען מיט ידידיהן, זיך פאַרנומען מיט דער דערציונג פון שאולן, וואָס פלעגט אַלע טאָג פאַרברענגען גאַנצע שעהן אין דעם קליינעם קעמערל פון דעם אַלטן ראש פון די איסיים. און די יונגע נשמה פון ידידיהס זון האָט אין זיך איינגעזאַפט די גאַנצע תורה פון די איסיים. דידאָזיקע תורה איז געווען אָרגאַניש צונויפגעגאָסן מיט זיין נשמה. זי איז געוואָרן דער מקור פון זיין לעבן. ער האָט אָבער דידאָזיקע תורה פאַרשטאַנען און געפילט אַ סך טיפער און ברייטער, ווי זיינע לערער, וואָס זיינען פאַרזעסן געבליבן אין די ד׳ אמות פון זייער שטרייגנער נזירות. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַזעצן אין אַ מדבר, אין אַ הייל, ווייט פון מענטשן און פון לעבעדיקן לעבן, און ראַטעווען די אייגענע נשמה. אים האָט ווי מיט צוואַנגען געצויגן צום לעבן, צו דער שטאָט, צו די מענטשן.

ער האָט געוואָלט לעבן צווישן פאָלק און צוקוקן זיך צו זיין לעבן, און אַריינטראָגן ליכט און האָפענונג און טרייסט אין דער פינסטערער טרויעריקער לופט פון די מענטשן. אים האָט געהויבן צו וואַנדערן איבער שטעט און לענדער, איבער ווייטע מדינות און אינזלען, כדי אומעטום צו טראָגן ליכט און וויסן, אומעטום צו פאַרטרייבן דעם חושך און געצנדינסט און פאַלשע אמונות און ברענגען צו די פעלקער די תורה פון ליכט און לעבן—די איינציקע תורה פון משה און די נביאים.

ער האָט געוואוסט, אַז אַ קליינער טייל פון די איסיים האָט זיך אָפגעטיילט פון דער גאַנצער חבורה און איז אַוועק אויף אַן אַנדער וועג, אויף אַ געפערלעכן וועג פון בשורות מיט די געצנדינער, און זיי האָבן זיך אָפגעזאָגט פון אַ סך הויפט-עיקרים פון תורת משה והנביאים, באַזונדערס פון דעם הויפט-עיקר פון ריינער אחדות-הבורא. ער האָט פאָרויסגעזען, אַז דאָס וועט ברענגען צו אַ שפּאַלטונג, אַז דאָס קאָן באַשאַפן אַ נייע אמונה, וואָס וועט אַרויסטרעטן מיט דער צייט אפילו מיט געוואַלט קעגן דער איצטיקער אמונה פון ריינער אחדות און וועט געבן אַ נייעם שווערד אין די הענט פון די געצנדינער קעגן דעם פאָלק ישראל, וואָס ביי אים איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן דער

גלויבן אין דער איין-אייניציקייט פון גאָט. ער האָט אפשר אינ-סטינקטיוו געפילט, אַז דאָ קאָן געשאַפן ווערן אַ בכיה לדורות. און שאול פּוליוס, דער זון פון ידידיה פילון האלכסנדרוני, האָט ביי זיך פעסט באַשלאָסן אָנצוהויבן אַ קאַמף קעגן דער משונה-דיקער לערע פון דעם מאַן פון תרשיש, וואָס איז געווען דער פירער פון דידאַזיקע אָפּגעטיילטע איסיים.

מיט אַזוינע געדאַנקען פלעגט שאול קומען צו חוניון און אַוועק-גיין פון אים. דער זקן האָט געהאַט גרויס הארצווייטאָק, דער-ווייסנדיק זיך וועגן די מחלוקות און דער גרויסער שפּאַלטונג, וואָס קומען פאָר צווישן די איסיים אין ארץ ישראל און וואָס טראָגן זיך שוין ביטלעכווייז אַריבער אויך אויף די ברעגעס פון ניל. ער האָט שוין אַליין גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן. צו שפּעט האָט ער איינגעזען דעם פעלער, דעם גרויסן פעלער, וואָס די איסיים האָבן געמאַכט דערמיט, וואָס זיי האָבן אין משך פון העכער הונדערט יאָר אָפּגעשלאָסן צופרידענע מיט זיך, מיט זייער ראַטעווען די אייגענע נשמה אין די מדבריות און אין די היילן, ווייט פון מענטשן און פון לעבן. ווען זיי וואָלטן נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק זיך צעשפּרייט איבער שטעט און לענ-דער, איבער די נאָענטע און ווייטע אינזלען, און פאַרשפּרייט גאָטס וואָרט צווישן די געצנדינער, וואָלט צו אַזאַ אומגליק נישט געקומען. געוויינט האָט אין אים זיין האַרץ, אָבער ער איז איצט הילפלאָז געווען. ער האָט נאָר געטאָן און באַגייסטערט דעם יונגן בעל-התפעלות שאול בן ידידיה מיט זיינע חברים אָנהייבנ-גער, זיי זאָלן זען כאָטש איצט פאַרריכטן דעם געוואַלדיקן פע-לער פון די פאָריקע דורות און זיי זאָלן ווערן די שליחים פון דער ריינער אחדות צווישן די פעלקער, אַז די וועלט זאָל זיין גליקלעכער און שענער.

אין שאולן האָט חוניו איצט געזען די אייניציקע האָפענונג פאַר זיינע אידעאַלן, וואָס מיט זיי און צוליב זיי האָט ער אָפּגע-לעבט אַזאַ לאַנג לעבן פון צרות און רדיפות אין ארץ ישראל, זינט די רוימער און די טיראַנישע משפחה פון דעם אדומי אַנ-טיפּטר זיינען געוואָרן די הערשער פון מלכות יהודה. איצט קאָן

ער רואיק שטאַרבן. נישט אומזיסט האָט ער געלעבט. ער בלייבט לעבן אין דעם גייסט פון זיין גאונישן תּלמיד שאולן, וואָס וועט פאַרענדיקן דאָס, וואָס ער, חוניו, האָט נישט באַוויזן אויפצוטאָן. און אַ וואַרעמע היילנדיקע ליבע האָט זיך צעגאָסן איבערן האַרצן פון דעם אַלטן פּאַטריאַרך פון די איסיים—אַ ליבע צו זיין גייסטיקן קינד, צו זיין תּלמיד שאולן.

און אויך שאול האָט צו חוניון אַ צאַרטע ליבע געשפּירט. ער האָט אין חוניוס געזעלשאַפט געפילט אַ נישט קלענערן תּענוג, ווי אין דער געזעלשאַפט פון זיין פאָטער. זיי זיינען ביידע ביי אים צוויי גלייכע לערער געווען. ער האָט אָפט נישט געוואוסט, וועמען עס קומט מער כּבוד: חוניון, צי דעם פאָטער. וואָרום אייגנטלעך איז אויך זיין פאָטער אַמאָל חוניוס אַ תּלמיד געווען. דעריבער האָט ער באַשלאָסן, אַז זיי שטייען ביי אים ביידע גלייך.

אָבער נאָך אַ זאַך האָט שאולן געצויגן צום בּרעג פון דער אָזערע מאַרעאָטיען. דאָס איז געווען דער „פּערל פון מאַרעאָטיען"—די זיבעצעניאָריקע ד אָ ר י ס, די אויפגענומענע טאָכטער פון חוניו האיסי, וואָס ער האָט זי דערצויגן.

זי איז געווען שיין און צאַרט, ווי שולמית אין שיר השירים, און קלוג און געלערנט איז זי געווען, און מונטער און מוטיק, ווי י ה ו ד י ת פון בתול. אין דער שטילער איינזאַמקייט, אין דער געזעלשאַפט פון גייסטרייכע, געבילדעטע לייט, האָט זיך דאָסדאָזיקע רייך באַגאַבטע קינד שטאַרק אַנטוויקלט און איז געוואָרן דער ליבלינג פון אַלעמען.

און גערופן האָט מען זי: „דאָס קינד פון די איסיים" קיינער האָט נישט געוואוסט, פונוואַנען דאָריס שטאַמט. איר יחוס איז געווען באַדעקט מיט אַ סוד. חוניו האָט געהע־ט צו יענעם טייל איסיים, וואָס פלעגן נישט חתונה האָבן, כּדי צו קאָנען ליבן אַלע מענטשן גלייך און אָפּגעבן אַלע זייערע כּוחות דעם גאַנצן פאָלק. אָבער זיי פלעגן מיט פאַרגעניגן אָננעמען פרעמדע קינדער, יתומים אָדער געפונענע, און פלעגן זיי דערציען מיט דער צאַרטסטער ליבע. איינמאָל, אין אַ שיינעם פרי-

מאָרגן, האָט איינער אַ מיטגליד פון דער חבורה, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון זיינע וואַנדערונגען איבער די זאַמדיקע פון די עגיפּטישע מדבריות, געבראַכט אַ צוויי-יאָריק עופהלע און איבערגעגעבן עס חוניון. דער באַרמהאַרציקער חוניו האָט גענומען דאָס קינד מיט צערטלעכע הענט פון אַ מוטער, האָט עס אַוועקגעלייגט אויף זיין בעט און אָנגעטאָן עס אין ריינע וועש. ביים אָנטאָן דאָס העמדעלע האָט ער אויפן קערפּערל פון דער יתומהלע באַמערקט אַן אָנגעשריבענעם פּאַפּירוס-בלאַט. אַז ער האָט דורכגעלייענט דאָס אָנגעשריבענע, האָבן זיך הייסע טרערן אַ גאָס געטאָן פון זיינע אויגן. פון דער רגע אָן איז חוניו געוואָרן אַ פאָטער פאַרן קינד און האָט עס ליב באַקומען מיט דער גאַנצער ליידנשאַפט פון זיין איידעלער נשמה.

דאָס איז געווען די איצטיקע דאָריס.

דעם סוד כון איר אָפּשטאַמונג האָט חוניו פּאָרזיכטיק אָפּגעהיט פון אַלעמען. מער נישט זיין געטרייען נאָענטסטן פריינט ידידיהן האָט ער איינמאָל אין אַ פריינטלעכן געשפרעך, אויג אויף אויג, אָנגעוואונקען דערויף.

אַזוי האָט זיך דאָריס געהאָדעוועט אין דער פרומער, גוטער, איידעלער און געבילדעטער סביבה פון די איסיים. איטלעכער האָט זיך מיט איר אָפּגעגעבן, איטלעכער האָט איר כאָטש אַ ביסל פון זיין טייערער צייט געווידמעט. זי האָט געלערנט די תורח פון די איסיים און איז ביסלעכווייז געוואָרן אַלץ מער באַגייסטערט פון איר.

זי איז דערצויגן געוואָרן און געוואַקסן צוזאַמען מיט ידידיה האַלכסנדרוניס זון, מיט שאולן, זיי האָבן זיך איינאַנדער ליב געהאַט, ווי אַ געטרייער ברודער מיט אַ געטרייער שוועסטער, און האָבן געמיינט, אַז אַזאַ לעבן וועט זיך ציען אייביק.

חוניו פלעגט מיט התפעלות קוקן אויף דידאַזיסע שיינע יונגע בליענדיקע וועזנס. טיילמאָל פלעגט זיך אים אויסווייזן, אַז דאָס זיינען גאָרנישט קיין מענטשנקינדער, נאָר עפּעס דורך אַ פּלאָדיקן צופאַל ערגעץ פון גן-עדן פאַרבלאָנדזשעטע יונגע, ריינע פרילינגס-מלאכים, וואָס אָט-אָט וועלן זיי געפינען זייער וועג

און וועלן פאַרשווינדן פון די אויגן אויף אייביק. ביים לעצטן געדאַנק פלעגט אַ שאָטן פון זאָרג און מון טיפן צער פאַרנעפּלען חוניוס אויגן.

איין טאָג איז דאָריס געווען, קעגן איר געוויינהייט, צעטראָגן. ס'איז שוין אַוועק האַלבער טאָג—און שאול איז נאָך נישט גע- קומען. געוויינלעך פלעגט ער אַלע טאָג קומען אין חוניוס וואוי- נונג גאַנץ פרי. וואָס האָט עס אים היינט געקאָנט פאַרהאַלטן? די זון האָט זיך גענומען נויגן אַלץ נידעריקער צו מערב, די אָוונט-שאָטנס זיינען געוואָרן אַלץ לייִנגער און לייִנגער, און דער אַזוי אומגעדולדיק אָפּגעוואַרטער פריינט האָט זיך נאָך אַלץ נישט געוויזן. דאָך האָט עפּעס אַ מאָדנע ביינקשאַפט, אַ ביינק- שאַפט, וואָס איז דאָריסן ביז אַהער נאָך גאָרנישט באַקאַנט גע- ווען, אַרומגענומען איר נשמה. זי האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען אין צימער, איז אַלע רגע אַרויסגעלאָפן אויפן וועג, וואָס האָט געפירט צו ידידיהס הויז, נאָר וויפיל זי האָט נישט אָנגעשטריינגט אירע אויגן, האָט זיך שאול אַלץ נישט געזען. חוניו האָט שוין לאַנג זיך צוגעקוקט צו דער שטומער ביינק- שאַפט פון דעם מיידל און ס'האָט אים געקלעמט דאָס האַרץ. ענדלעך האָט ער זי אַריינגערופן אין צימער און שטיל און וויך געפרעגט:

—פאַרוואָס איז מיין דאָריס אַזוי אומרואיק? אפשר דערפאַר, ווייל אונזער פריינט שאול האָט היינט אַ ביסל זיך פאַרזוימט?

—אויב מער נישט, ווי דאָס, וואָלט נישט אויסגעמאַכט!—האָט דאָריס געענטפערט מיט צער.—צי האָט מיט אים נישט פאַסירט עפּעס ביייז?

—דו ביזט, זע איך, זייער שרעקעוודיק געוואָרן. דאָס איז נישט גוט, מיין קינד! ווייס, אַז אונזער ליבער ידידיה האָט זיך די לעצטע טעג נישט גוט געפילט. דעריבער, מיין איך, האָט אונז שאול היינט נישט באַזוכט. אָבער זאָג מיר, קינד, צי ליבסטו שאולן אַזוי שטאַרק, אַז אַזאַ קורצע אָנשיידונג פאַרשאַפט דיר שוין יסורים?

—איך ליב אים אַ סך מער, איידער איך בין עס ביכולת אויס-צודריקן,—האָט שטיל, ווי בסוד, אַרויסגעמורמלט דאָריס און צו-געדריקט צו די ליפּן די הענט פון דעם גוטן חוניו, וואָס ז, האָט אים געהאַלטן פאַר איר פאָטער.

—אויב דו האָסט כּוחות פאַר אַזאַ ליבע, דאַרפסטו האָבן כּוחות אויך איבערצוטראָגן די צושיידונג און אויב עס וועט אויסקו-מען—אפילו אויף אַלעמאָל.

—די צושיידונג! אויף אַלעמאָל! וואָס פאַר אַ שרעקלעכע ווער-טער!—האָט זי אויסגערופן און האָט פאַרבראָכן פון יאוש די הענט.

—דאָריס, מיין טייערע טאָכטער,—האָט איר געמונטערט און באַ-רואיקט דער פאַרזאָרגטער חוניו,—רעג זיך נישט אויף, שרעק זיך נישט! איך האָב נישט געמיינט צו זאָגן, אַז איר דאַרפט אָדער מוזט צושיידט ווערן. איך האָב דיר געוואָלט בלויז דער-מאָנען, אַז דאָס גליק איז נישט דויערהאַפטיק, אַז עס זיינען דאָ טויזנטער צופאַלן, וואָס קאָנען אים צושטערן, און אַז מיר האָבן קיין רעכט נישט צו לעבן נאָר מיטן היינטיקן טאָג. געוויין זיך צו, קינד, צום געדאַנק, אַז שאולן קאָן אויסקומען צו מאַכן אַ נסיעה עבר לים; אַז יענע גרויסע געזעלשאַפטלעכע ענינים, וואָס ער מוז זיך אָפּגעבן צו זיי און וואָס דו אַליין ביזט מיט זיי באַגייסטערט געוועזן, קאָנען פאָדערן פון אים אַ לאַנגיאָריקע צו-שיידונג...

דאָס מיידל האָט זיך עטוואָס באַרואיקט און געזאָגט:

—זיי נישט ברוגז אויף מיר, גוטער פאָטער. אויף וויפיל איך קאָן זיך דערמאָנען, קומט מיר אויס היינט דעם ערשטן מאָל נישט צו זען אונזער טייערן פריינט. ביז היינטיקן טאָג האָב איך אַליין נישט געשפּירט, ווי איינג עס איז מיט אים פאַר-בונדן מיין נשמה. דאָך וועל איך זיך באַמיען צו קומען צוריק צום מוט, און דו וועסט נישט האָבן מער פון דיין דאָריס קיין פאַרדרוס.

—אָט אַזוי איז גוט, מיין קינד,—האָט חוניו געזאָגט מיט שטראַלנדיקע אויגן.—ווי דו ביזט איצט, וועסטו ווערט זיין דיין

איידעלן פריינט. איך זאָג דיר, אַז שאול וועט זיך נויטיקן אין אַ פעסטער און מוטיקער לעבנס-באַגלייטערין, וואָרום ער איז גערופן אויף דער וועלט צו אַ לעבן פון גרויסע און פּרולטבאַרע מעשים. איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, אַז בעת איך האָב גערעדט וועגן צושיידונג, האָב איך דיר געוואָלט דערציילן וועגן יענע זאָרג און מורא, וואָס לאָזן מיך נישט רוען די לעצטע צייט... דו ווייסט, אַז איך בין בלויז דיין פאָטער-דערציער. ווי וועט זיין, אויב דיין לייבלעכער פאָטער לעבט? אויב ער וועט פלוצלונג קומען און דערווייזן זיינע רעכט אויף זיין קינד? דו ווייסט, אַז דו געהערסט נישט צו אונזער פאָלק. ווי וועט זיין, אויב ער וועט אַ קוק טאָן פיינטלעך אויף דיין ליבשאַפט צו שאולן, אויב ער...

—דאָס קאָן נישט זיין! דאָס איז אוממעגלעך!—האָט די קליינע דאָריס געשריען.—איך גלויב נישט, אַז אַ פאָטער, וואָס האָט קיינמאָל נישט געזאָרגט וועגן זיין קינד פון יענער רגע אָן, ווען אָט דאָס עלנטע באַשעפעניש האָט צום ערשטן מאָל דערזען די שיין,—אַז אַזאַ פאָטער זאָל זיך אָן זיין קינד דערמאָנען אין זיבעצן יאָר אַרום און דאָס בלויז צוליב דעם, כּדי צו צעשטערן זיין גליק. אָט דערפאַר בין איך איבערצייגט, אַז מיין פאָטער לעבט שוין נישט.

—און אויב ער לעבט נאָך פונדעסטוועגן פאָרט?—האָט חוניו געפרעגט, קוקנדיק איר דורכדרינגלעך אין די אויגן.

—דאַן וועל איך מקיים זיין די מצוה פון כּבוד אב און איך וועל אים ליבן און אַכטן. אָבער ער טאָר זיך נישט שטעלן צווישן מיר און שאולן. דאַן וועל איך פאָלגן בלויז די עצות פון מיין טייערן, טייערן, ליבן פאָטער חוניו, וואָס האָט מיר אַ גליקלעכע דערציאונג און לערע געגעבן.

—דו ווייסט איצט מיין זאָרג און מיין מורא,—האָט זיך ווידער אָפגערופן חוניו,—און דו וועסט פאַרשטיין, ווי צו האַנדלען, אויב זיי וועלן פלוצלונג מקוים ווערן. פאַר מיר איז דאָס גענוג. פונדעסטוועגן וויל איך דיך באַרואיקן וועגן דעם, וואָס שאול

איז נישט געקומען און איך וועל שיקן קאַראַבאַסן צו אונזער פריינט ידידיהן געוואָר ווערן, וואָס זיי מאַכן אַלע.
קאַראַבאַס איז געווען אַן אומגליקלעכער מענטש, אַ תם און אַ חסר דעה, מיט אַ הויקער פון פאָרנט און פון הינטן, אָן אַ היים, אָן אַ קרוב און אַ גואל, פאַרלאָזן פון אַלע מענטשן. ער איז געגאַנגען קרועה-בלואה, כמעט מוטער-נאַקעט און באָרוועס. ער פלעגט אָפט אומגיין אַ הונגעריקער וויפיל טעג נאָכאַנאַנד, און וואו ער האָט גענעכטיקט איין נאַכט, האָט ער די אַנדערע נאַכט נישט גענעכטיקט. אַמאָל פלעגט זיך נאָך עמיצער אויף אים דערבאַרימען און אַ שטיקל ברויט אָדער אַ ביסל געקעכץ אים געבן צו שטילן זיין הונגער. זעלטן-זעלטן האָט מען זיך דערמאָנט אים צו שיינקען כאָטש אַ העמד צום לייב, אָבער קיינער האָט אים קיינמאָל, אפילו אין ערגסטן וועטער, צו זיך אויף נאַכטלעגער נישט אַריינגעלאָזן. זיינע טעג און זיינע נעכט האָט דער עלנטער קאַראַבאַס פאַרבראַכט אונטערן פרייען הימל, אונטער ברענענדיקע היצן און קעלט און רעגן.
אַזוי האָט ער געלעבט און געליטן יאָרנלאַנג.
מיט עטלעכע יאָר צוריק איז קאַראַבאַס איינמאָל געקומען צו דער מאַרעאָטישער אָזערע, אַ האַלב-טויטער פון הונגער. ער האָט זיך מיט גרויס מי קוים דערשלעפט צו דער וואוינונג פון חוניו, דעם ראש פון די איסיים און איז אַנידערגעפאַלן אין חלשות. די איסיים האָבן אים גלייך אַריינגענומען אין שטוב, האָבן אים אָפגעמינטערט, געגעבן אים עסן און טרינקען, אַרומגעוואַשן און ריינע מלבושים אָנגעטאָן. די גוטע דאָריס האָט אַ מאָדנע מיט-לייד דערפילט צו דעם אומגליקלעכן און האָט זיך שטאַרק גע-טענטלט אַרום אים. זי האָט וועגן אים ווי אַ געטרייע צאַרטע מוטער געזאָרגט און האָט אים מיט וואַרעמער ליבשאַפט גע-טרייסט.
פון דעמאָלט אָן איז קאַראַבאַס געוואָרן אַ מיטגליד פון חוניוס פאַמיליע.
ווער ער איז געווען און פונוואַנען ער איז געקומען—האָט מען בשום אופן נישט געקענט פון אים דערגיין, וואָרום ער האָט

לגמרי נישט געדיינקט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. גערעדט האָט ער שוואַך; עס האָט אויסגעזען, אַז נישט ער רעדט, נאָר ער בעבעט. צייטנווייז פלעגט ביי אים עפּעס ליכטיק ווערן אין מוח און פון זיינע אויגן האָט דעמאָלט אַרויסגעקוקט אַ שטראַל פון באַוואוסטזיין. דאָס זיינען אָבער געווען בלויז מאָמענטן, און וויפיל חוניו האָט זיך נישט באַמיט אַרויסצוקריגן פון אים עפּעס וועגן זיין פריערדיקן לעבן, האָבן זיך אַלע זיינע פּראָבעס שטענדיק געענדיקט מיט גאָרנישט. קאַראַבאַסעס זכרון פלעגט באַלד פאַרצויגן ווערן ווי מיט עפּעס אַ געדיכטן נעפּל, ער פלעגט אַרויסברייגגען אומגעלומפּערטע ווערטער, וואָס האָבן נישט געהאַט כמעט קיין שום שייכות איינס צום אַנדערן. ערגער פון אַלץ איז צוגעגאַנגען מיט נעמען פון מענטשן, וואָס ער האָט זיי בשום אופן נישט געקאָנט איינהאַלטן אין זכרון. אים איז געלונגען איינצוחזרן בלויז די נעמען פון: חוניו, דאָריס, ידידיה און שאול. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז אַלט געווען סך הכל פערציג יאָר, זיינען זיינע האָר אינגאַנצן גרוי געוואָרן. דאָס צערונצלטע געזיכט איז מערסטנטייל באַדעקט געווען מיט אַ קדחת-רויטקייט, נאָר אויף די ליפּן זיינע האָט אָן אויפהער געשפּילט אַ שמייכל. דאָריסן איז קאַראַבאַס געווען זייער געטריי און איבערגעגעבן. ווי אַ שטן איז ער נאָכגעגאַנגען נאָך איר אומעטום. אַז זי האָט זיך געזעצט אָפּרוען, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט נעבן אירע פיס אויף דער ערד און אָן אויפהער געשמייכלט, קוקנדיק אויף איר מיט זיינע ברייט-אָפענע אויגן.

קיין שום אַרבייט איז פאַר קאַראַבאַסן אין דערדאָזיקער פאַמיליע נישט געווען, ווייל דאָ האָט מען געפירט זייער אַ פּשוט און באַשיידן לעבן. איין איינציקע באַשעפטיקונג האָט ער דאָ געהאַט — צוויי אָדער דריי מאָל אין וואָך צו גיין אין שטאָט צו ידידיהן.

יעדעס מאָל, ווען קאַראַבאַס פלעגט קומען אין שטאָט, איז עס פאַר די גאַסן-יינגלעך געווען אַן אמתער יום-טוב. דער הויקערווייגער, זיין וואַקלדיקער הלוך און זיין אייביקער שמייכל אויף

די ליפּן האָט אַרויסגערופן לצנות און געלעכטער אָן אַ סוף. ער האָט דאָס אַלץ איבערגעטראָגן געדולדיק, און נאָך מער—אפילו מיט אַ קענטיקן פאַרגעניגן. גאַנצע מחנות שטיפער און ליידיק־גייער פלעגן אים נאָכלויפן אויף אַלע גאַסן און פלעגן מאַכן אַ ווילדן ליאַרם און געפילדער, שרייענדיק און קלאַפּנדיק ווי מיט פּויקן:

—קאַראַבאַס, קאַראַבאַס, קאַראַבאַס—באַס—באַס!

דערדאָזיקער ווילדער קאָנצערט פון ברומען, געפילדער און געוואַלדן האָט קאַראַבאַסן, קענטיק, פערשאַפט גרויס תענוג, וואָרום ער האָט שטיל געלאַכט און איז געשפּרונגען ווי אַ קינד, וואָס הערט שפּילן מוזיק.

די אלכסנדריער קונדסים האָבן זיך אָפּט דערלויבט אים צו פּייניקן, זיי האָבן אים געצופּט און געפּליקט פון אַלע זייטן, פאַרוואָרפן מיט שמוץ און גערייצט זיך מיט אים. זיי איז אָבער קיינמאָל נישט געלונגען קאַראַבאַסן אַרויסצוברייגנען פון געדולט. ער פלעגט זיך אַלעמאָל אומקערן פון שטאָט אַ צופרידענער.

דער רעש און די לעבעדיקייט פון שטאָט האָבן, קענטיק, גוט געווירקט אויף זיינע נערוון.

איינמאָל האָט ער זיך אומגעקערט פון אַזאַ מין נסיעה אַהיים אַ שטאַרק אויפגערעגטער. גרויסע טראָפּנס שווייס האָבן באַדעקט זיין שטערן, דער אָטעם איז געווען אַן אָפּגעהאַקטער, און אַ שוואַרץ פייערל האָט געברענט אין זיינע אויגן.

חוניו האָט באַלד באַמערקט, אַז מיט קאַראַבאַסן האָט פּאַסירט עפּעס אומגעווינלעכס. האָט ער אים געפרעגט, וואָס איז געשען מיט אים.

קאַראַבאַס האָט זיך לאַנג געראַנגלט מיטן קורצן אָטעם, נאָר ענדלעך האָבן זיך פון זיין ברוסט אַרויסגעריסן די ווערטער:

—איך האָב אים געזען! איך האָב אים געזען! אוי ווי איז מיר, חוניו!

באַמערקנדיק, אַז קאַראַבאַס געפינט זיך איצט אין פולן באַ־

וואוסטזיין, האָט חוניו זיך געפּרובט עפּעס דערוויסן וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט און האָט אים גיך געפרעגט:

—וועמען האָסטו געזען, ליבער קאַראַבאַס?

—אים! אים! דעם רשע! דעם רוצח!—האָט דער אומגליקלעכער געענטפערט מיט היץ.

—רוף זשע מיר אָן זיין נאָמען!—האָט זיך ביי אים חוניו געבעטן.

קאַראַבאַס האָט זיך אָנגעשטריינגט צו ריידן, נאָר—אומזיסט. פון מינוט צו מינוט איז זיין אויפרעגונג אַלץ שטאַרקער געוואָרן. די ליפּן האָבן פיבעריש געציטערט, די פויסטן האָבן שוידערנדיק זיך צונויפגעדריקט. צום סוף האָט ער זיך מיט כוח אַ קלאַפּ געטאָן איבערן שטערן און איז אַנידערגעפאַלן אין חלשות צו די פיס פון דעם זקן.

ווי אַלע איסיים, איז אויך חוניו באַקאַנט געווען מיט מעדיצין, דעריבער האָט ער שנעל גענומען עפּעס אַ רפואה און האָט איר צוגעלייגט קאַראַבאַסן צו די ליפּן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט יענער געעפנט די אויגן און האָט אַ שמייכל געטאָן צו חוניון מיט זיין פריערדיקן שמייכל. דער זכרון האָט אים ווידער פאַרלאָזן, די ערינערונג וועגן דער באַגעגעניש, וואָס האָט אים צו אַזאַ שטאַרקער אויפרעגונג געבראַכט, איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן.

חוניו האָט אָפּגעפירט דעם אָפּגעשוואַכטן קאַראַבאַסן צו זיין בעט, און אַז דאָריס איז אַריין אין צימער, איז שוין קאַראַבאַס דאָרט געשלאָפן.

פון דעם צופאַל אָן האָט חוניו נישט אויפגעהערט צו זוכן דעם שליסל צו דער רעטעניש פון קאַראַבאַסעס עבר, אָבער אים גופא האָט ער שוין מער קיינמאָל נישט פאַנאַנדערגעפרעגט.

קאַפּיטל דריי.

ידידיה-פילון האלכסנדרוני האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער מיוחסדיקער יידישער משפחה אין אַלכסנדריא. דורות-לאַנג האָט אין דערדאָזיקער משפחה געהערשט תורה און גדולה צוזאַמען. פון איר זיינען אַרויסגעקומען גרויסע חכמים און פון איר פלעגט מען אָפט אויסקלייבן אַראַבאַרכן (נשיאים) איבער דער יידישער באַפעלקערונג פון מצרים. ידידיהס ברודער, אַלכסנדר, איז געווען דער איצטיקער נשיא. זיי זיינען ביידע געווען זייער אָנגעזען ביי די רוימישע פּאַטריציער (אַריסטאָקראַטן), און אפילו דער פריערדיקער רוימישער קיסר, טיבעריוס אַליין, האָט זיי גרויס כבוד אַרויסגעוויזן. זיי זיינען דערצויגן געוואָרן אין תורה און חכמה און אין יראת שמים, אין אַכטונג און ליבע צו זייער פאָלק און צו ירושלים.

אין דער עפּאָכע פון די חשמונאים האָבן די יידן אין די גלות-לענדער געלעבט בשלום מיט די פעלקער, זייערע שכנים, און יענע איז אפילו אויפן זינען נישט אַרויף צו באַליידיקן מיט עפּעס די יידן. זינט אָבער הורדוס, דער זון פון אַנטיפּטר דעם

א'רומי, האָט אויסגעקוילעט די גאַנצע חשמונאישע דינאַסטיע און
האָט זיך, מיט דער הילף פון די רוימער, אַנידערגעזעצט אויפן
טראָן פון מלכות יהודה, איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן די ממשלה
פון רוים איבער ארץ-ישראל און זי האָט אַלץ מער אַרויפגע-
לייגט איר אכזריותדיקע האַנט אויף די יידן. ווערום הורדוס
און זיינע קינדער זיינען געווען פאַרקויפטע קנעכט ביי די רוי-
מער און זיי האָבן אָפּגעטאָן פאַרשידענע עולות, בכדי נושא חן
צו זיין אין די רוימישע אויגן. די בלוטיקע מעשים פון הור-
דוסן און פון זיינע קינדער האָבן אַרויסגערופן געוואַלדיקע
מהומות און מרידות אין לאַנד און דאָס האָט ווידער געבראַכט
דערצו, אַז גאַנץ ארץ-ישראל האָט זיך געטרונקען אין בלוט.
סוף-כל-סוף איז זי אינגאַנצן אַריינגעפאַלן אין דער מאַכט פון
די רוימער, וואָס האָבן אפילו נישט איבערגעלאָזט קיין שיין פון
זעלבסטשטענדיקייט פאַר די יידן. די אכזריות פון די רוימער
האָט אַרויסגערופן אַ ברענענדיקע שנאה פון די יידן צו די
פרעמדע, וואָס באַלעבאַטעווען אין מלכות יהודה, און דידאָזי-
קע שנאה, ווידער, האָט געפירט פונקט צו אַזאַ שנאה פון די
רוימער און גריכן צו די יידן. דידאָזיקע קעגנזייטיקע שנאה
האָט געבראַכט צו בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן די יידן און
די רוימער און גריכן אין ארץ-ישראל, און צו אכזריותדיקע
רדיפות און רציחות מצד די גריכן און רוימער קעגן די פרעמ-
דע יידן אין אַנדערע רוימישע מדינות.

באַזונדערס שטאַרק און בולט האָט זיך דידאָזיקע שנאה אַרויס-
געוויזן אין אַלכסנדריא של מצרים. כל זמן עס האָבן געלעבט
די פריערדיקע רוימישע קיסרים, אויגוסטוס און טיבעריוס, איז
די שנאה פון די גריכן צו די יידן אין אַלכסנדריא פאַרשטיקט
געוואָרן אינעווייניק, אין די הערצער. בעת עס איז אָבער אַרויף
אויפן טראָן קאַיוס קאַליגולאַ, איז די שנאה אַרויסגעשוואומען פון
איר באַהעלטעניש. דאָ האָבן זיך באַוויזן אויף דער סצענע אַפּיון
און דעמעטריוס, איזידאָרוס און לאַמפּאָ, די גרעסטער המנס פון
יענער צייט. זיי האָבן אויף אַלע גאַסן און מאַרקפּלעצער, אין
די הויפן און הייזער געהאַלטן בלוטיקע רעדעס פאַר די גריכי-

שע המונים קעגן די פרעמדע יידן און האָבן גערופן די גריכן אויסצעשעכטן אַלע יידן פון אַלכסנדריא, פּאַרוויסטן זייערע היי-ליקייטן און צוראַבירן זייער האָב און גוטס.
די לאַגע איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן געפערלעכער. אַ ליאַדע מינוט האָט מען זיך געקאָנט ריכטן אויף אַ שחיטה.
ס'איז געבליבן בלויז איין-איינציקער מיטל: צו שיקן אַ דעפּוטאַ-ציע צום קיסר קאַיוס קאַליגולאַ, און צו בעטן ביי אים שוץ און הילף.
אַלס עלטסטע פון דערדאָזיקער דעפּוטאַציע האָבן די אַלכסנדריער יידן אויסגעקליבן די ברידער ידידיה און אַלכסנדר.
דערדאָזיקער טאָג, ווען ידידיה איז אויסגעוויילט געוואָרן צו פאָרן קיין רוים, איז פאַר אים געווען איינער פון די סאַמע ערנסטע מאָמענטן פון זיין לעבן. היינט האָט ער זיך געדאַרפט שיידן, ס'קאָן זיין, אפשר, אויף אייביק, מיט זיינע טייערע ספרים, מיט זיין וויסנשאַפט, וואָס ער איז איר טרייער דינער געווען אין משך פון זיין גאַנצן לעבן. פון די קינדערשע יאָרן אָן האָט ער באַקומען אַן אומגעוויינלעכע ליבע צו תורה און חכמה, און וואָס ווייטער, איז דידאָזיקע ליבע אַלץ טיפער און שטאַרקער געוואָרן. ער האָט שטודירט אַלע פרייע וויסנשאַפטן פון זיין צייט, ער האָט די גאַנצע „חכמת יונית" איינגעזאַפט אין זיין מוח—פון דער פּאָעזיע פון דעם אוראַלטן גריכישן דיכ-טער האָמער, ביז דער פילאָזאָפיע פון סאָקראַט, אַריסטאָטעלעס און פלאַטאָן. ער האָט ליב געהאַט די אַלע פילאָזאָפן. אָבער דעם אמת האָט ער נאָך ליבער געהאַט. העכער פון אַלץ איז ביי אים געשטאַנען די „חכמת האמת", ווי ער האָט אָנגערופן די געטלעכע חכמה פון תורת משה והנביאים. די פילאָזאָפיע פון דער יהדות איז ביי אים געווען די „העכסטע פון אַלע חכמות", דער תמצית פון אמת. אַלע וויסנשאַפטן האָבן אים געדינט בלויז אַלס געהילפן פון דער תורה, פון דער געטלעכער חקירה. די תורה איז געווען די פרייד פון זיין לעבן, זיין האָפנונג און זיין גליק. דאָס ליכט פון דער תורה, האָט ער געהאַלטן, וועט פאַר-טרייבן דעם חושך פון דער געצנוועלט און די ליבע אירע וועט

אויסראָטן די שנאה צווישן מענטש און מענטש און צווישן פאָלק און פאָלק. ווי קאָן ער איצט אַרויסגיין פון די ד׳ אמות פון דער תורה אויף דער וועלט פון קליינלעכע מעשים? ווי קאָן ער זיך שיידן מיט דער ליבער וויסנשאַפט? אָבער זיין פאָלק שטייט אין געפאַר, דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, דער טרעגער פון דעם ריינסטן אמת, וואָס דאַרף איבערבויען די וועלט און באַנייען די מענטשהייט! אַ שאַרפער בלוטדורשטיקער שווערד הייגט איבער די קעפ פון אַ מיליאָן יידן אין מצרים און ווינקט מיט זיין שרעקנדיקן גלאַנץ צו דעם קערן פון פאָלק אין יהודה! דער געשוגענער קאַיוס קאַליגולאַ האָט אויפגעהויבן אַ האַנט צו פערשוועכן די הייליקייט פון ירושלים און דערנידעריקן ישראל אין די אויגן פון אַלע אומות העולם! די גרויזאַמע סכנה האָט פון ידידיה האלכסנדרוני געפאָדערט דעמדאָזיקן קרבן פון בטול-תורה. די צייט איז אָבער קורץ, מען מוז זיך איילן, און ידידיה האָט קיין סך נישט געקלערט און באַשלאָסן צו ברייגנען דעם קרבן אפילו מיט זיין אייגן לעבן, בכדי צו ראַטעווען דאָס לעבן און דעם כבוד פון זיין פאָלק.

ידידיהס שליחות קיין רוים האָט געהאַט נאָך אַן אויפגאַבע: ער האָט געדאַרפט פאַרטיידיקן תורת משה, וואָס איז פול מיט ליבע צו דער מענטשהייט, און וואָס איז קעגן די חוצפהדיקע באַשולדיקונגען און רכילות פון אַפיונען און זיין חברה. דער זיבעציקיאָריקער ידידיה האָט געדאַרפט אַוועקוואַרפן זיין פרידלעכע וואוינונג, פונוואַנען עס זיינען איבער דער גאַנצער וועלט פאַרשפרייט געוואָרן אידייען פון ליבע און וויסן, פון ריינער עטיק און גייסטיקער שיינקייט, און אַרויסטרעטן אין אַ קאַמף קעגן שנאה און עם-הארצות, קעגן דער העסלעכער גראָבקייט און הילדער רשעות.

פונקט ווי דער גרויסער הלל, האָט אויך ידידיה דערוויזן, אַז דער הויפט-יסוד פון דער יידישער רעליגיע איז: „ואָהבת לרעך כמוך״—האָב ליב דעם צווייטן, ווי זיך אַליין. אַ לעבן האָט ער אָפּגעלעבט אין אַ וועלט פון חלומות וועגן אַלוועלטלעכער ליבע, אמת און ליכט. ער האָט געמיינט, אַז בלויז דאָס גוטע וואָרט

אָן וכוחים, אָן קאַמף, קאָן ווירקן. איצט האָט ער געמוזט זיך באַגעגענען מיט דער ביטערער ווירקלעכקייט און נישט געניטער־הייט אַריינטרעטן אין אַ מלחמה קעגן די אויסגעטראַכטע שקרים און העסלעכע בלבולים.
זיין קלאָרער שכל האָט אים געזאָגט, אַז ער מוז שטאַרק אַר־בעטן אין צוויי ריכטונגען. ערשטנס, זיך ווענדן צום טראָן: דער קיסר מוז באַשיצן דאָס פאַלש־באַשולדיקטע יידישע פאָלק. צווייטנס—אויפהויבן דעם געפאַלענעם מוט פון זיינע ברידער און לערנען און טרייסטן זיי מיט דער האָפנונג אויף בעסערע צייטן, און אויפקלערן דעם עצם פון דער יידישקייט יענעם בעסערן טייל פון דער גריכישער באַפעלקערונג, וואָס איז צוטומלט גע־וואָרן דורך די שקרים פון אַפיונען און זיינע פריינט.
מיט דעמדאָזיקן צוועק האָט ער די לעצטע טעג בהתמדה געאַר־בייט איבער אַ ספר מיטן נאָמען: „וועגן דער ליבע צו אַ צווייטן אין תורת משה".
מיט דעמדאָזיקן ווערק האָט ער איבערהויפט געהאַט אין זינען די יידישע יוגנט פון אַלכסנדריא. אַ סך יידישע יונגעלייט זיינען דערצויגן געוואָרן אין די שולן פון די געצנדינערישע סאָפיסטן, וואָס האָבן געדרשנט בלויז גראָבע ליבע צו זיך אַליין און דעם אייגענעם נוצן און האָבן אינגאַנצן פאַרוואָרפן די מאָראַל און די עטיק, די לערע פון מוסר און גוטע מדות. ידידיה־פילון האָט מורא געהאַט, אַז די דאָזיקע אַסימילירטע יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן נישט געוואוסט די יידישע תורה און די יידישע געשיכ־טע, קאָנען אונטערן איינפלוס פון אַפיונס בייזע באַשולדיקונגען אַריינפאַלן אין אַ ביטערן טעות און זיך אינגאַנצן אָפּרייסן פון יידישן פאָלק. וואָרום עס זיינען שוין פאָרגעקומען אייניקע פאַלן פון אַזוינע בגידות, און די יידישע בוגדים זיינען געוואָרן די ערגסטע, די גיפטיקסטע צוררים פון זייער פאַרלאָזענעם פאָלק.

עס איז שוין צוגעפאַלן דער אָוונט, בעת ידידיה האָט פאַרענ־דיקט זיין ווערק. כמעט דעם גאַנצן טאָג אָן אויפהער האָט ער איבער אים געאַרבעט.

זיין פרוי איז געזעסן ביים שפינדל און האָט עטלעכע מאָל געוואָלט אים אָפּרייסן פון דער אַרבעט, אָבער ידידיהס פאַרטיפטקייט האָט איר אָפּגעהאַלטן; זיין שיין געזיכט האָט געשיינט פון באַגייסטערונג. זי האָט זיך נישט באַשלאָסן אים איבערצורייסן אפילו דאַן, ווען זי האָט אָנגעהויבן ווערן אומרואיק, וואָס שאול איז אַזוי לאַנג נישטאָ.

ענדלעך האָט זיך ידידיה אויפגעהויבן פון אָרט מיט די ווערטער:

—מיין אַרבעט איז פאַרענדיקט. וואו איז שאול?

—ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט אומגעקערט פון שטאָט,—האָט געענטפערט די פרוי.

—נאָך נישט געקומען? ער איז דאָך אַוועק פון שטוב זייער פריִ?

די פרוי האָט נאָך נישט באַוויזן צו ענטפערן, ווי אויף די טרעפּ האָט זיך דערהערט אַ גערויש. באַלד דערויף זיינען אַריין שאול און זיין פעטער אלכסנדר.

די אַריינגעקומענע זיינען באַגעגנט געוואָרן מיט פרייד און אַלע פיר האָבן זיך אַ קורצע ווילע געהאַלוט און געקושט.

שאול האָט בקיצור דערציילט וועגן דעם, וואָס ער האָט געטאָן אין דער אַקאַדעמיע.

—איך האָב היינט דערהאַלטן פון רוים אַ ידיעה פון דעם בן-מלך הורדוס אַגריפּס...—האָט זיך דער אַלאַבאַרך געווענדעט צו ידידיהן

—פון אַגריפּסן, האָסטו געזאָגט?—האָט אים ידידיה איבערגעריסן.—ער זיצט דאָך שוין עטלעכע חדשים אין געפענגעניש און, ווי עס ווייזט אויס, איז נישטאָ פאַר אים קיין שום האָפנונג באַפרייט צו ווערן!

—יאָ, אָבער דאָס האָט נאָר געקאָנט זיין פאַר דעם מלך טיבעריוס. איצט אָבער זיצט אויפן טראָן קאַיוס קאַליגולאַ, וואָס איז אַגריפּסעס אַ פריינט נאָך פון דער קינדהייט, ווייל זיי זיינען צוזאַמען דערצויגן געוואָרן. אָט לייען אַליין דעם בריוו.

ידידיה האָט שנעל דורכגעלייענט דעם בריוו.

—ווי געפינסטו אונזער לאַגע?—האָט דער אַלאַבאַרך אַ פרעג געטאָן זיין ברודער.

—אָפנהערציק גערעדט, בשום אופן נישט בעסער,—האָט ידידיה געענטפערט.—איך האָב צו זיי בּיידן נישט קיין צוטרוי: נישט צו קאַליגולאַן, נישט צו אַגריפס דעם אדומי.

—פאַרוואָס אָבער?—האָט געפרעגט דער אַלאַבאַרך אין פאַרצווייפלונג.

—איך האָב שוין אַ צייט ידיעות פון זיכערע קוועלן וועגן דער כאַראַקטער פון קאַליגולאַן, און לויט די ידיעות קאָן איך דערוואַרטן בלויז שלעכטס פון אָט דעם רוימישן מלך. ער איז אַ פאַלשער מענטש, אַן אכזר און אַ פחדן. די מקורבים זיינע האָבן נאָך אין זיין יוגנט באַמערקט אין אים סמנים פון משוגעת. און איצט ווייזן זיך אַלץ מער און מער אַרויס דידאָזיקע סמנים. איינער פון אונזערע וואַנדערער-איסיים, וואָס איז ערשט געקומען פון רוים, האָט מיר איבערגעגעבן אַ שרעקלעכע ידיעה, וואָס הערנדיק זי, גייט אַריבער אַ קעלט איבערן לייב. ווי נבוכדנצר מלך בבל אין זיין צייט, האָט זיך אויך קאַליגולאַ איינגערעדט, אַז ער איז אַ גאָט, און ער פאַדערט מען זאָל צו אים דינען, ווי צו אַ גאָט. עס איז נאָך נישט בעוואוסט, וואָס ער וויל טאָן, אָבער איינס איז זיכער, אַז ער וויל פאַרשוועכן די הייליקייטן פון אונזער פאָלק. איך רעכן, אַז ער וויל איבערחזורן די מעשים פון אַנטיורוס עפּיפאַנוס.

מיין איינציקע האָפנונג איז נאָר אויף דאָס ליכט פון תורת משה, וואָס מיר וועלן אויפדעקן פאַר זיינע פאַרבלענדטע אויגן. אפשר וועט זיין אויג דערזען, זיין אויער דערהערן און זיין שכל באַנעמען? אויף דעם שפּלן אַגריפסן אָבער האָף איך גאָרנישט.

דער אַלאַבאַרך איז אומעטיק געוואָרן און זיין שטערן האָט זיך באַדעקט מיט קנייטשן פון זאָרג און אומצופרידנקייט.

—ניין, ברודער,—האָט ער געזאָגט צו ידידיהן,—נישט מיט לאָגיק און נישט מיט ריינער שיינקייט פון תורה און חכמה קאָן מען איינגאַנצן ווירקן אויף קאַיוס קאַליגולאַ. איך האַלט פאַר-

קערט, אַז דאָ קאָן נאָר אַגריפּס אונז קומען צו הילף. אַגריפּס איז זיין האַרציקסטער פריינט און ער האָט אויף אים אַ געוואַלדיקע ווירקונג. ווי דו קאָנסט זען פון דעם בריף, איז נאָך ווייניק, וואָס קאַליגולאַ האָט אים באַפרייט פון תפיסה, נאָר ער האָט אים נאָך אויך אָנגעטאָן אַ קרוין אויפן קאָפּ—די קרוין פון מלכות יהודה. דו פאַרשטייסט, יהודה איז ווידער אַ מלוכה געוואָרן, נישט בלויז אַ פשוטע רוימישע פּראָווינץ. און דאָס האָט אַגריפּסעס איינפלוס געמאַכט.

—יאָ, אָבער מיר דוכט, אַז אַגריפּס איז נישט דער מענטש, וואָס זאָל קאָנען פאַרבעסערן די לאַגע פון אונזער אומגליקלעכן פאָלק. אין זיינע אָדערן פליסט דאָך דאָס בלוט פון זיין זיידן הורדוס האדומי... אָ, די אדומים! זיי האָבן אַ גרויסן חלק געהאַט אין דעם ערשטן גלות-יהודה, זיי האָבן געהאָלפן נבוכדנצרן אין דער באַלאַגערונג פון ירושלים...

צוזאַמען מיט די כשדים האָבן די אדומים, אונזערע פאַלשע ברידער, געוואָרפן גורל אויף דער חלוקה פון ישראלס לאַנד. דאָס איז זייער ציל געווען אין אַלע דורות—צו ווערן די באַלעבאַטים איבער יהודה. דערצו האָבן זיי אַלע מיטלען אויסגענוצט—אפילו די יידישע אמונה. בלינד איז געווען יוחנן הורקנוס החשמונאי, בעת ער האָט מיט הונדערט פופציק יאָר צוריק געצוואונגען די אדומים אָנצונעמען אונזער אמונה, כדי עשו מיט יעקבן זאָלן ווערן איין פאָלק. נישט מיט געוואַלט קאָן מען איבערצייגן די פאַרפירטע, אַז זיי זיינען פאַרפירט. נישט מיט צוואַנג-מיטלען קאָן מען אַ נייעם אמת דערווייזן און אַ נייעם גלויבן דערוועקן. איצט ליידן מיר פאַר די זינד פון אונזערע עלטערן. די אדומים האָבן ביסלעכוויז פאַרכאַפּט די גאַנצע ממשלה איבער דעם אויסדערוויילטן פאָלק און זיי פירן אים צום אונטערגאַנג. הורדוס האָט קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען אונזער דת, אונזער גייסט, ער האָט נישט געליבט אונזער פאָלק און ער האָט פאַרגאָסן די גאַסן פון ירושלים מיט בלוט, כדי איינצוהאַלטן די מלוכה אין זיינע הענט. אַגריפּס איז, אמת, נאָר אַ האַלבער אדומי,—ער איז אָבער אויך מער נישט ווי אַ האַל-

בער ייד. אין אים איז צונויפגעמישט גוטס און שלעכטס, גערעכטיקייט און רשעות, שכל און נאַרישקייט. עד היום האָט אָבער אין אים גובר געווען דאָס שלעכטע. ער האָט געפירט אַן אויסגעלאַסן לעבן, פונקט ווי מען איז זיך נוהג אין יענער רוימישער סביבה, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיינע טעג און זיינע יאָרן. בכן זאָג דו אַליין, ליבער ברודער, צי קאָן אַגריפּס זיין יענער רודערמאַן, וואָס זאָל מיט אַ פעסטער האַנט קאָנען דורכפירן אין אַ זיכערן האַפן די שיף פון ישראל, וואָס שווימט צווישן טויזנטער געפערלעכע פעלזן?

אַגריפּסעס פאָטער, אַריסטובלוס, איז געווען דער צווייטער זון פון הורדוס דעם ערשטן (געשטאָרבן פיר יאָר פר״ע פאַר דער ביירער צייטרעכענונג) און מרים החשמונאית. נאָכדעם ווי דער ווילדער טיראַן הורדוס האָט דערהרגעט זיין אומשולדיקע צאַרטע פרוי מרים, האָט ער אין דער שטאָט שמרון געטויט אויך זיינע צוויי זין פון איר—אלכסנדרן און דעם דערמאָנטן אַריסטובלוסן. דעם קליינעם אייניקל אַגריפּסן האָט הורדוס אַוועקגעשיקט קיין רוים. דאָרטן איז אַגריפּס דערצויגן געוואָרן צוזאַמען מיט דרוזוס, דעם זון פונם מלך טיבעריוס. בעת ער האָט דערגרייכט דעם עלטער פון אַכצן-צוואַנציק יאָר, האָט ער אין אַ פאַרדאָרבענער געזעלשאַפט פאַרשווענדט דאָס גרויסע פאַרמעגן, וואָס ער האָט געירשנט פון זיין מוטער, און ער איז אַריינגעפאַלן אין גרויסע חובות. אַז זיין פריינט דרוזוס איז געשטאָרבן, האָט אַגריפּס פאַרלאָרן די לעצטע שטיצע, און מורא האָבנדיק פאַר די בעלי-חורות אין רוים, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק קיין יהודה. אָבער אויך דאָרטן איז אים געגאַנגען אַלץ ערגער און ערגער, ער איז געפאַלן אַלץ נידעריקער און נידעריקער, ביז ער איז געצוואונגען געווען צו פאַרבאָרגן זיך ווייט פון ירושלים.

ער האָט זיך באַזעצט אין אַ שטאָט אין אדום, נאָר אויך דאָ האָט אים דער שלימזל פאַרפאָלגט אים איז מיטאַמאָל אַזוי שלעכט געוואָרן, אַז ער האָט זיך שוין ביאש געווען פון יעדער האָפנונג און האָט זיך געוואָלט נעמען דאָס לעבן. דאַן האָט אויך

אים רחמנות געהאַט זיין גוטהאַרציקע פרוי קיפּרוס. אַן אייניקל פון הורדוסעס בעסערן ברודער פּזאֵלן. זי איז פאַר אים געווען אַ מליץ יושר ביי הורידיה, די פרוי פון זיין פעטער הורדוס אַנטיפּס, דעם טעטראַרך (נשיא איבער אַ פערטל פּראָווינץ) פון גליל און עבר הירדן. הורידיה האָט איבערגערעדט איר מאַן און ער האָט אַגריפּסן געראַטעוועט פון אַ הונגערטויט, אָבער אַגריפּס האָט באַלד טיף דערפילט די גאַנצע חרפה פון אַזאַ נישטיקער לאַגע און די האָפערדיקע באַציונג צו אים מצד זיין פעטער. הורדוס אַנטיפּס, דער צווייטער זון פון הורדוס דעם ערשטן, האָט נישט געקאָנט מוחל זיין אַגריפּסן זיין האַלב חשמונאישן יחוס און ער האָט אים דערנידעריקט, מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. איינמאָל האָט ער אויף אַ גראָבן אופן געגעבן אַגריפּסן אָנצוהערעניש, אַז זיין לעבן הייננגט אָפּ פון זיין, הורדוס אַנטיפּסעס, גוטן ווילן און אַז ער איז זיין האַר און באַפעלער. דאָס האָט אַגריפּס שוין נישט געקאָנט מער אַריבערטראָגן, און ער איז אַוועק קיין אַנטיוכיא צום רוימישן פּאַרוואַלטער, וואו ער איז אויך באַלד אַרויסגעיאָגט געוואָרן. דערין איז שולדיק געווען אַגריפּסעס אייגענער ברודער, אַריסטובול, וואָס האָט אויף אים פון קנאה אָנגערבילוהט פאַר פלאַקוסן, און יענער האָט אים אַרויסגעטריבן. ווידער געדריקט פון דער בייזער נויט, געשטיקט און פּאַרפּאָלגט פון די בעלי-חובות, פּאַרלאָזן פון זיינע נאָענטסטע קרובים און פון זיינע לייבלעכע ברידער, בלאָנקענדיק ווי אַ שעפּעלע, האָט אַגריפּס באַשלאָסן נאָכאַמאָל צו פּרובן גליק אין רוים. אָבער דאָ איז ער פּלוצלונג אַרעסטירט געוואָרן אין דער שטאָט יבנה דורכן פּאַרוואַלטער פון די קייזערלעכע גיטער. מען האָט אים באַשולדיקט, אַז ער האָט נישט באַצאָלט דעם מלך אַ חוב פון דרייהונדערט טויזנט גאָלדענע אדרכמונים (אַן ערך זיבנאונדרייסיק טויזנט און אַ האַלבן רובל). כמעט בדרך נס איז דעם אומגליקלעכן אַגריפּסן געלונגען אַנטרונען צו ווערן פון די הענט פון די פּאַרפּאָלגער און ער איז אָנגעקומען קיין אַלכּסנדריא של מצרים. דאָ האָט ער זיך געווענדט נאָך הילף צום אַלאַבאַרך אַלכּסנדר. דער גוטער אַלאַבאַרך האָט אויף אים

רחמנות געהאַט און האָט אים אויסגעלייזט פון זיינע צרות. ער האָט אים געגעבן מיטלען און הוצאות הדרך אויף זיין ווייטער-דיקער נסיעה קיין רוים.

אַגריפּס איז אָנגעקומען קיין רוים אין יאָר פיראונדרייסיק פאַרן חורבן בית-שני און דער קיסר טיבעריוס האָט אים מקבל פּנים געווען זייער פריינטלעך, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַג-ריפּס איז געווען דער חבר און טרייער פריינט פון זיין גע-ליבטן זון דרוזוס, וואָס איז געשטאָרבן יונגערהייט. אַגריפּס האָט פאַרגעסן אָן אַלע זיינע צרות און עס האָט זיך אין אים ווידער אויפגעוועקט די תאווה צו שיטן מיט געלט אָן אַ חשבון אויף אַלע וואוילטאָגן און תענוגים פון לעבן. ער האָט ווידער געגומען זינקען אין אַ תהום פון זנות און שכרות. עס האָבן זיך געפונען בייזע צינגער, וואָס האָבן אונטערגעזאָגט דעם מלך, אַז אַגריפּס איז שולדיק אין אוצר המלוכה דרייהונדערט טויזנט אַדרכמונים. דער מלך איז אויפגעבראַכט געוואָרן און האָט אים פריינט באַקומען. דאַן האָט אויף אים רחמנות געהאַט איינע אַ זייער חשובע פרוי פון רוים, דער מלכהס שוועסטער אַנטאָניאַ, וואָס איז געווען אַן איבערגעגעבענע פריינטין פון אַגריפּסעס מוטער. דידאָזיקע פרוי איז געווען אַ גרויסע חכמה. די גרעסטע לייט פון רוים, די זקנים, וואָס זיצן אין סענאַט, פלעגן זיך צו איר ווענדן נאָך עצות. זי האָט איינגעצאָלט דעם מלך אַגריפּסעס חובות און האָט אַזוי ווייט געווירקט מיט איר חכמה אויף טי-בעריוסן, אַז ער איז באַלד ווייכער געוואָרן, האָט אַגריפּסן ווי-דער מקרב געווען און האָט אים אפילו באַשטימט פאַר אַ מדריך פון זיין אייניקל טיבעריוס גאַמעלאַ.

אַגריפּס איז באַלד שטאַרק באַחברט געוואָרן מיט קאַיוס קאַליגו-לאַ, דעם יורש פון קייזערלעכן טראָן נאָך טיבעריוסן. איינמאָל איז אַגריפּס באַזונדערס אויפגעלייגט געווען און פון זיין מויל האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אַן אומפאָרזיכטיקע פראַזע:

„הלואי וואָלט שוין קומען דער טאָג פון טיבעריוסז און די מלוכה זאָל אַריבער צו קאַליגולאַן".

דידאָזיקע ווערטער זיינען באַלד איבערגעגעבן געוואָרן דעם מלך

ט בעריוס. דער מלך איז אָנגעצונדן געוואָרן פאַר צאָרן און האָט באַפוילן אַריינצוזעצן אַגריפּסן אין תפיסה, וואו דער יידי־ שער בן מלך איז אָפּגעזעסן גאַנגע זעקס חדשים. אַז קאַיוס קאַ־ ליגולאַ איז נאָך טיבעריוסעס טויט אַרויף אויפן רוימישן טראָן, האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין געטרייען פריינט אַגריפּסן און האָט אים באַפרייט פון תפיסה. ער האָט אים אויפגענומען ווי אַ מלך, און האָט אים געשאָנקען אַ גאָלדענע קייט אַלס אַ דאַנק־ צייכן פאַר די אייזערנע קייטן, וואָס אַגריפּס איז אין זיי גע־ שמידט געווען. נאָכמער, קאַליגולאַ האָט אַגריפּסן אפילו אַ גאָל־ דענע קרוין אויפן קאָפּ אָנגעטאָן אַלס מלך פון יהודה, נאָר פון גרויס ליבע צו אַגריפּסן האָט ער אים אָפּגעהאַלטן ביי זיך אויף אַ גאַנצן יאָר און ערשט נאָכדעם האָט ער אים אָפּגעשיקט בכבוד גדול קיין מלכות יהודה.

אָט דאָס איז געווען דער מענטש, וואָס האָט אַרויסגערופן ביים אַלאַבאַרך גוטע האָפענונגען—און אויף אַלע פחדים פון זיין ברו־ דער האָט ער געענטפערט:

—איך בין מסכים מיט דיר, אַז אַגריפּס איז אַ האַלבער אדומי און אַז ער האָט געירשנט געוויסע שלעכטע זייטן פון דעם זיידן דעם רשע. דערמאָן זיך אָבער, אַז ער איז אויך אַן אייניקל פון מרים, די טאָכטער פון הורקנוס החשמונאי און אין זיין כאַ־ ראַקטער זיינען אַריבער בירושה אויך אַ סך אידעלע מכבייאישע מעלות. דערצו האָט ער אַזויפיל צרות און יסורים אויסגעליטן, אַז דאָס גוטע בלוט האָט אין אים גובר געווען דאָס שלעכטע. די ליידן האָבן אין אים דערוועקט דעם יידן. צי דען דאַרף איך דיר דערציילן, אַז יסורים לייטערן אויס דעם מענטשן פון זיינע זינד! אָ, ליבער ברודער, ווען דו וואָלסט אים געזען מיט אַ יאָר צוריק, בעת ער איז אָנגעקומען קיין אלכסנדריא אַ דער־ שלאָגענער פון חרטה אויף זיינע זינד, ווי ער האָט באַוויינט זיין נאַרישן ווילד־שטורמישן עבר, ווי ער האָט מיך געבעטן רחמים אים צו העלפן דעם לעצטן מאָל און ווי ער האָט מיך מיט פייערלעכע שבועות פאַרזיכערט, אַז מהיום והלאה וועט ער דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעבן זיין פאָלק, קעגן וועלכן ער האָט

אויפיל געזינדיקט. גלויב מיר, טייערער ברודער! מיין פאַר־שידנזייטיק געזעלשאַפטלעך לעבן האָט מיך אויסגעלערנט צו דערקענען מענטשן—און מיר דוכט, אַז דערדאָזיקער אַגריפּס וועט באַגליקן זיין פאָלק און וועט ווערן זיין הייסער, מוטיקער מליץ יושר און באַשיצער ביים רוימישן קייזערלעכן הויף.

—הלוואי זאָלן מקוים ווערן דיינע ריידן!—האָט ידידיה אויסגע־רופן.—אָבער זאָג מיר,—האָט ער ווייטער גערעדט,—ווי האָט דער רוימישער שטעלפאַרטרעטער פלאַקוס, אויפגענומען די ידיעה וועגן דער פלוצלונגער ענדערונג אויפן טראָן?

—אַלצאיינס ווי מען וואָלט אים פאָרגעלייענט זיין טויטאורטייל! דאָסדאָזיקע נייס האָט אים אַזוי איבערראַשט, אַז ער האָט קוים געקאָנט איינשטיין אויף די פיס. ער האָט זיך באַמיט צו באַ־הערשן, אָבער אומזיסט. ער האָט אָן אויפהער באַוויינט די אַבדה פון זיין קייזערלעכן פריינט, אָבער נאָכמער זיין אייגענעם גורל, וואָס ער האָט דערלעבט, אַז אויפן כסא המלוכה פון רוים איז אַרויף זיין פאַרביסנסטער שונא קאַליגולאַ. אַז איך בין אַוועק, האָב איך איבערגעלאָזן נישט פלאַקוסן, נאָר דעם שאָטן פון אים.

—דאָס איז נישט גוט! אין דער איצטיקער אומרואיקער צייט נויטיקן מיר זיך אין אַ פעסטן מושל. אַ פאַרוואַלטער. וואָס פילט זיך נישט פעסט אויף זיין שטעל, קאָן נישט אַרבעטן ענערגיש, ער מוז קוקן וואוהין דער ווינט בלאָזט און ער קאָן נאָר דינען פאַר אַ שפילכל אין די הענט פון פאַרשידענע שווינדלער. אונ־זערע שונאים וועלן געוויס אויסנוצן דעמדאָזיקן אומשטאַנד. ווי האַלט אונזער ענין אין אַלכסנדריא?

—שלעכט! די אויפרודערונג וואַקסט פון טאָג. די מערדער און רויבער שלאָפן נישט. זייער בלוטדורשטיקייט שטאַרקט זיך אַלץ מער. אויף אַלע גאַסן און מאַרקפּלעצער, אויף אַלע הינטער־געסלעך און וועגן שווייבלט און גריבלט מיט פאַרדעכטיקע פינס־טערע פאַרשווינען. אַפילו און זיין באַנדע האַלטן אומעטום בלוט־דורשטיקע דרשות, פול מיט שמוציקע רכילות און מנוולדיקע באַשולדיקונגען קעגן אונז און אונזער דת. זיי. די ווילדסטע פון

די ווילדסטע געצנדינער, וואָס בוקן זיך צו בהמות און חיות, וואָס פאַרגעטערן קעץ און שלאַנגען, וואָס ברייגנען מענטשלעכע קרבנות צו זייערע געצן, קאָנען קיין אַנדער פאָרשטעלונג נישט האָבן אויך וועגן יידן. פון איין זייט, זאָגן זיי, אַז יידן זיינען אַ פאָלק אָן אַ גאָט, אַז זיי בוקן זיך נישט צו די געטער פון אַלע פעלקער און זיי זיינען מענטשנפיינט, וואָרום זיי פאַראומווירדיקן די „פרעמדע" און עסן נישט פון זייער ברויט. פון דער אַנדער זייט, ווידער, פאַרשפרייטן זיי צווישן פינסטערן המון די אומגלויבלעכסטע שטותעריין, אַז דאָס פאָלק ישראל, וואָס איז דער פייערדיקסטער געגנער פון געצנדינעריי, אַז אָט דאָס פאָלק בוקט זיך צו — אַן אייזל! און אַז דאָס פאָלק ישראל, וואָס בלוט איז אים פאַרבאָטן מער ווי אַלץ אין דער וועלט, אַז דאָס פאָלק ישראל, וואָס איז דער ערשטער און דערווייל דער איינציקער מיט אַלע כוחות פון זיין נשמה שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן מענטשן-קרבנות, וואָס ביי קיין פאָלק אין דער וועלט איז נישטאָ אַזאַ שיינער רירנדיקער מוסר-השכל פון עקדת יצחק, ווי ביי אים, אַז אַזאַ פאָלק האַלט אין דעם טייערן, אין דעם ריינעם קדש-הקדשים אַן אָפגעשטאָפּטן יון, כדי אים מקריב צו זיין אויפן מזבח פאַר אַ קרבן-עולה אום יום-כפור! דאָס איז דאָך אַזאַ ווילדע איראָניע, אַזאַ אומגעלומפּערטער בלבול, אַזאַ משוגענער חוזק איבער יידן! און דער גראָבער המון גלויבט אין אַלע הבלים, וואָס מען דערציילט אים. אומעטום האָבן מיר שונאים, באַהאַלטענע און אָפענע. בלויז אַ גאַנץ קליינער קרייז גריכן, וואָס זיינען פריי פון נאַרישקייטן און אַבערגלויבן, טרויערן טיף אין האַרצן צוזאַמען מיט אונז איבער דער געפערלעכער אויפרודערונג, וואָס ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

נאָכדעם האָט זיך דער אַלאַבאַרך געווענדט צו זיין ברודער מיט אַ פראַגע וועגן די מיטלען, וואָס מען דאַרף איצט אָננעמען, ווייל לויט זיין מיינונג איז גאָר נישטאָ וואָס צו טראַכטן וועגן שיקן אַ דעפּוטאַציע קיין רוים. אַ דעפּוטאַציע וואָלט געקאָנט ווירקן אויף דעם פריערדיקן קיסר טיבעריוס, אָבער נישט אויף קאַליגולאַן. בלויז איין אַגריפּס קאָן דאָ נאָך עפּעס אויפטאָן. נאָר

אפשר וואָלט געווען נוצלעך אַרויסצוטרעטן קעגן אַפּיונס העס־לעכע אָנפאַלן?

—אַרויסטרעטן קעגן אַפּיונען,—האָט ידידיה איבערגעחזרט,—אָבער אויף וואָסער אופן האָסטו דאָס בדעה צו טאָן? אָפּלייקענען זיי־נע רייד? איבערצייגן אים? בנוגע צו די אַפּיונס איז נישט שייך אָפּצולייקענען אָדער איבערצייגן זיי. ענטפערן אַפּיונען—הייסט אונטערגיסן אייל אין פייער! אונז בלייבט נאָר צו טאָן איין זאַך: מיר דאַרפן שטערן דער ווייטערדיקער פאַרשפּרייטונג פון דער מהומה אין די מוחות. דאָס קאָנען מיר דערגרייכן דער־מיט, וואָס מיר וועלן באַקאַנט מאַכן די באַפעלקערונג פון אלכסנדריא מיט אונזער רעליגיע. אָבער ווייל מיר קאָנען נישט פאָדערן פון די גריכן, זיי זאָלן אויסשטודירן אַלע גרויסע ספרים אונזערע, דעריבער האָב איך אָנגעשריבען אַ קליינעם קיצור פון אַלע אונזערע ספרים, וואָס וועט נוצלעך זיין סיי פאַר יידן, סיי פאַר נישט־יידן. נעם דאָסדאָזיקע ספרל, פאַר־שפּרייט אים צווישן די יידן און צווישן די געצנדינער, און זיי זיכער, אַז דאָס וועט העלפן צו באַרואיקן אונזערע ברידער און צו דער אויפקלערונג פון די גריכן. איך אַליין, נישט געקוקט אויף מיין עלטער, וועל אויך מהיום והלאה קומען אַלע טאָג אין שטאָט לערנען מיט אונזער פאָלק אין די בתי־כנסיות און אין די בתי־מדרשים.

—איך האָב בדעה דיר מיטצוהעלפן דערין!—האָט זיך אָפּגערופן מיט התלהבות שאול, וואָס האָט די גאַנצע צייט פון דעם לאַנגן געשפּרעך צווישן זיין פאָטער און פעטער, געשוויגן.—שוין לאַנג, ליבער פאָטער, ברענט אין מיר דער חשק אויסצונוצן מיין ביסל וויסנשאַפט לטובת די מענטשן. איצט איז געקומען די ריכטיקע צייט. דערלויב מיר צו באַפרידיקן מיין הייסן פאַרלאַנג.

—בכל לבבי, מיין זון!—האָט ידידיה געענטפערט מיט פרייד.—איך האָב אַזוי אויך גערעכנט, אַז דו וועסט מיר מיטהעלפן.

דער אַלאַבאַרך אלכסנדר האָט זיך ליבלעך געזעגנט מיט זיינע קרובים און איז אַוועק.

דער נשיא האָט נאָך נישט באַוויזן צו מאַכן עטלעכע טריט, ווי אין טיר איז אַריין קאַראַבאַס. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו שאולן און האָט אים דערלאַנגט אַ בריוו. דאָס איז געווען פון דאָריסן. שאול איז רויט געוואָרן און האָט אים גיך דורכגעקוקט. דערנאָך האָט ער זיך אויף אַ קורצער ווײַלע געזעגנט מיט די עלטערן, כדי צו באַגלייטן קאַראַבאַסן.

אַז ידידיהס פרוי, איסמענאַ איז געבליבן אַליין מיט איר מאַן, האָט זי אים געפרעגט, צי האָט ער באַמערקט, ווי שאול איז רויט געוואָרן, לייענענדיק דעם בריוו.

—געוויס,—האָט ידידיה געענטפערט,—דאָס איז געווען דער מאָר-גענשטערן פון ליבע!

—דו ווייסט, אַלזאָ, אַז שאול האָט ליב דאָריסן?

—און דאָס וואונדערט דיך? אַזוינע צוויי ריינע נשמות האָבן גאַנץ נאַטירלעך געדאַרפט ליב באַקומען איינע די אַנדערע. נאָר איך בין דיר מודה, אַז דידאָזיקע ליבע הויבט מיך איצט אָן צו באַאומרואיקן.

—פאַרוואָס באַאומרואיקן?—האָט איסמענאַ שוין אַ פרעג געטאָן מיט שרעק?

—דאָריס איז אַ קינד פון געצנדינערישע עלטערן. איר מוטער איז געשטאָרבן אין עטלעכע חדשים אַרום נאָך איר געבוירן ווערן. אָבער איר פאָטער לעבט. אמת, עס איז שווערלעך צו גלויבן, אַז ער זאָל זיך גאָר פאַרשטעלן אפילו, אַז זיין טאָכ-טער לעבט, וואָרום ער האָט זי דאָך אונטערגעוואָרפן אין מדבר באַלד ווי זי איז געבוירן געוואָרן. עס איז אָבער מעגלעך, אַז ער זאָל זיך אַמאָל דערוויסן וועגן דעם. דאַן איז דאָריס פאַר-לאָרן פאַר אונזער שאולן.

—אָבער וואָס קאָן דאָס באַוועגן דעמדאָזיקן מענטשן נישט צו וועלן זיך מתחתן זיין מיט אונזער הויז?

—די איינגעבוירענע רשעות, די שנאה צו אונזער פאָלק, צו

או-זער הויז... וואָרום דער נאָמען פון דעמדאָזיקן מענטש; איז-
אַפּיון...
איסמענאַ איז בלייך געוואָרן ביי דידאָזיקע ווערטער און האָט
מיט אַ טיפן זיפץ אַרויסגערעדט בלויז די ווערטער:
—מיין אָרימער, אָרימער שאול!

קאַפּיטל פיר

בעת אַפּיון איז געווען אין רוים, איז ער גרינדלעך באַקאַנט געוואָרן מיט דער לאַגע אין קייזערלעכן הויף. ער האָט גוט געוואוסט אַלע אינטריגעס, וואָס ווערן דאָרט געפירט איבערן טראָן. ער האָט אויך גוט געוואוסט, אַז טיבעריוס האָט נישט ליב געהאַט קאַליגולאַן און אַז ער האָט אים גאָר אָן חשק באַשטימט אַלס זיין יורש-עצר. ווייטער איז אים אויך געווען גוט באַקאַנטע אַז פלאַקוס, דער פאַרוואַלטער פון אַלכסנדריא, איז געזען טיבעריוסעס ליבלינג און גוטער פריינט און אַז דעריבער טאַקע האָט קאַליגולאַ זייער פיינט פלאַקוסן. בכן האָט פלאַקוס נישט געקאָנט דערוואַרטן פון נייעם קיסר קיין שום גוטס פאַר זיך. די קלענסטע מסירה אויף אים האָט אים געקאָנט פאַרניכטן. דערויף האָט אַפּיון געבויט זיין גאַנצן פּלאַן. ער האָט געהאַלטן דעם פאַרוואַלטער אין זיינע הענט. אַפּיון איז אַוועק צו פלאַקוסן בראש פון אַ דעפּוטאַציע פון די פאַרביסנסטע צוררי היהודים. ער האָט אים אָבער געטראָפן ליגנדיק קראַנק אין בעט. די טרויעריקע בשורה, אַז אונטערגעקויפטע רוצחים האָבן דערוואָרגן

דעם קיסר טיבעריוס און אויפן רוימישן טראָן איז אַרויף קאַיוס קאַליגולאַ, האָט פלאַקוסן אַריינגעבראַכט אין אַזאַ יאוש, אַז אויפן צווייטן טאָג איז ער געפערלעך קראַנק געוואָרן. מען האָט שוין כמעט נישט געהאַלטן פון זיין לעבן. די דעפּוטאַציע האָט גע־מוזט אַוועקגיין צוריק, נישט אויספירנדיק איר פּלאַן. אָבער אַפּיון האָט געריבן די הענט פון צופרידנקייט און פאַרגעניגן. ער האָט גוט געוואוסט, וואָס עס איז געווען די סבה פון דעם פּאַרוואַלטערס קראַנקהייט. עס זיינען אַוועק עטלעכע טעג, ביז פלאַקוסן איז בעסער געוואָרן און ער האָט זיך פון דאָסניי גע־קאָנט נעמען צו זיינע געשעפטן. זיין רואיקייט אָבער און זיין פעסטקייט, וואָס האָבן ביז אַהער אין צוויק געהאַלטן דעם צו־לאָזנעם המון, זיינען איצט אינגאַנצן פאַרשוואונדן. דאַן איז צו אים ווידער געקומען אַפּיון אין דער באַגלייטונג פון זיין פריינט דעמעטריוס. זיי האָבן פלאַקוסן דערקלערט, אַז זיי זיינען געקו־מען אַלס באַפולמעכטיקטע פון אַלכּסנדריער פאָלק איבערצוגעבן דעם פּאַרוואַלטער די וואונטשן פון דער באַפעלקערונג.

—וואָס זיינען דאָס אָבער פאַר אַ וואונטשן?—האָט מיט אַ מידן אויסזען געפרעגט דער פּאַרוואַלטער, וואָס איז געלעגן אויף ווייַ־כע קישנס.

—זיי זיינען נוגע,—האָט געענטפערט אַפּיון,—דער יידישער באַ־פעלקערונג פון אלכּסנדריא. אָבער איך וויל דיך פריער באַקאַנט מאַכן מיט דער געשיכטע פון דעם יידישן ישוב אין אלכּסנדריא.

—רייד־זשע קורץ,—האָט אים פלאַקוס איבערגעריסן,—איך האָב נישט ליב קיין לאַנגע און אומנוצלעכע דערקלערונגען. וואָס איז שייך צו דער פאַרגאַנגנהייט פון די יידן פון אַלכּסנדריא, איז זי מיר גענוג באַקאַנט.

—אויב אַזוי, וועל איך זיין זייער קורץ. מיר פאַרלאַנגען, אַז די יידן זאָל מען אַרויסשטויסן פון אַלע טיילן פון שטאָט און אַז זיי זאָלן זיך באַזעצן בלויז אין דעם קוואַרטאַל פון דער דעל־טאַ, וואו עס וואוינט שוין דער גרעסטער טייל זייערע. ווייטער מוז געמעלדעט ווערן, אַז די יידן זיינען פרעמדע, אויסלענדער,

און אַז זיי האָבן נישט קיין בירגערלעכע רעכט.
דער פּראָוואַלטער איז אויפגעשפּרונגען אויסער זיך פון צאָרן.

—און דו דערוועגסט זיך,—האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אַפּיונען,—מיר צו מאַכן אַזוינע פאַרברעכערישע פאָרשלאָגן? און דו האָסט געהאָפט, אַז פלאַקוס וועט טאַקע מסכים זיין איבער־צוגעבן דעם פּעאיקסטן און דעם ניכטערסטן טייל פון דער באַפעלקערונג אין די ווילדע הענט פון דעם פינסטערן המון, וואָס דורשט נאָך גזילה און רציחה? אַוועק פונדאַנען, דו חצוף איי־נער, אָדער...
דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך אַפּיונס קליינע פיגור אויסגעצויגן און אויסגעגלייכט אינגאַנצן וואוקס. זיינע אויגן האָבן געבליצט מיט חוצפה און רציחה. די שיטערע האָר אויף זיין קאָפּ האָבן זיך געשטעלט קאַפּויר. ער איז אַזוי געשטאַנען אַ פּאָר מינוט און האָט זיך געווענדט צו זיין חבר דעמעטריוסן:

—איצט זעסטו, אַז דער פּראָוואַלטער איז אויפן צד פון אונזע־רע שונאים. לאָמיר גיין, לאָמיר דאָס מודיע זיין דעם פאָלק און נאָכדעם דערלאַנגען אַן אָנקלאָג צום מלך.
—דו שרעקסט מיך, סאָפיסט?—האָט אויסגעשריען פלאַקוס מיט אַ ציטעריקער שטימע פון אויפרעגונג.—געדיינק! דיין אַלכסנדריער בירגערשאַפט, וואָס דו האָסט זיך דערוואָרבן דורך חוצפהדיקער באַרימערייי און פאַלשקייטן, וועט דיך נישט ראַטעווען פון אַ שטראָף.
—דו ביזט פון זינען אַראָפּ, פלאַקוס,—איז שוין איצט אַפּיון אָנ־געצונדן געוואָרן,—אויב דו מיינסט, אַז דו קאָנסט אומבאַשטראָפט באַליידיקן דעם פאַרטרעטער פון גאַנץ אַלכסנדריא. בלויז אין אַ צושטאַנד פון משוגעת קאָנסטו זיך דערלויבן אויפצורעגן אַזאַ מאַן, ווי אַפּיון, וואָס זיין שטים געפינט צוהערער אין רוים, און נאָך אין אַזאַ מינוט, ווען דו האָסט נישט קיין איינציקן פריינט אין דעם קייזערלעכן הויף. דו ווייסט, קענטיק, נישט, אַז דיין פריינט מאַקראָן, דער האַר פון די פּרעטאָריאַנער (קיי־

זערלעכע גוואַרדיע), וואָס דורך זייער הילף זיינען פאָרגעקומען כמעט אַלע איבערקערעניִשן אויפן רוימישן טראָן,—איז אָפּגע־רוימט געוואָרן פון וועג דורך קאַליגולאַס איין וואונק, ווייל קאַליגולאַן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער, מאַקראָ, טויג זיך נישט פאַר זיינע פּלענער...

—דו לייגסט!—האָט ווילד אויסגעשריִען דער פאַרוואַלטער.

—מיט וואָס בין איך שולדיק,—האָט אַפּיון מיט פאַראַכטונג אַ זאָג געטאָן,—וואָס דער פאַרוואַלטער פון אַלכסנדריא האָט אַזוי ווייניק ידיעות וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין רוים? מיין פריינט דעמעטריוס קאָן עדות זאָגן, אַז אַ העלפט פון דער אַלכסנדריער באַפעלקערונג איז שוין עטלעכע טעג באַקענט מיט דידאָזיקע נייס.

—טאַקע אמת, דאָ האָט מען דערהאַלטן די ריכטיקסטע ידיעות וועגן דעם טויט פון מאַקראָנען,—האָט דעמעטריוס באַשטעטיקט.

דער פאַרוואַלטער האָט אויפגעשווידערט מיטן גאַנצן קערפּער. ער איז אַנידערגעפאַלן אויף די קישנס אינגאַנצן אַ דערשלאָגענער און האָט נישט ווילנדיק געגומען זיפצן.

אַפּיון איז צוגעגאַנגען נאָנט צו פלאַקוסעס בעט און, שטאַרק הנאה האָבנדיק פון זיין שונאס פאַרצווייפלונג, האָט ער זיך אָפּ־גערופן צו אים:

—איצט זעסטו, אַז עס איז געפאַלן דיין לעצטע שטיצע, דיין לעצטער אָנשפּאַר. אַז רוים האָט דיך פאַרלאָזן—איז גאָר קיין ספק נישט. עס קלעקט, אַז דאָרטען האַלט מען אפילו נישט פאַר נויטיק דיך מודיעה צו זיין וועגן די וויכטיקסטע געשעענישן. דיך קאָן אונטערהאַלטן בלויז דאָס אַלכסנדרישע פאָלק, וואָס איז גרייט דיר אויסצושטרעקן אַ האַנט, דיר צוהעלפן, דיך צו ראַ־טעווען. אויב דו וועסט די האַנט אָפּשטויסן, דאַן ביזטו אויף אייביק פאַרפאַלן.

—פאַרפאַלן, אָז אַ האָפנונג פאַרפאַלן!—האָט פלאַקוס געזיפצט.

—נאָך נישט,—האָט אים אַפּיון געטרייסט;—אויב דו וועסט זיך

אַנטרויען אונז. אונזער אלכסנדריא איז מעכטיק, מעכטיקער אפילו איידער רוים, און זי, אויב מען וועט נאָר דאַרפן, וועט זיך באַשיצן אפילו קעגן מלך אַליין.
—און דו ביזט זיכער דערין? —האָט פלאַקוס געפרעגט מיט גרויס אָנשטריינגונג, קוים אויפהויבנדיק זיך פון בעט.
—וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע? צי דען הייס איך נישט אַפיון? צי דען בין איך נישט די שטים פון דעם פאָלק פון אַלכסנדריא? און ווי ווייניק מיר פאָדערן דערפאַר: בלויז אַרויסגעבן אונז די יידן. אויף וואָס דאַרפסטו די יידן? צי דען איז נישט דיין הויב אויסצוראָטן די שונאים פון די געטער, די פאַרהאַסטע, וואָס גראָבן זיך אונטער דעם גלויבן פון רוים און אַטען?

—פאַרלאָזט מיך איצט,—האָט זיך פלאַקוס געבעטן.—מיר וועלן נאָך וועגן דעם אַן אַנדערש מאָל ריידן.
—וואָס אָבער זאָל איך איבערגעבן דעם פאָלק פון אַלכסנדריא?—האָט געפרעגט אַפיון.
—היינט גאָרנישט... קומט מאָרגען. איך האָב בדעה דעמדאָזיקן ענין גוט צו באַטראַכטן..
ביידע דעפּוטאַטן האָבן זיך פאַרנויגט. צוגייענדיק צום טיר, האָט זיך אַפיון אָפּגעקערט און געזאָגט:
—דערלויבט מיר, פלאַקוס, צו זאָגן נאָך איין וואָרט. איך ווייס, אַז די יידן פון אונזער שטאָט האָבן דיר איבערגעגעבן אַ באַגריסונגס-בריוו, וואָס פילון האָט אָנגעשריבן, כדי דו זאָלסט עס צושטעלן צום קיסר. צוליב דיין קראַנקהייט איז דערדאָזיקער בריוו נאָך עד היום נישט אָפּגעשיקט געוואָרן קיין רוים. אַלכסנדריא וויל, אַז דערדאָזיקער בריוו זאָל בכלל נישט אָפּגעשיקט ווערן צום מלך.
—פאַרלאָז מיך איצט, איך בעט דיך!—האָט פלאַקוס קוים אַרויסגערעדט.
—איך גיי. אָבער איך חזר דיר איבער, אַז דער בריוו טאָר נישט ווערן אַוועקגעשיקט! בכן, ביז מאָרגען!
מיט גרויס נצחון און שמחה האָבן אַפיון און דעמעטריוס פאַר-

לאָזן דעם רוימישן פאַרוואַלטער פון אַלכּסנדריא. ער איז אָבער געוועזן צוטומלט, צושראָקן און דערשלאָגן. ער האָט זיך גע-וואָרפן אין ביטערן יאוש אויף זיין געלעגער און האָט זיך אפילו אויף אַ רגע נישט געקאָנט בארואיקן. וואָס בלייבט אים איצט איבער צו טאָן? וואָס זאָל ער אונטערנעמען? אויף וואָס זאָל ער זיך באַשליסן? ער האָט געוואוסט, אַז אַפּיון איז אַ גע-פערלעכער מענטש, און ער האָט אויך געוואוסט, וואָס פאַר אַן איינפלוס דערדאָזיקער געפערלעכער שרייער האָט געהאַט אויפן פינסטערן המון. אויב אַפּיון וועט אויספירן זיין פינסטערן פּלאַן, מיט וועלכן ער שרעקט אים און ער וועט מיט אַן אָנקלאָג אויף אים אַוועק קיין רוים בראש פון אַ דעפּוטאַציע, זאָל זיין אפילו אין דעם נאָמען פון גאַסן-המון פון אלכּסנדריא,—דאַן איז ער, פלאַקוס, פאַרפאַלן אויף אייביק! פון דער אַנדער זייט אָבער, פייניקט אים אַ געדאַנק: צי דאַרף ער זיך גאָר לחלוטין איבער-געבן אין די הענט פון אַפּיונען און זיין אָפּהייִנגיק פון זיין חסד אָדער פון זיין כּעס? צי דאַרף ער ברייִנגען די ייִדן פאַר אַ קרבן און צוזען קאַלט, ווי די שיינע שטאָט אַלכּסנדריא וואָס איז אים אָנגעטרויט געוואָרן צו שיצן, וועט ווערן צורויבט פון צעווילדעוועטע גאַסן-יונגען?... דאָ שטייט פאַר אים אַ פראַגע פון לעבן און טויט. וואוהין ער האָט נישט געווענדט זיינע בליקן, האָט ער אין ערגעץ נישט געפונען קיין אַרויסגאַנג פון דעמדאָזיקן פּלאָנטער. „אָ, דערדאָזיקער גראַמאַטיקער!—האָט פלאַ-קוס אויסגעשריִען, קריצנדיק מיט די ציין פון מאַכטלאָזן צאָרן.— ער האָט מיך פון אַלע זייטן אין נעצן פאַרפּלאָנטערט! ער האָט אויסגעשפּירט אַלע מיינע וואונדן און ער שטעכט זיי איצט מיט זיינע גיפטיקע שפּיזן. ער האָט מיך געזען אין אַ צושטאַנד פון שוואַכקייט, אַזוי אַז וואָס איך זאָל נישט אונטערנעמען, בין איך אַלעמאָל אין זיינע הענט!"

אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט האָט פלאַקוס פאַרבראַכט אין אַ שרעקלעכער אינערלעכער מלחמה צווישן ווידערשפּרעכלעכע געדאַנקען און געפילן, און דאָך איז ער צו קיין שום באַשלוס נישט געקומען. בלויז פאַרטאָג האָט ער, אינגאַנצן אַן אויסגעט-

מאַטערטער, איינגעדרעמלט. בעת ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָבן שוין אין אויפנאַם-זאַל געוואַרט אויף אים זיינע פייניקער—אַפּיון און דעמעטריוס. הגם דער פּאַרוואַלטער האָט געזען די איינציקע רעטונג פאַר זיך אין דעם מיטל, וואָס אַפּיון האָט אים פאָרגעשלאָגן, פונדעסטוועגן האָט ער נישט געוואָלט פאַרשאַפן דעם סאָפיסט קיין לייכטן נצחון. ער האָט אים אַ צווייטן מאָל געמעלדעט, אַז ער קאָן איצט נישט געבן קיין שום באַשטימטע הבטחה, מחמת ער האָט באַשלאָסן פריער צו פרעגן ביי אַ נביא וועגן קאַליגולאַן און וועגן זיין אייגענער צוקונפט.

אומזיסט האָט אים אַפּיון אָפּגעשלאָגן דערפון, ווייל דאָס איז אַן אַבערגלויבעריי, וואָס פאַסט גאָרנישט פאַרן געבילדעטן פלאַ-קוסן. דער פאַרוואַלטער איז געבליבן פעסט ביי דאָס זייניקע.

—גוט,—האָט דאַן אַפּיון געזאָגט,—דאַן וועל איך דיר אַנטפּלעקן די צוקונפט.
—נישט דו!—האָט פלאַקוס געענטפערט אַנטשידן.—דו ביזט דאָ אַ צופיל פאַראינטערעסירטע פּערזאָן. איך וועל זיך ווענדן צו חוניו דעם איסי, וואָס זיינע נביאות זיינען אַלעמאָל מקוים גע-וואָרן, און אירביידע וועט מיך באַגלייטן צו אים.
אַפּיון האָט געפּרובט זיך קעגנשטעלן, נאָר אומזיסט. דער פאַר-וואַלטער איז געשטאַנען פאַרעקשנט פעסט אויף זיין באַשלוס. ער האָט געהייסן דערלאַנגען זיין קאַרעטע, האָט מיטגעצויגן מיט זיך די אומצופרידענע סאָפיסטן און איז אַוועקגעפאָרן צו דער מאַרעאָטישער אָזערע.

קאפיטל פינף.

אַ הייליקע שטילקייט הערשט אַרום דער אָזערע. די גאַנצע געגנט איז אַזוי ווי אויסגעשטאָרבן. די איינוואוינער פון דערדאָזיקער געגנט, די איסיים, וואָס אַרבעטן געוויינלעך אין די ווייגערטנער, אויף די פעלדער און אין די ווערקהייזער, האָבן זיך פאַרזאַמלט אין זייערע שולן מתפלל צו זיין און צו לערנען תורה. היינט איז שבת, און מען רוט פון אַלע אַרבעטן. דעם גאַנצן טאָג פאַרברייינגען די איסיים אין לערנען און דערקלערן די כּתבי-הקדש. שבת שטייען די איסיים אויף, ווי געוויינלעך, פאַרן זונאויפגאַנג, און זיינען זיך טובל אין פרישן קוואַל-וואַסער (דערפאַר האָט מען זיי גערופן „טובלי-שחרית"). דערנאָך טוען זיי זיך אָן אין ווייסע קליידער און גייען אַוועק אין זייער מקום קדוש, וואָס האָט געהאַט צוויי אָפּטיילונגען: עזרת אַנשים און עזרת נשים.

ווערן אַ מיטגליד פון דער חברה איסיים איז געווען נישט אַזוי גרינג. דער, וואָס האָט געוואָלט ווערן אַ חבר פון די איסיים, האָט געמוזט פריער אין משך פון אַ גאַנץ יאָר לעבן אויסער

דער חבורה און זיך אויפפירן לויטן שטריינגן אַרט לעבן פון די איסיים. נאָך דעמדאָזיקן ערשטן פּרוּב פלעגט ער דאַרפן פאַרבלייבן בײַ דער חבורה נאָך צוויי יאָר, אָבער נישט אַלס מיטגליד. אויב אין משך פון דער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז פעאיק צו ווערן אַ מיטגליד, פלעגט ער אָנגענומען ווערן אַלסווירקלעכער חבר. נאָר פריער האָט ער געמוזט געבן אַ פייערלעכע שבועה, אַז ער וועט אַכטן און ערן גאָט, גערעכטיק און ערלעך באַהאַנדלען מענטשן, קיינעם נישט באַליידיקן, שטענדיק אַרויסטרעטן קעגן אומגערעכטע און העלפן גערעכטיקע און זיין געטריי צו אַלעמען. ווייטער האָט יעדער איינער געדאַרפט געבן אַ נדר, אַז אויב ער וועט ווען-עס-איז דערגרייכן צו הערשאַפט, וועט ער נישט אויסנוצן זיין מאַכט לרעה, אַז ער וועט שטענדיק ליבן דעם אמת און וועט אָן רחמנות אַראָפּרייסן די מאַסקע פון די שקרנים, און אַז ער וועט פאַר קיינעם נישט אויסטייטשן די לערע פון די איסיים אַנדערש, ווי מען האָט אים געלערנט.

שבת נאָך תּפלת שחרית פאַרזאַמלען זיך די איסיים אין עסצימער, וואָס געפינט זיך נעבן דעם מקום קדוש, אין ווייסע בגדים, מונטערע און העכסט באַגייסטערטע. זיי זעצן זיך אויס אינם זעלבן סדר, ווי זיי זיינען אַריינגעטראָטן אין דער חבורה, ווייל די איסיים האַלטן פאַר עלטער נישט די, וואָס האָבן אָפּגעלעבט אַ סך יאָרן אויף דער וועלט, נאָר יענע, וואָס האָבן זיך פון די פריסטע יאָרן אָן פאַרפעסטיקט אין תורה, חכמה און מעשים טובים. זיי האָבן נישט קיין קנעכט. זיי האַלטן, אַז אַלע מענטשן זיינען געבאָרן פרייע און אַז נאָר די אומגערעכטיקייט און די בייזע תאוות פון איינצלנע פאַרשוינען האָבן צושטערט די נאַטירלעכע גלייכקייט און האָבן געשאַפן די שקלאַפעריי. ביים עסן האָבן זיי נישט געהאַט קיין משרתים. די פרייע איסיים באַדינען זיך איינער דעם אַנדערן ווי געטרייע ברידער, מיט פאַרגעניגן, מיט ליבע. איינער פון די חברים לייגט פאָר פראַגן פון דער הייליקער שריפט, אָדער ער גיט דערקלערונגען אויף פראַגן, וואָס אַנדערע האָבן אים געשטעלט. דער רעדנער

דערקלערט לאַנגזאַם. שווערערע ניגונים איז ער מתביר עטלעכע מאָל, און אויף אַזאַ אופן פאַרפעסטיקט ער די רעיונות ביי די חברים. אין אַ טיפן שווייגן הערן אַלע איבעריקע די תורה פון דעם איינעם, נישט ענדערנדיק אפילו זייער פאָזע. הסכמה דריקן זיי אויס מיט פריילעכקייט און מיט עטוואָס איינבויגן דעם קאָפּ, און אַ ספק—מיט אַ רואיקן רמז.

נאָכדעם ווי דער דרשן ענדיקט, שטייט אויף איינער פון די מיטגלידער און זינגט אַ שבח צו גאָט. נאָך אים הויבן אָן לויטן סדר צו זינגען אַנדערע חברים און די איבעריקע הערן בכוונה אין אַ טיפער שטילקייט, און בלויז דעם לעצטן פסוק זינגען אַלע אין כאָר. נאָכדעם טרעטן די איסיים צו צו זייער צניעותדיקער סעודה. אָנשטאָט ווײַן דערלאַנגט מען ריין קלאָר וואַסער.

אין דעמדאָזיקן טאָג איז אין דעם געוויינלעכן סדר פון שבת־אָפּריכטן פאָרגעקומען אַ געוויסע פאַרשידנאַרטיקייט. די סיבה דערפון איז געווען דער באַרימטער ח נ נ י ה ה א י ס י, וואָס האָט נאָך זיינע לאַנגיאָריקע נסיעות זיך אומגעקערט צוריק קיין אַלכסנדריא. ער האָט געדאַרפט דערציילן וועגן זיין טעטיקייט און וועגן דער טעטיקייט פון זיינע חברים. חנניה איז דאַן געווען אין די רעכטע בליענדיקע יאָרן, אַ מענטש פון הויכן וואוקס און פעסטן קערפּער. זיין געזיכט איז געווען שטאַרק אָפּגעברענט פון דער זון. ער האָט אָבער געהאַט שיינע באַוועגונגען און זיין שטים האָט באַצויבערט די צוהערער.

חוניו האָט דערלאַנגט אַ וואונק צו חנניהן. דאַן האָט חנניה גענומען שילדערן מיט אַ שיינער שפּראַך זיינע נסיעות איבער אַזיע, אַפריקע און אייראָפּע, וואָס ער האָט געמאַכט אין משך פון פופצן יאָר. דער איבערגאַנג פון געצנדינסט אין יידנטום, איז די לעצטע יאָרן פאַרשטאַרקט געוואָרן ביז גאָר אַ הויכער, אַן אומגעוויינלעכער מדרגה. פון די נידעריקסטע ביז די העכסטע שיכטן פון דער גריכישער געצנדינערישער באַפעלקערונג— אַלע אַלע האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט דער יידישקייט. אומעטום, וואו נאָר דער „תרגום השבעים” (די איבערזעצונג פון דער תורה, וואָס די „זיבעציק זקנים” האָבן געמאַכט פאַר ת ל מ י

מלך מצרים) האָט אַ צוטריט געפונען און וואו ער איז געלייענט געוואָרן—אומעטום זיינען אַלע באַגייסטערט מיט אַן אויפריכטיקן פאַרלאַנג אַריינצודרינגען אין דער תורה פון דער יהדות און אָנגענומען צו ווערן אין די רייען פון דעם וואונדערלעכן פאָלק. נאָך מיט עטלעכע חדשים צוריק איז ער, חנניה, געווען אין די לענדער פון די טייכן פרת און חדקל און ער האָט אַ סך געהערט, אַ סך געזען און אַ סך אויפגעטאָן. ער איז געווען אַן איינגייער אין קעניגלעכן הויף פון מלכות הדייב (אַדיאַבענע) און ער האָט דאָרט געהאַט אַ געוואַלטיקן איינפלוס. הילני (העלענע) המלכה און איר מאַן מלך מונבז, זייער זון איזאַטעס מיט זיין פרוי צמך און צום סוף די גאַנצע קעניגלעכע פאַמיליע פון אַדיאַבענע און מישן האָבן זיך מגייר געווען בפני כל עם ועדה. איין עקזעמפלאַר פון די כתבי הקודש אין דער גריכישער איבערזעצונג, וואָס חנניה האָט איבערגעגעבן דער אַדיאַבענער קעניגין, האָט אויפגעטאָן וואונדער. צוזאַמען מיט דעם אָננעמען די אמונת ישראל זיינען פאַרשוואונדן די גראָבע מדות און מנהגים, וואָס האָבן געהערשט ביז דעמאָלט אין דעם קעניגלעכן הויף. הילני המלכה און מונבז האָבן זיך אַזוי צוגעבונדן צום פאָלק ישראל, האָבן אַזויפיל געקומען שטיצן אונזערע ברידער פון יהודה און גליל און דעם בית המקדש אין ירושלים, אַז דאָס פאָלק קוקט אויף איר ווי אויף אַ מוטער, ווי אויף אַ מלאך מושיע אין די איצטיקע ביטערע צייטן פון רוימישן יאָך. אין דמשק האָבן זיך מגייר געווען כמעט אַלע פרויען, טעכטער פון געצנדינער. אַ סך גדולים פון די רוימער זיינען שוין געוואָרן יידן, אמת, דערווייל נאָך בלויז אין האַרצן נישט אָפן פאַר דער וועלט, אָבער די צייט וועט אויך קומען. עס ציטערט דער גריכישער געטער-באַרג אָלימפּ, ער גייט אויס פון אימה פאַר דעם ששת-ימי-בראשיתדיקן הימלשיין פון באַרג סיני!

—אַלץ, וואָס דו דערציילסט אונז,—האָט חוניו באַמערקט,—וואונדערט מיך גאָרנישט. איך האָב געוואוסט, אַז דאָס וועט אַזוי זיין, און מיר האָבן שוין לאַנג געוואַרט אויף דעדאָזיקער גרויסער

צייט. איטלעכער פון אונז, וועד עס פילט נאָר אין זיך עגער, גיע און מוט, מוז דעריבער זיך צוּרוּקלאָזן אין דער וועלט. מאַכן וויסן און פאַרשפּרייטן גאָטס וואָרט צווישן די געצנדינער, לויט אַלע סימנים, זע איך קלאָר, אַז נישט ווייט איז די צייט־ווען עס וועט מקוים ווערן די נבואה פון ישעיהו בן אמוץ: „און עס וועט פול ווערן די וועלט מיט וויסן גאָט, ווי דער ים איז פול מיט וואַסער.

—דיין נביאישער בליק, אונזער געאַכטער חוניו,—האָט חנניה געענטפערט,—האָט דיך נישט אָפּגענאַרט. גאָטס וואָרט שלאָגט זיך אומעטום דורך און דרינגט אַריין אין אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט. אָבער אונז, מיינע טייערע פריינט,—האָט ער זיך געווענדט צו דער גאַנצער חבורה:—אונז שטייט פאָר צו גיין איבער אַ וועג, וואָס איז פאַרזייט מיט דערנער און דיסטלען, אַ וועג, וואו בגידה, מסירה און טויט האָבן ווייט און ברייט אויסגעשפּרייט זייערע נעצן. דאָ רינגלען אונז אַרום די סאָפּיסטן, וואָס פאַרפּעסטן די לופט מיט רשעות און אויסגעלאַסנקייט. זיי זעען אין אונזער לערע דעם סוף פון זייערע אויסגעטראַכטע הבלים און פאַלשקייטן, זיי פילן די נאָענטע מפלה זייערע,—דעריבער האָבן זיי געשוואָרן אונז אומצוברענגען, אונז צו פאַרטיליקן. און דאָרטן קוקט אויף אונז בייז די האָפערדיקע אַריסטאָקראַטיע. איר שטעכט די אויגן אונזער אָפּנהערציקייט, אונזער לערע, וואָס מאַכט איידל די גרעבסטע, זיי קענען נישט ליידן אונזער צניעותדיק לעבן. זיי אַלע האָבן אונז פיינט און ווילן אונז אומברענגען.

דאָ האָט זיך חנניה אָפּגעשטעלט, ווייל אַ טרויעריק געפיל האָט אים געשטיקט. אַ טיפע אומרואיקייט האָט אַרומגענומען אַלע חברים, וואָס זיינען געזעסן ביים שבתטיש. חוניו האָט דער ערשטער גובר געווען זיין צער און נאָך אַ קורצן שווייגן האָט ער זיך אָפּגערופן צום עולם:

—אַ סך איידעלע הערצער וועלן נאָך צובראָכן ווערן, איידער די זון פון דעם אמת וועט צוטרייבן די געדיכטע וואָלקנס פון דעם חושכדיקן שקר...

גלייך ווי חוניו האָט אַרויסגעזאָגט דידאָזיקע ווערטער, איז ער אויפֿגעשטאַנען, כּדי צו פֿאַרלאָזן דעם עסצימער. די לעצטע יאָרן האָט ער זיך שוין נישט געפֿילט אויף אַזויפֿיל שטאַרק, אַז ער זאָל קענען פֿאַרברענגען אַ גאַנצן טאָג ביים שבתטיש, אין דער סביבה פֿון זיינע פֿריינט, ווי ער איז געוויינט געווען זיך נוהג צו זיין פֿון אַלע צייטן.

אונטער דער גאַנצער צייט, וואָס די איסיים האָבן אַזוי פֿאַרבראַכט ביים שבתטיש אין דער געזעלשאַפֿט פֿון דעם טייערן גאַסט חנניה, איז דאָריס געזעסן אין איר צימער שטאַרק פֿאַראומערט און אומרואיק. קיינמאָל האָט זי אַזויפֿיל נישט איבערגעטראַכט און איבערגעפֿילט, ווי די לעצטע צייט. פֿאַר איר אין די אויגן קומט עפּיס פֿאָר און זי קען עס נישט קלאָר באַגרייפֿן. אַז די פֿאַרלאַנגען און די שטרעבונגען פֿון די איסיים צושפּרייטן זיך איבער לענדער און אינזלען און טראָגן דעם געטלעכן אמת צו די פֿעלקער, צו די ווייטע, ווי צו די נאָענטע,—באַנעמט זי גוט מיט איר פֿאַרשטאַנד און געפֿיל. זי איז אַליין באַגייסטערט מיט דעמדאָזיקן אידעאַל. צייטנווייז דוכט זיך איר, אַז עס וואַקסן איר אויך פֿליגלען און זי פֿליט איבער באַרג און טאָל, איבער יבשה און ים, און ווי אַ פֿריי פֿייגעלע ברייננגט זי אומעטום די לאַנג געווינטשטע, לאַנג דערוואַרטע בשורה פֿון דער באַפֿרייונג. און שטענדיק זינגט איר אין האַרצן אַ צאַרטע ליבע־שירה.

זי וואָלט געוואָלט צוזאַמען מיט איר **ליבן** חבר פֿון די קינדער־יאָרן געטריי ווי אַ פּאָר יונגע טייבעלעך, אויף אָדלערפֿליגלען פֿליען אין אַרבע פּנות עולם מיט טרייסט און ליבע צו די מענטשן. זי זעט אָבער אָפֿן, אַז צווישן איר און איר טרוים האָט זיך געשטעלט אַ פֿעסטע וואַנט. זי בלייבט עפּיס שטענדיק אין שטוב, מען רעדט איר נישט צו אַרויסצוגיין, און שאול קומט עפּיס אויך ווייניקער. אין דעם גוטן חוניוס לעצטע ווערטער הערט זי קלאָר אַ רמז פֿון אַן ענטפֿער אויף אירע פֿראַגן. בשום אופֿן אָבער קען זי דעמדאָזיקן רמז נישט באַגרייפֿן. ער, אָט דער רמז, רופֿט ביי איר אַרויס בלויז נייע ספֿקות. ווער

איז זי? פונוואַנען קומט זי אַהער אין דעמדאָזיקן גוטן האַרציקן הויז? חוניו קוקט אויף איר מיט אַ מאָדנעם טיפן טרויער־בליק, מיט אַ שטיל־פאַרבאָרגענעם צער אין די מילדע גוטע ליבע אויגן, ווי ער וואָלט אויף איר רחמנות געהאַט און זי שטאַרק באַדויערט. זי קען שוין מער נישט וואַרטן, זי מוז נאָך היינט אויסגעפינען אַ פאַסיקן תירוץ און בעטן איר מדריך, ער זאָל איר בעסער מסביר זיין דעם רמז. אָבער וואָס זאַמט ער זיך היינט אַזוי? ער איז דאָך אַזוי שוואַך, אַז אַן איבעריקע רגע פאַרברענגען אין אַ געזעלשאַפט מאַטערט אים שרעקלעך איין און מאַכט אים קראַנק. מסתמא האָט דער גאַסט געבראַכט באַזונדערס וויכטיקע נייס פון זיינע ווייטע נסיעות, אפשר שלעכטע שוואַרצע בשורות? דאָריס איז שרעקלעך אומרואיק געוואָרן, צולעצט האָט זי דאָך דערזען איר גייסטיקן פאָטער און זי איז אים מיט פרייד שנעל געלאָפן אַנטקעגן.

בעת זיי זיינען ביידע אַריינגעגאַנגען אין שטוב און דאָריס האָט נאָך נישט באַוויזן רעכט אויסצופרעגן חוניון, ווי ער פילט זיך און פאַרוואָס האָט ער זיך היינט אומגעקערט אַהיים שפעטער ווי אַלעמאָל, האָבן זיי דערהערט אַ גערודער פון אַ צוגעפאָרענעם רייטוואָגן, וואָס מען איז אין דערדאָזיקער געגנט דערצו גאָרנישט געוויינט געווען.

באַלד האָט זיך געעפנט די טיר, און עס איז אַריין דער רוימישער פאַרוואַלטער פון אַלכסנדריא.

אַז פלאַקוס האָט דערזען דעם גרייזגראָען מלכותדיקן חוניון און די יונגע בליענדיקע דאָריסן, איז ער אַזוי איבערראַשט געוואָרן, אַז דער „גוט־מאָרגן" איז ביי אים פאַרגליווערט געוואָרן אויף די ליפן. ער האָט עפיס אָפגעמורמלט עטלעכע נישט דייטלעכע ווערטער. זיין גאַפנדיקער בליק איז געפלויגן פון חוניון צו דאָריסן, און פון דאָריסן צו חוניון. ענדלעך האָט ער זיך באַהערשט און ער איז אימשטאַנד געווען צו פרעגן,—צי שטייט ער איצט פאַר דעם ווייטגעשעצטן חוניון.

באַלד דערויף האָבן זיך אין טיר באַוויזן אויך פלאַקוסעס באַגלייטער. מיט אַ חוצפהדיקן הילוך איז אַרויסגעטראָטן פאָרויס

פלון, פונקט ווי ער וואָלט דאָ געווען דער באַלעבאָס פון הויז. אַ צלונג האָט ער אויפגעציטערט און האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי וו צוגעשמידטער. זיין געזיכט האָט זיך באַדעקט מיט אַ טויטער וו ייסקייט.

ל ען אפיון וואָלט, אַ שטייגער, דערזען דעם קאָפּ פון דער טייוו־אָנישער געטין מעדוזאַ אין דעם גריכישן גיהנום מיט אירע שלאַנגען־האָר און שדישע אויגן, וואָס האָבן אַלץ פאַרוואַנדלט אין שטיין,—וואָלט עס אויף אים נישט געמאַכט אַזאַ איינדרוק, ווי דער איין בליק זיינער, וואָס ער האָט געוואָרפן אויף דאָ־ריסן. נאָכן אויפציטערן איז ער איצט ווי פאַרגליווערט, ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. בלויז די ווילד־גלאָצעדיקע אויגן האָבן געוויזן, אַז אין אים איז נאָך דאָ אַ פונק לעבן. ער איז אַזוי אָפּגעשטאַנען עטלעכע מינוט, וואָס האָבן אים אויסגעזען ווי אַן אייביקייט. ער האָט זיך אָבער פון דאָסניי באַהערשט און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב מיט אַ פאַרצווייפלטן געשריי: „דער גיהנום האָט זיך אויפגעעפנט! דער גיהנום האָט זיך אויפגע־עפנט! דער ייד האָט אויף מיר מיט כישוף אַרויסגערופן דעם גיהנום!"

אַפיונס פלעצלעכער און ווילדער אַנטלויפן האָט אָנגעמאַכט אַן אומבאַשרייבלעכן גערודער. דער פאַרוואַלטער איז געשטאַנען מיט ברייט־פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן און מיט אויפגעהויבענע אַקסלען פון דערשטוינונג. דעמעטריוס האָט געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער און האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט. בלויז איין חוניו איז געבליבן רואיק די גאַנצע צייט. ער האָט אַריינגע־פירט אין צווייטן צימער די פאַרוואונדערטע און צושראָקענע דאָריס, וואָס האָט זיך מיט מורא צוגעדריקט צו אים, און ער האָט זי געגומען באַרואיקן. דערווייל איז פלאַקוס געקומען צו זיך און האָט באַפוילן דעמעטריוסן צו איילן נאָך זיין פריינט און באַגלייטן אים אַהיים.

עס איז אַוועק אַ סך צייט, איידער חוניו האָט זיך ווידער אומ־געקערט צוריק.

גלאַקוס האָט זיך אונטער דער צייט אינגאַנצן באַרואיקט, און

אַז ער האָט זיך איבערצייגט, אַז אויסער זיי ביידן איז אין צימער קיינער נישטאָ, האָט ער מיט אַ טיפן יראת הכבוד זיך געווענדט צום זקן

—צי קענסטו דעם מענטשן, וואָס זיין אומזיניק לויפן האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַזאַ אימה?

—איך האָב אים קיינמאָל פריער נישט געזען,—האָט חוגיו געענטפערט,—נאָר איך ווייס, אַז ער איז דיין בייזער מלאך.

—מיין בייזער מלאך? צי דען ווייסטו, ווער איך בין?

—אויך דאָס איז מיר לחלוטין אומבאַקאַנט. דאָך, נישט קוקנדיק דערויף, דערוועג איך מיך צו זאָגן, אַז יענער פּחדנישער שווינדלער אין די פילאָזאָפישע מלבושים איז דיין מלאך־מחבל.

—דו רופסט אים אָן פּחדנישער שווינדלער—און דו זאָגסט, אַז דו האָסט אים פריער קיינמאָל נישט געזען. דו רופסט אים מיין מלאך־מחבל—און דו ווייסט אַפילו נישט, ווער איך בין. ווי זאָל מען דאָס פאַרשטיין?

—צי דען דאַרף מען זיין אַ גרויסער מענטשן־קענער, כדי פון ערשטן בליק צו דערקענען אַפּיונען? עס זעט מיר אָבער אויס, אַז דער־אָזיקער אַפּיון איז דיין בעל־יועץ, און דעריבער ווער דו זאָלסט נישט זיין, וועסטו אומקומען דורך אים!

—איצט פאַרשטיי איך דיך, ייד!—האָט געענטפערט דער אויפגערעגטער פלאַקוס.—ווייל אַפּיון האָט פיינט דיין פאָלק, דערום ווילסטו אים פאַרשוואַרצן. ווייל ער ווערט איצט אומבאַקוועם, פאַר דיינע ברידער אין אַלכסנדריא, דערפאַר איז ער מיין מחבל. איצט זע איך, אַז איך האָב זיך געווענדט נישט אַהין, וואו איך האָב געהאָפט צו געפינען דעם ריינעם אמת. דעריבער לאַך איך פון דיין נבואה, אַז איך וועל אומקומען דורך אַפּיונען!

—איך האָב דיך געוואָרנט פאַר אַ זיכערן אומגליק. אַפּיון איז אַ פאַררעטער פון זיינע נאָנטסטע, פון זיינע בעסטע פריינט. אַפּיון איז דער סימבאָל פון רשעות, דער סימבאַל פון פאַרברעכן. פון רשעים קומט אַרויס נאָר שלעכטס. געדיינק מיינע ווערטער!

—האַלט איין דיין צונג!—האָט פלאַקוס אויסער זיך פון צאָרן אויסגעשריען.—זיי ווייסן, אַז פאַר דיר שטייט דאָ איצט דער שטאָטפאַרוואַלטער פון אַלכסנדריא!

—אויב דו וואָלסט אַפילו געווען דער מלך אַליין,—האָט חוניו רואיק געזאָגט, קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן,—און אַפילו— דיין בעל־יועץ, וואָלט איך אַפילו דעמאָלט זיך נישט פאַרטראַכט, כדי דיר צו זאָגן דעם אומדערבאַרמלעכן אמת: דו מוזט אומ־ קומען!

—דו ביזט אַן עזות־פנים!—האָט פלאַקוס קוים אַרויסגערעדט מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע, צוגייענדיק צום טיר און פילנדיק, אַז טיף אין האַרצן האָט זיך אים עפּיס אָפּגעריסן.—דאָס איז אַן עזות! נאָר צוליב יענער מיידל, וואָס געפינט זיך דאָ ביי דיר, וויל איך דיר נישט נושא פנים זיין:

מיט דידאָזיקע ווערטער האָט פלאַקוס פאַרלאָזט חוניוס שטיבל און איז אַוועקגעפאָרן צוריק אין שטאָט.

קאַפּיטל זעקס.

אַז אַפּיון איז צו זיך געקומען פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין חוניוס הויז, האָט ער זיך גענומען באַטראַכטן, וואו האַלט ער איצט אין דער וועלט. אים האָט זיך געדוכט, אַז די פעסטע לאַגע, וואָס ער האָט די לעצטע צייט געהאַט פאַרנומען אין אַלכסנדריא, האָט זיך איצט געמוזט עטוואָס אַ וואַקל טאָן איבער דעם שענדלעכן אַנטלויפן זיינעם, בעת ער האָט דערזען עפּיס אַ שוואַך מיידעלע אין ווייסע קליידער... ווי וועט דאָס דערקלערן דער פּאַרוואַלטער? אַפּיונען האָט שטאַרק באַאומרואיקט דער געדאַנק, אַז מיט זיין אומזיניקער אויפפירונג דאָרטן, אויפן ברעג פון דער מאַרעאָטישער אָזערע, האָט ער אַליין געקענט געבן דעם פּאַרוואַלטער אַ געווער אין האַנט געגן זיך גופא. ער האָט אָן אויפהער געטראַכט און געקלערט, ווי צו פאַרגלעטן זיין מיאוסן דורכפאַל. אָבער נאָכמער האָט אים געשראָקן יענס גרווילנדיקע בילד, וואָס ער האָט אין דעם צניעות־דיקן הויז געזען. דאָס בילד האָט זיין גאַנצע פעסטקייט צו־שטערט און אים אינגאַנצן צורודערט. בעת אַפּיון איז אַרויף

אויפֿן שוועל פֿון חוניוס וואוינונג און האָט דערזען דאָריסן, איז ער אויפֿן אָרט פֿאַרגליווערט געוואָרן פֿון אימה. אים האָט זיך יענעם מאָמענט אויסגעדוכט, אַז זיין שוין לאַנג פֿאַרשטאָרבענע פֿרוי איז אויפֿגעשטאַנען פֿון קבר און קוקט אויף אים מיט אַזאַ פֿאָרוואורף, וואָס מאַכט פֿרירן דאָס בלוט אין די אָדערן.

עס איז גאָר קיין ספק נישט, האָט ער ביי זיך געטראַכט, אַז דאָס האָט מיט אַ כּיוון אים אָפּגעטאָן דער בעל־מופת—חוניו דער איסי! דערפֿון פֿאַרשטייט אַפּיון, אַז חוניו האָט געוואוסט זיין פֿאַרגאַנגענהייט און דעם גאַנצן הימלשרייַעדיקן פֿאַרברעכן, וואָס ער, אַפּיון דער סאָפֿיסט און דער איצטיקער פֿירער פֿון דעם גריכישן פֿאָלק, איז אַמאָל באַגאַנגען. דערדאָזיקער באַוואוסט־זיין האָט אַזוי שטאַרק געפּייניקט אַפּיונען, אַז ער איז אין משך פֿון דריי מעת־לעת געזעסן פֿאַרשפּאַרט אין זיין צימער און אָן אויפֿהער באַטראַכט פֿאַרשידענע פּלענער, ווי אַזוי צו אַנטוואָפֿענען דעמדאָזיקן חוניו און ווידער צוציען פֿלאַקוסן אויף זיין זייט. אויפֿן פֿערטן טאָג האָט ער שוין מער קיין קרעפֿטן נישט געהאַט צו זיצן אין שטוב. מען דאַרף גיין צו פֿלאַקוסן, מען דאַרף ווידער געווינען דעם געוועזענעם איינפֿלוס אויף אַלעמען, הגם אים, אַפּיונען, איז נאָך נישט געלונגען צו מאָטיווירן זיין העסלעכן ויברח ביי דער מאַרעאָטישער אָזערע.

אַפּיון האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט אַרויפֿצוּוואַרפֿן אויף זיך זיין טאָגע, ווי עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. ער האָט זי גלייך געעפֿנט און ער האָט דערזען פֿאַר זיך אַ מאַן מיט אַן אומגעוויינלעך שטאָלצן און מוטיקן פּנים, מיט טיפֿע דורכדרינגלעכע אויגן.

אַפּיון האָט נישט ווילנדיק אַ ציטער געטאָן, דערזעענדיק אים, און האָט אָפּגעטראָטן אויף עטלעכע טריט צוריק. אָבער באַלד דערויף האָט ער זיך באַהערשט און אַ פֿרעג געטאָן דעם אומבאַקאַנטן, מיט וואָס קאָן ער אים דינען.

דער אומבאַקאַנטער איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי חנניה האָיסי. ער איז צוגעגאַנגען נאָענט צו אַפּיונען און האָט געענטפֿערט:

—איך געפין מיך זיכער אין דער וואוינונג פון דעם באַרימטן גראַמאַטיקער אַפּיון, און אויב איך האָב נישט קיין טעות, שטייט ער עס טאַקע איצט פאַר מיינע אויגן.
אַפּיונס געזיכטסשטריכן זיינען לויטער געוואָרן און ער האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל:
—דו האָסט נישט קיין טעות, אורח. פאַר דיר שטייטווירקלעך אַפּיון. מיט וואָס קען איך דיר דינען?—האָט ער אים ווידער־אַמאָל געפרעגט.
—איך בין געקומען צוליב צוויי ענינים. ערשטנס, פאַרלאַנג איך פּערזענלעך צו דערקענען דעם מענטשן, וועגן וועמען איך האָב אַזויפיל געהערט בעת מיינע לאַנג־יעריקע און ווייטע וואַנדע־רונגען. צווייטנס, האָב איך אים געוואָלט בעטן, ער זאָל מיר העלפן געפינען און צושטעלן צום שאַנדסלופּ איינעם אַ שווינד־לער אַ צבוע׳אַק, וואָס פאַרדעקט אונטער דער טאָגע פון אַ פּי־לאָזאָף—רשעות, נבלות און פאַרברעכנס. דיינע צאָלרייכע פאַר־בינדונגען און דיין גרויסער איינפלוס קענען מיר, אָן ספק, מיטהעלפן דעריין, און איך מיין, אַז דו וועסט מיך נישט אָפּ־שטויסן פון זיך.
—אָ, געוויס...—האָט זיך אָפּגערופן אַפּיון, פאַנאַנדערציענדיק די ווערטער.—געוויס... אָבער פריער מוז מען מיר פאַרטרויען די פּרטים פון דער זאַך...
—פאַרשטייט זיך,—האָט אים חנניה איבערגעריסן,—אָבער דו האָסט, דאַכט זיך, געהאַט אַ דעה אַוועקצוגיין און דו האָסט מסתמא איצט נישט קיין צייט אויסצוהערן מיין ענין...
—איך וועל מיט פאַרגעניגן דיך אויסהערן און פאַרבלייבן אינ־דערהיים.
ביי די ווערטער האָט אַפּיון אַראָפּגענומען זיין טאָגע, און אַוועק־זעצנדיק זיך אויף די קישנס, האָט ער געבעטן חנניהן פאַרנע־מען אַן אָרט קעגן אים.
חנניה האָט אָנגעהויבן:
—מער ווי מיט דרייסיק יאָר צוריק האָבן צוויי יונגע בחורים פון אַן אָאַזיס אין מדבר מצרים פאַרלאָזט זייער היים און זיך אַוועק־

געלאָזט זוכן אין דער געלערנטער אַלכּסנדריא שפּייז פאַר זייער אומרואיקן, נישט געשטילטן גייסט. נישט געקוקט דערויף, וואָס איינער איז געווען אַ ייד און דער אַנדערער אַ געצנדינער, זיינען זיי געווען פאַרבונדן מיט אַ פעסטער פריינטשאַפט, ווייל זיי זיינען געווען שכנים און פון קינדווייז אָן האָבן זיי זיך גע־האָדעוועט כּמעט אין איין הויז, אונטער איין און דעמזעלבן פרייען דרום-הימל, וואָס ווערט כּמעט קיינמאָל נישט באַדעקט מיט וואָלקנס. פון איינע און דיזעלבע טייטלבוימער האָבן זיי געגעסן פרוכטן און פון איין פרישן קוואַל געטרונקען וואַסער. אין עטלעכע יאָר אַרום האָבן זיך די וועגן פון די פריינט צע־שיידט. דער ייד איז אַריינגעטראָטן אין דער חבורה פון די איסיים און דער געצנדינער איז צוגעשטאַנען צו די סאָפיסטן. אַזוי זיינען אַוועק יאָרן. אין דעם משך פון דער גאַנצער צייט האָבן זיך די חברים קיין איין מאָל נישט געטראָפן. ביז אַ צופאַל האָט זיי ענדלעך צונויפגעפירט אין זייער היים, כּדי ווידער זיי צו צעשיידן און דאָסמאָל שוין אויף אייביק...

—זייער היים, זאָגסטו, איז געווען אַן אָאַזיס אין מדבר מצרים?—האָט אַפּיון מיט אַ ציטער שטיל געפרעגט.

—יאָ, אַזוי האָב איך געזאָגט,—האָט געענטפערט חנניה, ציילנדיק די ווערטער מיט אַ דייטלעכן טאָן.—און זייער היים-שטאָט האָט זיך גערופן לאַטאָפּאָליס.

אַ קעלט איז אַריבער איבער אַפּיונס בלוטן.

חנניה האָט ווייטער דערציילט:

—בכן האָבן זיך ביידע פריינט ווידער באַגעגנט אין לאַטאָפּאָליס. אָבער ווי עס איז ווייט דער הימל פון דער ערד, אַזוי זיינען ווייט געווען פון איינאַנדער זייערע שטרעבונגען. דער סאָפיסט—נו, לאָמיך אים אָנרופן מאַליך... אָבער וואָס איז מיט דיר? דו ביזט עפּיס בלייך און צעמישט?...

—ס'איז גאָרנישט... דאָס איז אַ ציַיטווייליקע שלאַפקייט... מער גאָרנישט...

—מאַליך,—האָט חנניה ווייטער גערעדט,—האָט געמאַכט אַרטיסטי־שע נסיעות, פלעגט געבן פאָרשטעלונגען פון „איליאַדע" און

„אָדיסייע״ און זיך דערמיט פֿאַרשאַפֿט גרויס כּבוד און עשירות. וואָס ווייטער, האָט ער אַלץ מער ליב באַקומען געלט און כּבוד. איינמאָל איז ער אָנגעקומען אין זיין היימישער לאַטאַפּאָליס און, פּונקט ווי אין אַנדערע שטעט, האָט ער אויך דאָ געהאַט צו אומגעהויערן ערפאָלג. די גאַנצע שטאָט האָט נאָר געטאָן און גערעדט וועגן דער כּשופֿדיקער שפּראַך פֿון איר מאַליך און זי האָט שטאָלצירט דערמיט, וואָס אַזאַ בירגער איז אירער אַ זון, אַ זון פֿון לאַטאַפּאָליס.

אָבער לגמרי אַן אַנדער מענטש איז געווען דער איסי. דערדאָזיקער האָט געאַרבעט אָן רעש און טומל פֿאַר דער דערציאונג פֿון מענטשן, אין קאַמף מיט די איינגעוואָרצלטע נאַרישקייטן און אַבערגלויבערייען. ער האָט אויך געמאַכט ווייטער נסיעות און אומעטום האָט ער דערוויזן די נאַרישקייט, די ווילדקייט און דעם שקר פֿון געצנדינסט. נאָר זיין פֿאַרברייגען אין אַ שטאָט פֿלעגט פֿאַרבלייבן כּמעט אומבאַמערקט. און אָט, אין אַ געוויסן פֿרימאָרגן האָבן זיך ביידע געוועזענע פֿריינט באַגעגנט אין אַ הויז—און זיי זיינען געוואָרן די פֿאַרביסנסטע שונאים.

הער, וואָס ס׳איז פֿאָרגעקומען. אין לאַטאַפּאָליס האָט אין יענער צייט געוואוינט אַ רייכע גריכישע אַלמנה, אַ פֿרוי שוין אין די עלטערע יאָרן, מיט צוויי קינדער: אַ האַלב-נאַרישן זון און אַ וואונדערשיינער, רייכבאַגאַבטער טאָכטער. מיט דערדאָזיקער פֿאַמיליע איז אונזער איסי געווען זייער שטאַרק באַחברט. אין דעמדאָזיקן הויז האָט מען אים זייער ליב געהאַט און ער איז באַלד באַגליקט געוואָרן מיט דער ליבע פֿון דער איידעלער טריפֿאָזאַ, דער אַלמנהס זעכצניאָריקער טאָכטער. עס איז אַוועק אַ קורצע צייט, און מאַליך האָט זיך דערוואוסט וועגן דער אַלמנה, וואָס וועגן איר עשירות זיינען פֿאַרשפּרייט געוואָרן די סאַמע אומגלויבלעכע פֿאַנטאַסטישע קלאַנגען. אָבער מאַליך איז געווען שלוי ווי אַ שלאַנג און ער האָט באַלד באַקומען אַ צוטריט צו דערדאָזיקער אַלמנה. אין משך פֿון עטלעכע וואָכן האָט ער מיט אַ קונציקער פֿאַלשקייט פֿאַרפּלאָנטערט דידאָזיקע פֿרוי אין זיינע נעצן. דורך אינטריגעס האָט ער אַרויפֿגעוואָרפֿן אַ שוואַרצן שאָטן

פון אַ גרויזאַמען חשד אויף זיין חבר דעם איסי, האָט אים פון דעמדאָזיקן הויז אַרויסגעשטויסן און—דער וועג צו דער עשירות פון דער אַלמנה איז פאַר אים אָפּן געוואָרן. אָבער ער האָט זיך ניט געפילט גענוג זיכער. ער האָט געוואוסט, אַז דאָ, נאָענט, געפינט זיך דער איסי, בכן מוז מען אים מיט אַלע מיטלען מאַכן אומשעדלעך. מען מוז אים אָפּראַמען פון וועג. מאַליך האָט אויפגערודערט קעגן דעם איסי דעם פינסטערן גאַסן-המון. דער איסי איז אַ פאַרביסענער שונא פון די געטער, פון אָלימפּ, ער וויל צעשטערן דעם אוראַלטן גלויבן פון די גריכן און אָנשטאָט אים אַרויפפירן אויבנאָן די לערע פון די יידן. אַזוי האָט מאַליך איינגערעדט דעם המון צו מאַכן אַ סוף מיט דעם שונא פון די געטער. איין טאָג האָט זיך פאַרן הויז, וואו עס האָט געוואוינט דער איסי, פאַרזאַמלט אַ מחנה ווילדע רוצחים. זיי האָבן דאָס הויז אונטערגעצונדן. אין שטאָט האָט מען געמיינט, אַז אונטערן אַש איז באַגראָבן געוואָרן דער איסי. דאָס איז אָבער אַ טעות געווען. אַז דער איסי האָט זיך דערוואוסט וועגן דער סכנה, וואָס איז אים פאַרגעשטאַנען, האָט ער נאָך ערב יענעם פינס-טערן טאָג פאַרלאָזן די שטאָט, אַזוי-אַרום אויסגעמיידט דעם זי-כערן טויט און—ער לעבט נאָך עד היום!

ביי די לעצטע ווערטער, וואָס האָבן געשניטן אַפּיונען, ווי מיט אַ צוויישאַרפיקן מעסער, איז דער גריכישער גראַמאַטיקער אויפ-געשפרונגען ווי אַ צעמישטער, און אַזוי ווי האַלב משוגע גע-בליבן שטיין פאַר חנניהן, וואָס האָט זיך אויך אויפגעהויבן פון אָרט. אין איין אויגנבליק האָט ער דערקענט חנניהן און פון אַפּיונס ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן:

—דו ביזט חנניה! איך דערקען דיין איצט... יאָ, דו ביזט חנניה!

—און דו ביזט מאַליך!—האָט זיך אָפּגערופן חנניה.—דערזעלבי-קער מאַליך, וואָס די וועלט קען אים אונטערן נאָמען אַפּיון!

—וואָס פאָרט ווילסטו?—האָט אַפּיון געפרעגט מיט אַ הייזעריקער שטימע.

—קודם כל, אַז דו זאָלסט מיך אויסהערן ביזן סוף.

—באַפֿריי מיך דערפֿון,—האָט זיך אַפֿילו געבעטן ביי אים רחמים.— איך ווייס געוויס. זאָג אַרויס דיינע תּביעות, און איך וועל זיי דערפֿילן.

—מיין ערשטע תּביעה איז—דו זאָלסט אויסהערן מיין דערציילונג ביזן סוף,—האָט איבערגעחזרט חנניה.

אָבער איך וויל מער נישט הערן!—האָט אַפֿילו שוין פֿעסטער אַרויסגעזאָגט, צונויפֿנעמענדיק זיינע לעצטע כּוחות.—איך וויל מער גאָרנישט הערן וועגן דעמדאָזיקן... עבֿרו! שטעל דיינע פֿאָדערונגען!

—אויסהערן מיך—מוזטו!—האָט אים מיט אַ דונער-שטים איבערגעריסן חנניה און מיט אַ שטאַרקער האַנט האָט ער אים אַוועקגעזעצט אויפֿן אָרט.

דערשפּירט דידאָזיקע פֿעסטע האַנט, האָט אַפֿילו אָן ווערטער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

חנניה האָט שטרייג געקוקט אויף אַפֿילונען און האָט ווייטער דערציילט:

—דאָס, וואָס איז געשען ווייטער, קאָן מען דערציילן בקיצור. אין משך פֿון צוויי יאָר האָב איך זיך באַהאַלטן אין די אומגעגנטן פֿון לאַטאָפּאָליס, און פּונקט אַזויפֿיל צייט איז מאַליך געזעסן ביי דער אַלמנה, אָפּגעריסן פֿון דער גאַנצער וועלט. באַלד נאָך מאַליכס אַריינקלייבן זיך אין דעמדאָזיקן הויז—איז די אומגליקלעכע טריפֿאָזאַ געצוואונגען געווען צו ווערן די פֿרוי פֿון אָט דעם מנוול. אין אַ קורצער צייט אַרום איז פּלוצלונג געשטאָרבן די אַלמנה, אָבער אין אַזוינע שרעקלעכע יסורים, אַז נישט ווילנדיק איז איינגעפֿאַלן אַ חשד, אַז דאָ איז באַגאַנגען געוואָרן אַ פֿאַרברעכן. איצט האָט מאַליך אָנגעהויבן אומדערבאַרמלעך צו פּייניקן זיין וויב און איר שוואַכזיניקן ברודער—קאַראַבאַזן. דער אכזר האָט דעמדאָזיקן אומגליקלעכן פֿאַרשפּאַרט אין אַן אונטערערדישער הייל, וואו קאַראַבאַס איז חדשים-לאַנג אויסגעשטאַנען שוידערלעכע עינויים און האָט פֿאַרלאָרן דעם לעצטן שיין פֿון זיין שכל. די עלנטע טריפֿאָזאַן, ווידער, האָט מאַליך אַזוי טיראַניש פֿאַרפּייניקט, אַז זי איז בעפֿערלעך קראַנק

געוואָרן און זי איז געשטאָרבן, נאָכדעם ווי זי האָט געבאָרן אַ שיין, ליב מיידעלע. אַז מאַליך האָט דערזען זיין קרבן מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגן, האָט ער צוזאַמענגענומען אַלע אוצרות און איז פערשוואונדן, איבערלאָזנדיק די גוססע פרוי עלנט ווי אַ שטיין צווישן לײדיקע פיר ווענט. איצט ערשט, אַז צו מיר זיינען דערגאַנגען דידאָזיקע ידיעות, האָב איך פאַרלאָזן מיין מקום מקלט און איך בין שנעל אַוועק קיין לאַטאָפּאָליס. איך האָב נאָך באַוויזן צו קומען צו דער רעכטער צייט, כדי צו דערהערן פון טריפּאָזאַס מויל די געשיכטע פון אירע ליידן און צו פאַרמאַכן איר אויף אייביק די אויגן...

נאָכדעם האָב איך דאָס נייגעבוירענע קינד צוזאַמען מיט קאַראַ־באַסן איבערגעגעבן אין גוטע הענט פון מיינער אַ פריינטלעכער פאַמיליע אין לאַטאָפּאָליס און איך האָב פאַרלאָזן דעמדאָזיקן קאַנט.

—שפּעטער, אַז איך האָב זיך באַשלאָסן אַוועקצולאָזן אין ווייטע נסיעת צו פאַרשפּרייטן דעם איינציקן אמת פון דעם איינציקן גאָט צווישן די פעלקער, האָב איך זיך פריער אומגעקערט קיין לאַטאָפּאָליס. איך האָב גענומען דאָס צוויי־יאָריקע קינד פון מיין אומפאַרגעסלעכער פריינטין, געבראַכט צו פירן קיין אַלכסנדריא און איבערגעגעבן עס מיינעם אַ פריינט, וואָס האָט איר פאַר־ביטן אַ פאָטער. אין עטלעכע יאָר אַרום איז קאַראַבאַס פאַר־שוואונדן געוואָרן פון לאַטאָפּאָליס. זיך האָב מער וועגן אים קיינמאָל נישט געהערט. ער איז ווי אין וואַסער אַריין.

אַ טויטע שטילקייט איז געשטאַנען אין צימער, בעת חנניה האָט געענדיקט. געדריקט פון אַ נאָגנדיקן צער און פון טרויעריקע זכרונות, האָט ער זיך פאַרזונקען אין טיפע מחשבות. אַפּיון איז געזעסן אומבאַוועגלעך, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, מיט אַראָפּ־געלאָזטע אויגן... אָבער באַלד איז חנניה אויפגעשטאַנען פון אָרט, האָט זיך דערנענטערט צו אַפּיונען און האָט אים גע־פרעגט, וואָס קאָן ער זאָגן דערויף?

מיט גרויס מי האָט אַפּיון אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט קוים אַרויסגעמורמלט:

—דאָס, וואָס דו דערציילסט, איז אַ גוזמא...

—דו ליגסט, אויסוואורף!—האָט דער טיף־אויפגעבראַכטער חנניה אויסגעשריען,—צי דען האָסטו נישט אַוועקגעוואָרפן טריפּאָזאַן, בעת זי האָט זיך געראַנגלט מיטן טויט?

—דער נישט־געשטילטער דורשט נאָך וויסנשאַפט האָט מיך געצוואונגען צו לויפן...

—זיי נישט מטמא דאָסדאָזיקע הייליקע וואָרט! די וויסנשאַפט—נישט זי ראַבירט, נאָר זי שיינקט און באַלוינט מיט אַ פרייער האַנט; נישט זי זייט טויט און פאַרניכטונג, נאָר זי איז מחיה נפשות, זי האַלט אויף און פאַרגרינגערט דאָס לעבן. אָבער דו ביזט אַ רוצח און אַ מערדער, אַ תליון און אַ גזלן, אַ שד אין אַ מענטשנגעשטאַלט...

—האַלט זיך אָבער אָפּ!—האָט אַפּיון ווילד אויסגעשריען.—האַלט זיך אָפּ! דו פייניקסט מיך אָן אַ צוועק. באַשטים דיינע פאָדערונגען. דו ווייסט, אַז איך בין אַלמעכטיק אין אַלכסנדריא. וואָס דאַרף איך טאָן? איך וועל אַלץ דערפילן.

—דו שפלע בריאה!—האָט געענטפערט חנניה.—דו באַנעמסט גאָרנישט, אַז עס זיינען נאָך דאָ אונטער דער זון מענטשן, וואָס האָבן ליב דאָס גוטע און וואָס האָבן פיינט דאָס שלעכטע, נישט פאַרלאַנגענדיק דערביי קיין שום באַלוינונג. דו דאַרפסט וויסן זיין, אַז איין וואָרט פון מייז מויל—און פון דייז מאַכט ווערט אַ תל

—וואָס־זשע ווילסטו פון מיר?

—וואָס איך וויל? אַראָפּרייסן פון דיין פרצוף די מאַסקע, אויפדעקן דיינע מעשים און ווייזן דער וועלט, וואָס פאַר אַ שוואַרצע נשמה עס פאַרדעקט און באַהאַלט דיין פילאָזאָפישע מאַנטיע!

—דאָס וועסטו נישט טאָן!—האָט געענטפערט אַפּיון מיט אַ ציטעריקער שטים.—ניין, דו וועסט עס נישט טאָן! חנניה, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרלייכטערן דעם אומגליק אויף דער ערד און צו ראַטעווען אומגליקלעכע פון אונטערגאַנג,—אָט דער חנניה וועט נישט וועלן אַריינוואַרפן אין תהום דעם חבר

פון זיין יוגנט, אויב דערדאָזיקער יהבר האָט זיך אפילו שווער פאַרזינדיקט פאַר אים!

—דיינע סאָפיסטישע קונצשטיק און דיין שווינדלען מיט דער לאָגיק וועלן מיך נישט נאַרן און נישט רירן,—האָט חנניה אים טרוקן געענטפערט דערויף.—איינע פון די הויכע אויפגאַבן פון אונזער חבורה איז—אויסצעראָטן די פאַרדאָרבנקייט און צו פאַרטרייבן פון דער ערד דעם גייסטיקן חושך. אונזער תורה הייסט אונז אויסראַמען דאָס שלעכטס. דו ביזט דער דינער פון דעם רוח,—איז מיין חוב דיך אויסצוראָטן.

דידאָזיקע ווערטער האָבן געמאַכט אויף אַפיונען אַ געוואַלדיקן רושם און האָבן אויף אים אַרויפגעוואָרפן אַ טויט-שרעק. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די פיס פון דעם איסי, האָט אַרומגענומען זיינע קני און גענומען בעטלען ביי אים רחמים, גנאָד און מחילה.

צו אַזאַ סצענע איז חנניה נישט געווען צוגעגרייט. אויף אַ רגע איז ער אַריין אין פאַרלעגנהייט. אָבער באַלד האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון אַפיונס הענט, האָט זיך מיט צאָרן אָפּגעקערט פון אים און געזאָגט:

—איך האָב כמעט חרטה, וואָס איך האָב דיך אויפגעזוכט און גענומען אויף זיך דעם נישט אָנגענעמען חוב דיך צו באַשטראָפן, ווארום עס איז גאָרנישט אָנשטענדיק פאַר אַ מענטשן צו האָבן אַן עסק מיט אַזאַ שפלער בריאה, ווי דו ביזט. אויב דאָס וואָלט זיך געווענדט אָן מיר, וואָלט איך שוין לאַנג מיט פאַראַכטונג און עקל געמאַכט אַ סוף צו דערדאָזיקער מיאוסער באַגעגעניש. אָבער מיך פאַרבינדט אַ שבועה...

אין אַפיונס האַרצן האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן אַ האָפנונג, און ער האָט איבערגעריסן חנניהס רייד:

—אויב דו האָסט געשוואָרן מיך זויסצעראָטן, האָסטו דאָס געטאָן אין אַ צושטאַנד פון כעס. בעת אַ מענטש איז אין כעס, האָט ער איבער זיך נישט קיין שליטה, בכן איז די שבועה קיין שבועה נישט.

—איך האָב געגעבן מיין שבועה פולשטענדיק רואיקערהייט,—

האָט געענטפערט חנניה.—איך בין אַן איסי און, אַריינגערעטנדיק אין אונזער חבורה, האָב איך פייערלעך געשוואָרן, שטענדיק צו העלפן דעם גערעכטן און פיינט צו האָבן דעם אומגערעכטן, תמיד צו ליבן דעם אמת און אָן רחמנות אויפצודעקן די בושה פון דעם שקרן.

—און עס איז גאָר נישטאָ קיין שום מיטל, וואָס זאָל דיר מתיר שבועה זיין און מיר געבן די מעגלעכקייט חרטה צו האָבן אויף דאָס פאַרגאַנגענע און צו פאַרבעסערן זיך אויף ווייטער?

—עס איז דאָ,—האָט חנניה פאַרטראַכט געענטפערט.

אַפיון האָט אָפּגעעטעמט.

—וואָס מיינסטו צו זאָגן?

—אויב דו וועסט חרטה האָבן אויף דיינע שווערע זינד מיטן גאַנצן האַרצן, אויב דו וועסט זיך אָפּנהאַרציק בפני כל עם ועדה מודה זיין, אַז דיין גאַנץ פריערדיק לעבן איז פאַרהאַסט ביי גאָט, דעם איינציקן שעפער פון דער וועלט, אויב דו וועסט זיך דערוווייטערן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און דו וועסט ענדיקן דיין לעבן אין שטרייגער תשובה און אין התבודדות,—דעמאָלט וועסטו מיך באַפרייען פון מיין שבועה.

—קיינמאָל נישט!—האָט אַפיון אויסגעשריען אַן אָנגעצונדענער.—קיינמאָל נישט! ווי, אָפּזאָגן זיך פון דער צוקונפט, וואָס גיט מיר אַזוינע גוטע האָפנונגען, און באַגראָבן זיך לעבעדיקערהייט אין איינזאַמקייט אין אַ מדבר? בלויז אַן אומזין קאָן שטעלן אַזוינע פאָדערונגען!

—דו האָסט קיין אַנדער ברירה נישט,—האָט חנניה קאַלט געענט-פערט.

אַפיון איז אומגעלאָפן איבערן צימער, ווי אַ משוגענער. נאָר ביסלעכווייז איז זיין אויפרעגונג איינגעשטילט געוואָרן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר חנניהן און האָט געזאָגט מיט אַ רואיקערן טאָן:

—איך וועל דערפילן דיין פאָדערונג. גיב מיר נאָר אַ טערמין אויף אַ ישוב הדעת.

—דו פאַרלאַנגסט אוממעגלעכעס,—האָט חנניה געענטפערט.—איך

מוז פאַרלאָזן אַלכסנדריא אין משך פון צוויי מעת לעת, בכן פאַרשטייסטו, אַז איך מוז פריער מאַכן אַ סוף מיט דעם ענין.

—אויב אַזוי, דאַן גיב מיר כאָטש פיראונצוואַנציק שעה,—האָט אַפיון געבעטן.
חנניה האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן און באַלד געענטפערט:
—גוט. מאָרגן, פונקט אין דערדאָזיקער צייט, וועל איך דאָ ווי־דער זיין נאָך אַן ענטפער... נאָר זאָל דער ענטפער זיין אַ באַשטימטער.
מיט דידאָזיקע ווערטער האָט ער זיך אומגעקערט צום טיר.

—דערלויב מיר, איידער דו גייסט אַוועק, צו שטעלן דיר איין פראַגע,—האָט אים אַפיון נאָכגעשריען.
חנניה האָט זיך אומגעקערט.
—דו האָסט פריער געזאָגט,—האָט אַפיון אָנגעהויבן שטאַמלענדיק,—אַז אַן ערך מיט פופצען יאָר צוריק האָסטו גענומען... פון לאַטאָפּאָליס... מיין... קינד... וואָס איז מיט אים געוואָרן?
—דיין טאָכטער לעבט און זי איז איצט אַ רייצנדיק מיידל. אין אַלע פּרטים איז זי, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, ענלעך צו דער אומגליקלעכער טריפאָזאַ...
—וואו געפינט זי זיך ביי היינטיקן טאָג?
—נישט וויט פונדאַנען,—האָט געענטפערט חנניה,—אָבער דו וועסט עס וויסן נאָר דעמאָלט, ווען דו וועסט עס ווערט זיין.

מיט דידאָזיקע ווערטער איז חנניה אַוועק.
אַפיון האָט טיף אָפּגעעטעמט. ער איז געקומען צו די כוחות. יענץ שרעקנס־בילד, וואָס ער האָט געזען אין חוניוס שטיבל און וואָס האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפן אַזאַ אימה, איז, הייסט עס, גאָרנישט געווען זיין תחית־המתים־אויפגעשטאַנענע פרוי. דאָס איז גאָר געווען זיין טאָכטער. בכן איז חוניו גאָרנישט געווען אַזאַ בעל־מופת, ווי ער האָט אים געהאַלטן. עס קאָן זיין, אַז חוניו האָט גאָרנישט געהאַט קיין ידיעות וועגן זיין, אַפיונס, פאַר־

גאַנגענהייט. אויב אַזוי, דאַן האַלט אַפּיון אין זיינע הענט דעם פּאַרוואַלטער פון אַלכּסנדריא פעסטער, איידער ווען-עס-איז ביז איצט. ער האָט נאָך דעמאָלט באַמערקט די בליקן, וואָס פלאַקוס האָט געוואָרפן אויף זיין טאָכטער. איצט האָט ער געוואוסט, אויף וואָסער אופן איינגער און פעסטער צוצובינדן צו זיך דעם-דאָזיקן רוימער, און אַפּיון האָט מיט זיך אַליין הויך גערעדט פון שמחה ביי דעמדאָזיקן געדאַנק. אָבער חנניה, דערדאָזיקער לעבעדיקער עדות פון זיין פאַרברעכערישן עבר, ווי מאַכט מען אים שווייגנדיק! געברויכן געוואַלט,—האָט ער געטראַכט,—וואָלט געווען געפערלעך... אפשר אויסטראַכטן אויף אים עפּיס אַ שווע-רע באַשולדיקונג און פאַרשפּאַרן אים פלוצלונג אין תּפיסה?... דאָס איז אַ גוטער געדאַנק. אָבער מען מוז זיך צואיילן... ער האָט אָנגעהויבן נאָכטראַכטן און איבערלייגן זיך, מעסטנדיק מיט לאַנגזאַמע טריט דעם צימער. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגע-שטעלט—אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט געפונען אַ מיטל, און דעמאָלט האָט ער אַ זאָג געטאָן:

—נו, איצט קאָנסטו קומען נאָך אַן ענטפער, חנניהו

קאַפּיטל [illegible]

דידיה-פילון האָט געהאַט אַן אומגעווייגלעך גוטע ווירקונג אויף דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג פון אַלכּסנדריא. די שולן, וואו ידידיה און זיין זון שאול האָבן איינער נאָכן אַנדערן כּסדר געהאַלטן זייערע דרשות, זיינען אַלע טאָג געווען איבערפולט פון אַן אומגעהויער-גרויסן עולם צוהע-רער. נישט בלויז די יידן, נאָר אויך די גריכן האָבן געשטרעבט צו הערן די דרשות פון דעם מענטשן, וואָס האָט אַרויסגערופן זייער באַוואונדערונג און יראת הכּבוד. דידאָזיקע דרשות האָבן געגעבן די געצנדינער די מעגלעכקייט באַקאַנט צו ווערן מיט דער לערע פון דער יהדות און צו פאַרטיידיקן איר קעגן די רשעותדיקע אָנפאַלן.

ידידיה האָט געהערט צו דער אַלטער יידישער אַריסטאָקראַטיע, און הגם ער האָט געירשנט פון זיינע עלטערן אַ גרויס עשירות, איז געווען געאַכט און געליבט נישט בלויז פון זיינע אייגענע גלויבנס-ברידער, נאָר אויך ביי די אויסגעצייכנטע גריכישע פי-לאָזאָפן, פונדעסטוועגן האָט ער געלעבט ווי דער געוויינלעכ-

סטער מענטש פון פאָלק און מיט זיין עשירות פלעגט ער שטיצן די אָרימע באַפעלקערונג פון אַלכסנדריא. מיט זיין צניעותדיק גוט און פרום לעבן האָט ער געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף זיינע רייכע ברידער פון אַלכסנדריא און אַ סך האָבן אים גענומען נאָכטאָן.

קוים פלעגט זיך נאָר ידידיה באַווייזן אויף די גאַסן פון שטאָט, פלעגט אים באַלד אַרומכאַפּן אַן עולם פון פאָלק. אָרימע און געדריקטע האָבן זיך באַזונדערס געשטויסן אַרום אים, פּונקט זיי וואָלטן געפילט אין אים אַ ליבנדיקן פאָטער און באַשיצער. פרייגיביקייט, גוטהאַרציקע שטיצע מיט דער פולער האַנט—דאָס איז געווען דער איינציקער לוקסוס, וואָס דאָס הויז פון ידידיה האַלכסנדרוני האָט זיך דערלויבט. קיין אָרימאַן, צו וואָס פאַר אַ פאָלק און גלויבן ער זאָל נישט געהערן, האָט קיינמאָל נישט פאַרלאָזן די שוועל פון דעמדאָזיקן פילאָזאָף, וואו ער איז נישט באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ ברייטער האַנט. ידידיה האָט שיין געדרשנט, ער האָט אָבער אויך שיין מקיים געווען די הויכע געבאָט פון דער לערע.

די מיטגלידער פון דער אַלכסנדריער אַקאַדעמיע זיינען זיך נענטער צונויפגעקומען מיט דעמדאָזיקן מענטשן און האָבן זיך אָנגעהויבן וואַרימער באַציען צו דער לאַגע פון די יידן. זיי האָבן זיך פערזענלעך נישט איינמאָל אַריינגעמישט אין די עפּטער-געוואָרענע סכסוכים צווישן דער גריכישער און יידישער באַפעלקערונג פון אַלכסנדריא און זיי האָבן פאַרהיט פון אַ סך אומגליקן. ווען נישט זייער אַריינמישן זיך, וואָלט געקאָנט קומען צו אַ שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע, וואָרום דער שטאָט-פאַרוואַלטער האָט כמעט לגמרי אויפגעהערט צו ווירקן ביי דידאָזיקע סכסוכים. ער האָט זיך אינגאַנצן געפונען אין די הענט פון אַפּיונען, און יענער איז איצט געווען דער אמתער הערשער פון אַלכסנדריא.

נאָכדעם, ווי חנניה איז אַוועקגעגאַנגען פון אַפּיונס הויז, איז אַפּיון שנעל אַוועקגעלאָפן צו פלאַקוסן און האָט אים דערציילט,

אַז ער האָט דערהאַלטן אַ ידיעה פֿון רוים וועגן קאַליגולאַס פֿלאַמפֿייערדיקן צאָרן אויף די ייִדן. קאַיוס קאַליגולאַ האָט שטרייַנג באַפֿוילן, אַז אין אַלע הייליקע ערטער פֿון יהודה און ירושלים זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן זיין בילד און מען זאָל אויף די ניי-אויפֿגעשטעלטע מזבחות מקריב זיין קרבנות, רויכערן קטורת און מתפּלל זיין צו אים, קאַליגולאַן, ווי צו אַ גאָט. באַזונדערס שטרייַנג איז געווען זיין באַפֿעל בנוגע צום בית-המקדש אין ירושלים. אין רעכטן היכל מוזן אַריינגעשטעלט ווערן די פֿיגורן פֿון קיסר און אויף דעם מזבח, וואו די כּהנים ברייַנגען דעם קרבן תּמיד, זאָל געאָפּפֿערט און גערויכערט ווערן לכּבֿוד קאַליגולאַן. און אויב די ייִדן וועלן ווידערשפּעניקן דעם באַפֿעל פֿון דעם גרויסן רוימישן „געטלעכן" צעזאַר קאַיוס, דאַן זאָלן די רוימער אויפֿהויבן זייער שווערד קעגן די מורדים און אָן רחמנות פֿאַרטיליקן די האַפֿערדיקע ווידערשפּעניקע ייִדן, נישט שוינען יונג און אַלט, מענער און פֿרויען, בכּדי עס זאָל שוין מער נישט דערמאָנט ווערן אויף דער ערד אפֿילו דער נאָמען פֿון ישׂראל און יהודה. איצט איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז אַלע פֿעלקער פֿון דער רוימישער אימפּעריע, די פֿעלקער פֿון אייראָפּע, אַפֿריקע און אַזיע, אַלע, אַלע האָבן מיט פֿרייד און טרייער אונטערטעניקייט באַגעגנט דעמדאָזיקן קייזערלעכן באַפֿעל. פֿון די לעבנסלוסטיקע גריכן און שטאָלצע רוימער ביז די אייביק פֿאַרברוגזטע איינוואוינער פֿון לבֿנון און אַרם נהרים האָבן זיך אַלע געקניט און געבוקט צו דעם בילד פֿון רוימישן הערשער. זיי בויען פֿאַר אים אַלץ נייע און נייע מזבחות, ברייַנגען צו אים אַלץ מערערע און גרעסערע קרבנות און רויכערן פֿאַר אים אַלץ שמעקעדיקערע קטורת. בלויז אָט דאָס איינציקע געטערהאַסנדיקע און מענטשנפֿיינטלעכע מורדים-פֿאָלק, וואָס שטאָלצירט מיט זיין יחוס פֿון עפּעס אַן אבֿרהם, יצחק און יעקבֿ, בלויז זיי, אָט די ייִדן, זיינען די איינציקע, וואָס האָבן זיך אָן אַ זין געשטעלט קעגן מלך און קורץ און שאַרף זיך אָפּגעזאָגט אַוועקצושטעלן זיין בילד אין זייער טעמפּל. אַז קאַליגולאַ האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן מלא חימה און ער האָט, ווי דער גאָט יופּיטער,

גענומען דונערן אויף די ווידערשפּעניקע יהודה, וואָס פֿאַרשאַפֿט אַזויפֿיל זאָרג און שרעק דער רעגירונג אין רוים. איצט האָט ער, אָנשטאָט צו טאָן גוטס די יידן, ווי ער האָט פֿריער גערעכנט און אַוועקזעצן איבער זיי אַ מלך פֿון זייער געוועזענער קעניגלעכער פֿאַמיליע, האָט קאַליגולאַ באַשלאָסן זיי אײַנגאַנצן צו פֿאַרניכטן, דערפֿאַר וואָס זיי האָבן אים פֿאַרמיאוסט און נישט געוואָלט אָננעמען פֿאַר אַ גאָט. ער האָט אַוועקגעשיקט אַ באַפֿעל צו פּעטראָניוסן, דעם צווייטן פֿאַרוואַלטער פֿון סוריע, ער זאָל פֿאַרזאַמלען זײַן חיל און גיין אויף יהודה, ער זאָל די יידישע בתּי כּנסיות אין אַלע שטעט און דעם בית המקדש אין ירושלים פֿאַרוואַנדלען אין טעמפּלען פֿאַר די געטער פֿון רוים און אַטען. און דעם קיסרס בילד זאָל דאָרט אַוועקגעשטעלט ווערן, כּדי צו בוקן זיך פֿאַר אים און ברענגען צו אים קרבּנות. בכֿן, האָט אַפּיון דערקלערט פֿלאַקוסן, איז די איצטיקע צײַט זייער געפֿערלעך צו שטיין אויפֿן צד פֿון די יידן.

דערנאָך האָט אַפּיון אָנגעצויגן אַ שמועס וועגן זײַן משונהדיקער אויפֿפֿירונג בעתן וויזיט אויפֿן ברעג פֿון דער מאַרעאָטישער אָזערע און ער האָט דערציילט דעם פֿאַרוואַלטער אַן אויסגעטראַכטן און שווינדלעריש-צונויפֿגעפּלאָנטערטן ספּור-המעשה.

מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק האָב איך, בעת מײַנע אַרטיסטישע נסיעות, ערגעץ אין אַן אָאַזיס אין מצרים ליב באַקומען אַ שיין יונג גריכיש מיידל. זי איז באַלד געוואָרן מײַן פֿרוי, און איך האָב מיט איר פֿאַרבראַכט דעם גליקלעכסטן יאָר פֿון מײַן לעבן. מײַן גליק האָט זיך נאָך פֿאַרגרעסערט, בעת מײַן פֿרוי האָט מיר געשאָנקען אַ זעלטן שיין קינד — אַ מיידעלע. אָבער באַלד דערויף האָט מיך אַן אומגליק געטראָפֿן — מײַן פֿרוי איז געשטאָרבן. אין גרויס יאוש האָב איך פֿאַרלאָזן דעם אָרט פֿון מײַן קורצן גליק, כּדי צו זוכן אַ טרייסט אין דעם וויסנשאַפֿט. אין צוויי יאָר אַרום האָב איך זיך אומגעקערט אין דער אָאַזיס, ווײַל איך האָב געוואָלט נעמען מיט זיך דאָס קינד קיין אַלכּסנדריאַ. אָבער ווי גרויס איז געווען מײַן שרעק, בעת דיך האָב זיך דערוואוסט, אַז דאָס קינד איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן. אַלע מײַנע זוכענישן

האָבן קיין שום רעזולטאַט נישט געבראַכט, נאָר דאָ, צום סוף, גאָר אין דער לעצטער צייט, האָב איך געפונען מיין טאָכטער אין דער וואוינונג פון דעם יידן חוניו! יענץ מיידל, וואָס דערזעענדיק זי בין איך אַזוי אויפגערעגט געוואָרן, איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי מיין פאַרשוואונדן קינד. דערין האָט זיך מיר מודה געווען דער רויבער אַליין, דער רויבער פון מיין טאָכטער, איינער אַן איסי, וואָס איז צופעליק אַריינגעגאַנגען צו מיר. כל זמן דערדאָזיקער פאַרברעכער וועט זיין אויף דער פרייהייט, האָט ער, דער פאָטער, קיין שום מאַכט נישט אויף זיין טאָכטער, ביז דאַן איז ער נישט ביכולת אָפּצונעמען זיין קינד. דעריבער,—האָט אַפּיון פאַרענדיקט זיין דערציילונג,—וואַרט איך אויף דעם פאַרוואַלטערס גערעכטיקייט, ער זאָל שטרייַנג באַשטראָפן דעם פאַרברעכער.

פלאַקוס האָט מיט אַן אָנגעשטרייַנגטער אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט די דערציילונג פון דעם פוקס אין דער טאָגע. דאָריס האָט אים, פלאַקוסן, באַצויבערט. איר בילד האָט פון יענער צייט אָן טאָג און נאַכט באַהערשט זיין פאַנטאַזיע. אָבער זי האָט זיך אים פאָרגעשטעלט אַזוי ווייט, אַזוי נישט דערגרייכבאַר, אַז ער האָט אפילו נישט געוואָלט האָפן צו זען זי כאָטש נאָך איינמאָל. און פלוצלונג איז דער ווייטער מהלך פאַרשוואונדן, זי איז געוואָרן אַזוי נאָענט צו אים, עס איז קיין וואונדער נישט, אַז ער האָט מיט חשק צוגעזאָגט אַפּיונען, אַז ער וועט אים שטיצן. דאָך האָט ער אפילו נישט געוואָלט הערן וועגן די געוואַלט-מיטלען, וואָס אַפּיון האָט אים געראָטן אָנצעווענדן.

—איך האָב מורא,—האָט פלאַקוס געזאָגט,—פאַר דידאָזיקע איסיים. בשום אופן וואָלט איך נישט געוואָלט ווערן ביי זיי אין די אויגן דער שולדיקער אין אַ בלוטיקן פאַרברעכן. דיין איסי קאָן מען אָפּראַמען פון וועג אָן רעש און אָן געפילדער, און אַז עס וועט שוין מער נישט זיין וואָס מורא צו האָבן פאַר אים, וועלן מיר אים ווידער באַפרייען.

אויף דעמדאָזיקן באַשלוס האָט זין פלאַקוס אָפּגעשטעלט. ער

האָט איבערגעגעבן אין אַפּיונס רשות אַ צענטוריאָן (רוימישער אָפיציר) מיט עטלעכע סאָלדאַטן. זיי האָבן געדאַרפט אָפּוואַרטן חנניהן אין אַפּיונס וואוינונג און, אויסנוצנדיק די נאַכט-שטיל-קייט, אים אַריינוואַרפן אין תּפיסה. אויפן צענטוריאָן האָט דער פּאַרוואַלטער אַרויפגעלייגט אַ התחייבות שטרייגנ צו היטן, אַז פון דעם איסיס קאָפּ זאָל אפילו אַ האָר נישט פעלן.

אַז חנניה איז אויפן צווייטן טאָג געקומען צו אַפּיונען, זיינען די לויערער-סאָלדאַטן אים פלוצלונג באַפאַלן, האָבן אים געבונדן און אָפּגעפירט אין תּפיסה.

אַפּיון האָט איצט געהאַט פאַר זיך אַן אָפענעם וועג.

פלאַקוס האָט אָנגעהויבן פון דאָסניי זיך צו פילן זיכער מיט זיין לעבן און זיין שטעל. עס זיינען שוין אַוועק גאַנצע חדשים, און פון רוים האָט מען זיך נאָך אויף אים נישט געמאָסטן מיטן פויסט. עס איז נאָך נישט געקומען דער קלאַפּ, וואָס ער האָט דערוואַרט. ער האָט געוואָלט, וואָס וויניקער זיך וואַרפן אין די אויגן פון מלך און האָט זיך אין קיין זאַך נישט געמישט. ער האָט זיך אינגאַנצן אַריינגעוואָרפן אין אַ תּהום פון תּאוות און תּענוגים. פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט איבערגעגעבן דורכ-אויס אין רשות פון אַפּיונען, וואָס האָט אים אַלץ איינגערעדט מבטל צו מאַכן די רעכט פון די יידן. ער האָט זיך געוואָלט האַלטן לחלוטין אָן אַ זייט—נישט צו דריקן די יידן, אָבער זיי אויך נישט צו באַשיצן. אַפּיון איז געווען געצוואונגען, אַלס התחלה, צו באַפרידיקן זיך דערמיט. אָבער זיין איינפלוס איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג, מחמת אַלע האָבן געזען, וואָס פאַר אַ כבוד עס ווייזט אים אַרויס דער פּאַרוואַלטער פון אלכסנדריא.

איינמאָל, שבת, בעת די יידן האָבן זיך געפונען אין די בתּי-כנסיות, האָט זיך פאַרן פּאַרוואַלטערס פּאַלאַץ פאַרזאַמלט אַ המון לייידיקגייער. דער המון איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט און האָט מיט זיין גאַנצער אויפפירונג דערוועקט עפּעס אַ חשד און אַ שרעק, אַז דאָ ווערן צוגעטראַכט בייזע מעשים. עס איז גע-ווען קענטיק, אַז דאָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך אַ געניטער

האַנט. פון צייט צו צייט האָבן זיך אין המון באַוויזן סאָפּיכטן פון אַפּיונס פּאַרטיי, וואָס האָבן געהאַלטן ווילדע דרשות קעגן די יידן.

דער אויפגערעגטער המון האָט זיך שוין מכּין געווען איבערצו-גיין פון וואָרט צו געוואַלט, בעת דער ערלעכער סאָפּיסט אַפּאָ-לאָניוס האָט אָנגעהויבן מיט אַ קלינגענדיקער שטים, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן ווייט און ברייט:

—בירגער! גריכן! הערט מיך אויס! איר זאָלט זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון שווינדלער און נישט אָפּטאָן אַזוינע מעשים, וואָס אייך וועט שפּעטער אויסקומען ביטער חרטה צו האָבן אויף זיי. איך קען יענע העסלעכע ברואים, וואָס רייצן אייך אָן, איך ווייס אויך זייערע צילן און איך האָב בדעה אייך צו דערווייזן, ווי עס האָבן קיין שום גרונד נישט זייערע אָנפאַלן אויף דער יידישער באַפעלקערונג. דידאָזיקע פאַרפירער זיינען אַליין אויך פאַרפירטע. זיי ריידן מיט אַפּיונס מויל, ער העצט זיי כּסדר, טאָ זאָל ער, אַפּיון, טאַקע דאָ פאַר דער גאַנצער וועלט אויסהערן מיין ענטפער. צי דען האָט אַפּיון נישט געלייענט די יידן-פריינטלעכע בריף פון די מלכים אלכסנדר מוקדון און תּלמי לאַגאָס און פון די איבעריקע מלכי מצרים? צי דען האָט ער נישט געזען די סטאַטוע, וואָס שטייט אין אונזער שטאָט און וואָס אויף איר זיינען אויסגערעכנט די רעכט, וועלכע זיי האָבן געשאָנקען די יידן? אויב ער האָט דאָס יאָ געוואוסט און ער דערוועגט זיך צו האַנדלען פאַרקערט סיי שריפטלעך, סיי מונד-לעך—איז ער אַ מיאוסער מענטש. אויב אָבער ער האָט דאָס נישט געוואוסט, דאַן איז ער אַן עם הארץ.

אַפּאָלאָניוס האָט זיך אַ ביסל אָפּגעשטעלט, אַ קוק צו טאָן אויף אַפּיונען, וואָס איז תּחילת געשטאַנען פּונקט קעגן דעם רעדנער און האָט אויף אים געוואָרפן דאָ שפּאָטישע און דאָ צאָרנדיקע בליקן, אָבער נאָכדעם איז ער אומבאַמערקט אָפּגעטראָטן. אומ-זיסט האָט אַפּאָלאָניוס געזוכט דעם גראַמאַטיקער: יענער איז נעלם געוואָרן.

—אַפּיונען, מיין איך,—האָט אַפּאָלאָניוס ווייטער אָנגעהויבן,—איז

באוואוסט, אַז אויך די אַנדערע גריכישע מלכים האָבן זיך באַ-צויגן צו די יידן אויפן פריינטלעכסטן אופן. תּלמי, דער זון פון לאַגאָס, האָט זיך באַצויגן צו די יידן פון אלכסנדריא פונקט אַזוי גוט, ווי אַלכסנדר דער גרויסער. ער האָט איבערגעגעבן די פעסטונגען פון מצרים די יידן אין די הענט אַריין, ווייל ער איז געווען איבערצייגט, אַז זיי וועלן זיי היטן מוטיק און גע-טריי. זיין יורש, תּלמי דער צווייטער פילאַדעלפוס, איז אַוועק נאָך ווייטער. ער האָט פאַרלאַנגט אויסצושטודירן די געזעצן פון די יידן, דורכלייענען זייערע הייליקע ספרים און ער האָט גע-געבן אַ באַפעל איבערצוזעצן דידאָזיקע ספרים אויף גריכיש. ער האָט פאַררופן זיבעציק מאַן פון די געלערנטסטע יידן און זיי האָבן פאַר אים איבערגעזעצט די יידישע תּורה. עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז דער גרויסער תּלמי פילאַדעלפוס וואָלט נישט געשטרעבט זיך צו באַקענען מיט די אוצרות פון דעם יידישן גייסט, אויב ער וואָלט נישט געהאַט קיין הויכע מיינונג וועגן די מענטשן, וואָס האָבן דידאָזיקע אוצרות געשאַפן. זיין אויס-געדריקטער פאַרלאַנג זאָגט עדות, אַז ער האָט געפילט צו די יידן אַ טיפע אַכטונג. איך וועל ווייטער אָנרופן תּלמי דעם דריטן איירגעטעס, תּלמי דעם פערטן פילאָמעטער און זיין ווייב קלע-אָפּאַטרע, וואָס האָבן איבערגעגעבן די גאַנצע פאַרוואַלטונג צו די יידן. צוויי יידן, חוניו און דוסתאי, זיינען געווען די קאָ-מאַנדירן פון דעם גאַנצן חיל אין מצרים. די יידן האָבן רייך געמאַכט אַלכסנדריא.

אַפּאָלאָניוסעס ווערטער האָבן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף דעם עולם. פון המון האָבן זיך אָנגעהויבן הערן שטימען, וואָס האָבן געשאָלטן אַפּיונען פאַר זיין מערדערישן פאַרלאַנג אויפצורעגן די גריכן קעגן די יידן. ביסלעכווייז האָבן זיך די צוהיצטע, אויפגערעגטע מוחות אָפּגעקילט און באַרואיקט. די געדיכטע גע-שלאָסענע רייען האָבן שוין געגומען ווערן שיטערער, בעת אין דער ווייט האָט זיך באַוויזן אַ וואָלקן שטויב, וואָס איז אויפגע-הויבן געוואָרן דורך אַן אַנדער המון, וואָס האָט זיך געטראָגן מיט געפילדער און רעש. דערזעענדיק אים. איז דער ערשטער

המון אַנטשוויגן געוואָרן. אַלץ נענטער און נענטער האָט זיך דערטראָגן אַ ברומען אַזוי ווי פון ווילדע חיות. און אָט האָבן זיך שוין דערהערט איינצלנע אויסגעשרייען: „דער טעמפל פון דער געטין איז פאַרשוועכט! די אַלטאַר-מתנות זיינען צערויבט געוואָרן! די יידן האָבן טמא געמאַכט דעם טעמפל פון דער גע-טין גערא!"

דידאָזיקע שווערע באַשולדיקונג אין פאַרשוועכן דעם טעמפל, וואָס איז אַזוי אומגעריכט אויפגעהויבן געוואָרן קעגן די יידן, האָט אימהדיק אויפגעבראַכט דעם המון, וואָס האָט זיך דאָ ערשט שוין געהאַט באַרויקט. אַפּיונס אָנהייגער האָבן גלייך געלונגען אויסגענוצט די אַלגעמיינע אויפרודערונג און זיי האָבן פון דאָס-ניי פאַרכאַפּט אין זייערע הענט די מאַכט איבערן המון, וואָס זיי האָבן שוין געהאַט אויף אַ ווייַלע פאַרלאָרן. בליץ-שנעל האָט זיך צעגאָסן די אויפרעגונג איבער דעם גרויסן המון און באַלד האָט מען געשריען:

„לאָמיר נקמה נעמען פאַר דער באַליידיקטער געטין! פּאַרויס, גריכן! לאָמיר נעמען מיט שטורם די געבעטהייזער פון די יידן און לאָמיר פאַרוואַנדלען אין אַ באַרג אַש זייערע הייליגטימער!

—מיטבירגער!—האָט אַ דונער געטאָן אַ מעכטיקע שטים,—נאָר נישט אָן אַ פּלאַן! נאָר געאַרבעט מיט אַן אויסגערעכנטן סדר! לאָמיר זיך צעטיילן אויף פינף גרופּעס און לאָמיר אָנפאַלן אויף די יידן אין איין צייט אין אַלע טיילן פון שטאָט! איך נעם אויף זיך דעם שטאָטטייל דעלטאַ און איך וועל באַפאַלן די גרוי-סע באַזיליקע (בית הכנסת) פון די יידן!

—גוט געזאָגט!—האָט מען געשריען פון אַלע זייטן, און באַלד איז מען צוגעטראָטן צו בילדן די גרופּעס.

—פּאָרויס!—האָט געהילכט דער אָנפירער.—פּאָרויס, פּאַרויס, מיט שטורם!

און דער המון האָט זיך מיט ליאַרם אַ לאָז געטאָן פּאָרויס.

פּלוצלונג אָבער האָט דער שטורם זיך אויסגעלאָשן. די פּאָ-דערשטע שורות האָבן זיך אָפּגעשטעלט. די מאַסן זיינען מיט-

אַמאָל שטאַרק צעמישט געוואָרן.

—וואָס באַטייט דאָס?—האָבן אויסגעשריען די הינטערשטע רייען מיט גרויס חדוש.

—גיט אַ קוק!—האָט אַ דונער געטאָן אַן ענטפער.—אָן, דאָרטן, גייט אונז אַנטקעגן די פאַראָסער מכשפה! אָ, די שרעקלעכע מכשפה פון פאַראָס! צוריק, צוריק, ווען עס איז נאָר טייער דאָס לעבן! דאָס איז דאָך די טאָכטער פון דער פינסטערער גע-טין העקאַטאַ, די געטין פון געהיימניש און פון שוואַרצער מאַכט! א יהר בליק זאָגט אָן אַ בייזע בשורה, אומגליק! צוריק, צוריק, איר גריכן!

אין אַ רגע אַרום איז פאַר דעם צעבונטעוועטן המון געשטאַנען אַן אַלטע פאַרזעניש. איר אויסגעדאַרטער-אויסגעקוואַרטער קער-פער איז ערטערווייז געווען באַדעקט מיט צוריסענע טראַנטעס און די פאַנאַנדערגעלאָזענע שניי-ווייסע האָר האָבן ווילד געפלאַ-טערט אינדערלופטן.

—צוריק!—האָט זי אויסגעשריען מיט אַ האַרצשניידנדיקער שטים, וואָס איז אַריינגעדרונגען ביז אין מאַרך פון די ביינער, און אירע קליינע אויגלעך האָבן אַ פינקל געטאָן מיט אַ בייזער בשורה.—צוריק, איר צעווילדעוועטע ברואים! ווי, איר רופט זיך גריכן, איר—בנים משחיתים! רוצחים, אונטערצינדער זייט איר! בלויז לויט איין אויסגעטראַכטן קלאַנג ווילט איר אָנפאַלן אויף די הייזער פון אומשולדיקע מענטשן, כדי זיי צו באַרויבן! רוי-בער און מערדער זייט איר, נאָך גרעסערע פאַרברעכער, איידער יענער פאַרדאַרבענער הולטיי, וואָס האָט דעם טעמפל פאַרשוועכט.

—פאַרשטאָפט איר דאָס מיאוסע מויל!—האָט עמיץ פון אַפיונס באַנדע אויסגעשריען.—צורייסט זי אויף שטיקער! זי איז אונטער-געקויפט פון די יידן!

—צו-ר-ריק!—האָט אַ דונער געטאָן אַן אַנדער שטימע.—צי דען קענט איר זי נישט? דאָס איז דאָך די שרעקלעכע מכשפה פון פאַראָס!

דער המון האָט זיך ביי די ווערטער אָבגעטראָגן אָן אַ זייט,

געמאַכט פלאַך און דורכגעלאָזן די אַלטע אינמיטן. דאָרטן האָט זי אָנגעהויבן פון דאָסניי:

—הערט מיך אויס, איר פאַרבלענדטע משוגעים! איך האָב נישט ליב די יידן, אָבער דער אמת איז העכער פון אַלץ! דער פאַר-ברעכער וואָס האָט פאַרמיאוסט דעם טעמפל פון דער געטין, איז נישט קיין ייד, נאָר אַ גריך!

ווידער האָבן געוויסע פאַרשוינען זיך געפרובט וואַרפן אויף דער שרעקלעכער פרוי מיט אָנשרעקן און קללות, אָבער אומזיסט. די מאַסע האָט זיי אָפּגעשטויסן און די זקנה האָט ווייטער גערעדט:

—דער פאַרשווערער פון טעמפל, זאָג איך אייך נאָכאַמאָל, איז געווען אַ גריך! איך האָב אַליין געזען, מיט מיינע אייגענע אויגן, ווי ער האָט זיך אונטערגעגנבעט צום בילד פון דער געטין, האָט עס באַרויבט און פאַרשוועכט... מיד און איינגעמאַ-טערט בין איך געקומען אין טעמפל פון דער געטין, האָב זיך אַראָפּגעלאָזן הינטער איר בילד און איינגעדרעמלט. דורכן דרעמל האָב איך פלוצלונג דערהערט שטילע טריט. די אויגן האָבן זיך מיר געקלעפּט, אָבער איך האָב מיך געשטאַרקט און געעפנט זיי און דעמאָלט האָב איך דערזען, ווי אַ מענטש סיט אַ לאַנגער באָרד, איינגעהילט אין אַ פילאָזאָפישער מאַנטיע, איז צוגעגאַנ-גען צום בילד פון דער געטין און זיך פאָרזיכטיק אַרומגעקוקט. איך האָב מיך איינגעשרומפּן, כדי צו בלייבן אומבאַמערקט, און נאָכגעשפּירט איטלעכע באַוועגונג פון דעמדאָזיקן מענטשן. אַזוי האָבן זיך אין מיין זכרון אָפּגעשטעמפּלט די געזיכטס-שטריכן זיינע. אָ, געטער, וואָס איך האָב געזען! אַז ער האָט איינגע-זען, אַז אויסער אים איז אין טעמפל קיינער נישט געווען, האָט ער שנעל אַראָפּגעכאַפּט דער געטינס בראַנזאָלעטן און האָט זיי זיך אָנגעטאָן אויף די הענט מיט דער געשיקטקייט פון אַ גע-ניטן גנב. דאַן האָט ער אַרויסגענומען פון אונטער זיין מאַנטע אַ כלי מיט אַש און אין אויגנבליק, פונקט ווי ער וואָלט דאָס שוין געהאַט נישט איינמאָל אָפּגעטאָן, האָט ער דערמיט באַשאָטן די שיינע הויכע מאַרמאָר-ווייסע סטאַטוע פון דער געטין! פון דעם פראַכטבילד איז געוואָרן אַ פאַרזעעניש! אַ קאַלטער שרעק

האָט מיך אַרומגענומען, בעת איך האָב צוגעזען דעמדאָזיקן חילול-הקודש. מיין ערשטע באַוועגונג איז געווען צו נעמען שרייען און רופן צו הילף, נאָר איך האָב גלייך באַטראַכט, אַז דאָס וועט נאָך ערגער מאַכן. איצט בין איך זיכער, אַז אַ מענטש, וואָס באַשליסט זיך צו פאַרשווענכן אַלץ, וואָס עס איז נאָר הייליק אויף דער ערד, איז בטבע אַ רוצח.

—אַ בייז-אויסגעטראַכטע מעשה!—האָבן זיך דערהערט קולות פון המון.—ווי, איר, גריכן, וועט דאָס דערלויבן זיך אָנשרעקן דורך די אומפאַרשעמטע רייד פון דער אונטערגעקויפטער אַלטער מכשפה?

—דערוייז דעם אמת פון דעם, וואָס דו דערציילסט,—האָבן מאַנכע געשריען,—און מיר וועלן נישט אָנרירן אפילו אַ האָר אויפן קאָפּ פון די יידן!

—איך וועל אייך גלייך ברייגען די זיכערסטע ראיות,—האָט פעסט אויסגעשריען די זקנה.—גיט מיר נאָר צייט אויסצוזוכן דעם שולדיקן... נאָר וואָס זעה איך? אָט איז ער דאָך, דער פאַרברעכער! דו ביזט געקומען, פונקט ווי מען וואָלט דיך גע-רופן!

דידאָזיקע ווערטער זיינען געווען געווענדט צו דעמעטריוסן. זיין בייזער גורל האָט אים דוקא אַרויסגערוקט אין די ערשטע רייען פון המון. ער האָט גאָרנישט געוואוסט, וואָס דאָ קומט פאָר, און ער האָט געברענט פון נייגיריקייט צו דערוויסן זיך די סיבה, פאַרוואָס האָט זיך אַזוי פּלוצלונג אָפּגעשטעלט די באַוועגונג פון המון, וועלכן ער האָט געהאַט אַזוי גוט און קונציק אַרויסגע-רופן. מיט גרויס מי האָט ער זיך לאַנג געפּרובט דורכרייסן אין די ערשטע רייען, פאָרויס, ביז אַ מענטשן-כוואַליע האָט אים מיט איין שטויס אַוועקגעשטעלט פנים אל פנים מיט דער שרעקלעכער פרוי, וואָס האָט אים גלייך דערקענט. ער האָט געוואָלט אָפּ-טרעטן אַהינטער, אָבער עס איז שוין צו שפּעט געווען. אים האָט אַרומגערינגעלט אַ געדיכטער פעסטער מענטשן-רינג און האָט אים נישט געגעבן די מעגלעכקייט צו אַנטלויפן. גלייך מיט אים איז געשטאַנען אַן אפיציר מיט די הענט אויפן ברוסט.

דערזען, אַז דער אָפיציר האָט גאָרנישט בדעה צו אַרעסטירן דעם פאַרברעכער, האָט די אַלטע זיך געווענדט צו אים מיט אַ ביין געשריי:

—דו הערסט, צענטוריאָן, דערדאָזיקער אין דער פילאָזאָפישער מאַנטיע איז עס דער מחלל הקודש, דער פאַרשווערער פון טעמפל! נעם אים און ברייננ אים צום געריכט!

דער צענטוריאָן האָט גלייכגילטיק געהויבן מיט די אַקסלען.

—איך זאָג דיר,—האָט ווייטער אָנגעהויבן די אַלטע,—אַרעסטיר דעם פאַרברעכער, איך באַשולדיק אים אין פאַרשווערן דעם טעמפל!

—קיינמאָל נישט!—האָט דער צענטוריאָן אָפגעווענדט.—קיין איין גריך וועט נישט פאַרמיאוסן זיינע געטער, און ווייניקער פון אַלעמען דער באַרימטער פילאָזאָף, וואָס די גאַנצע שטאָט, אפילו אַ קינד אין וויג, קען אים גוט!

—הייסט עס, ווילסטו נישט דערפילן דיין חוב, צענטוריאָן?!—האָט אויסגעשריען די זקנה מיט אַן אימהדיקער שטים.

—בשום אופן נישט!

—גוט! דאַן וועל איך אַליין אַרויסטראָגן איבער אים דעם פסק-דין.

מיט דידאָזיקע ווערטער האָט זי זיך, בויגעוודיק ווי אַ קאַץ, אַרויפגעוואָרפן אויף דעמעטריוסן, וואָס איז געשטאַנען ווי פאַר-גליווערט און האָט געשוידערט מיט אַלע גלידער. זי האָט אים אַראָפגעריסן די מאַנטיע, האָט מיט אירע ביינערדיקע הענט אַרומגעכאַפט זיינע נאַקעטע אָרעמס און האָט זיי אויפגעהויבן אינדערהויך, אַזוי, אַז אַלע האָבן דערזען די גאָלדענע אָרעם-רינגען פון דער געטין, וואָס האָבן העל פינקלענדיק געברענט אויף דער זון.

—איר זעט!—האָט אויסגעשריען די אַלטע מיט נצחון,—דאָס איז נישט קיין רשעותדיקע אויסגעטראַכטע מעשה פון דער פאַראָסער מכשפה! אָט האָט איר אייך די געגאַנפערטע הייליקע מתנות פון דער געטין! אָט, אָט איז דאָס אויסגעמאָלטע בילד פון דער

דערהויבענער גערא! אָט זענען די נעמען פון די מנדבים!
דידאָזיקע סצענע האָט אַרויסגערופן אַן אומבאַשרייבלעכע אויפ-
רעגונג, און דער אויפגעבראַכטער המון האָט זיך אַ וואָרף גע-
טאָן אויף דעמעטריוסן. דער סאָפּיסט וואָלט, אָן אַ שום ספק,
צוריסן געוואָרן אויף שטיקער, ווען דער צענטוריאָן וואָלט אים
נישט באַשיצט אין דערדאָזיקער געפערלעכער רגע. דער צענ-
טוריאָן האָט געגעבן אַ סיגנאַל, און עס זענען פון אַלע זייטן
געקומען צולויפן באַוואָפנטע סאָלדאַטן, האָבן אַרומגערינגלט דעם
באַטויבטן דעמעטריוסן און אים אָפּגעפירט אין פּאָליציי-פאַרוואַל-
טונג. נאָך אים איז געגאַנגען אַן אונגעהויערער המון, באַשיטנ-
דיק אים מיט קללות און חרמות און שרעקנדיק אים צו פאַר-
ניכטן.
אַפּיונס באַנדע, וואָס איז אַזוי אומגעריכטערהייט אַריינגעפאַלן
אין בושה און שאַנד, איז זיך אומבאַמערקט פונאַנדערגעגאַנגען.

קאַפּיטל אַכט.

דער שענדלעכער פאַרברעכן, וואָס דעמעטריוס האָט אָפּגע-טאָן, האָט געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ זיין גאַנצער פּאַרטיי. דער פאַרשטענדיקערער טייל פון דער אַלכסנדריער באַפעלקערונג האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז אָפּצוטרעטן און צו דערווייטערן זיך פון דער באַנדע, וואָס האָט אָנגעשריבן אויף איר פאָן דריי זאַכן: הוזק מאַכן פון אַלץ, וואָס איז הייליק, רציחה און גזלה.

אפיונס שטערן האָט גענומען שנעל פאַלן. עס איז געבליבן בלויז איין מיטל, וואָס וואָלט געקאָנט פון דאָסניי אויפהויבן זיין שטאַרק געפאַלענע השפעה: באַוואויגן דעם שטאָט-פאַרוואַלטער, ער זאָל מיטהעלפן דעם אָנפאַל אויף יידן און אויף זייער פאַר-מעגן. אָבער באַוואויגן פלאַקוסן צו דידאָזיקע עקסטע מיטלען האָט ער געקאָנט בלויז דורך דאָריסן. צוליב דעם צוועק האָט ער באַשלאָסן אַרויסצונאַרן דאָריסן פון די פעסטונגען פון די איסיים און אַוועקפירן זי אין אַ זיכערן אָרט. אויסצופירן דעם-דאָזיקן פלאַן האָט ער געמוזט איבערגעבן זיכערע און שוויינג-

דיקע מענטשן. דער גורל איז געפאַלן אויף אַפּיונס בעל־טדורשטי־קע חברים איזידאָריס און ״אַמפּאָס. די ביידע האָבן פאַרשפּראָכן דעם גראַמאַטיקער צו דערפילן אַלץ, וואָס ער וועט נאָר פאָדערן פון זיי. און אָט דידאָזיקע דריי פאַרברעכער האָבן גענומען אַלע אָוונט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרומיאָגן זיך אַרום די וויינ־גערטנער פון דער מאַרעאָטישער אָזערע. זיי פלעגן אָן אויפהער גיין אַרום חוניוס וואוינונג, און האָבן אַלץ געוואַרט אויף אַ גינ־סטיקן צופאַל, כדי אָנצופאַלן אויף דער אומשולדיקער דאָריס, וואָס האָט פון קיין פּותר־חלום נישט געוואוסט.

אָבער דערדאָזיקער צופאַל האָט זיך געלאָזט לאַנג בעטן. חוניו האָט נאָך פאָרזיכטיקער און אָנגעשטריינגטער איידער פריער גע־היט און באַשירמט זיין אויפגענומענע טאָכטער, זינט דער פאַר־וואַלטער איז אין דער באַגלייטונג פון אַפּיונען אומגעריכטער־הייט געקומען אין זיין אָרעם שטיבל. „וואָס האָט דאָס געקאָנט באַוואויגן אַפּיונען צו ברייגנען אַהער דעם פאַרוואַלטער?—האָט זיך חוניו אָן אויפהער געפרעגט.—קענטיק, אַז אים איז באַוואוסט געוואָרן דער סוד פון מיין טייערער דאָריס... אָבער ווער האָט עס געקאָנט זיין דער בוגד, דער פאַררעטער? אויסער מיר, ידידיהן און חנניהן ווייסט קיין שום לעבעדיקע בריאה נישט וועגן דער אָפּשטאַמונג פון דעמדאָזיקן מיידל!... און וואָס איז געוואָרן מיט חנניהן, וואו איז ער אַהינגעקומען?...״

אויפן דריטן טאָג נאָך חנניהס צוריקקער פון זיינע נסיעות איז ער אַוועקגעגאַנגען פון דער מאַרעאָטישער אָזערע און האָט זיך שוין מער נישט באַוויזן. אין אַלע זייטן זיינען צעשיקט געוואָרן איסיים צו זוכן אים, אָבער אומזיסט—ער איז ווי אין וואַסער אַריין.

צו חוניוס גליק, האָט דאָריס זיך נישט אָנגעשטעקט מיט זיין אומרואיקייט. זי האָט, פאַרקערט, מיט איר מונטער־פריידיקן גע־זיכט צעטריבן יענע אַלע פיינלעכע דאגות, וואָס האָבן אים אין דער שטיל געדריקט.

דאָריס איז געווען גליקלעך, גליקלעך אָן אַ מאָס. אמת, דער באַזוך פון דעם פאַרוואַלטער און די אומבאַגרייפלעכע אויפפּי־

רונג פון זיין באַגלייטער האָבן זי שטאַרק צושראָקן; אמת, זי האָט פון איר קליין צימערל געהערט דעם געשפּרעך פון איר פּאָטער-דערציער מיט דעם אומבאַקאַנטן און זי האָט זיך דער־וואוסט, אַז דער גאַסט, וואָס איז אַזוי אומגעריכט צו זיי געקומען, איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי דער פּאַרוואַלטער פון אלכּסנדריא. אָבער וואָס פאַר אַן עסק האָט זי געהאַט מיט דעם אַלעם? שאול האָט איר געליבט, זוניו און ידידיה האָבן מיט חסד געקוקט אויף דערדאָזיקער ליבע, איז וואָס האָט זי געהאַט וואָס מורא צו האָבן פאַרן פאַרוואַלטער אָדער פאַר עמיצן אַן אַנדערן אויף דער ערד?... דידאָזיקע ליבע האָט פול געמאַכט איר גאַנץ וועזן, און זי איז געווען גליקלעך אָן אַ גבול און אָן אַ סוף. זי האָט זיך געשפּירט אַזוי זיכער, אַזוי מונטער, אַז זי האָט נישט איינגעזען קיין שום סכּנה און זי האָט זיך גאָר־נישט פאָרגעשטעלט קיין מינדסטן וואָלקנדל אויף איר העלן לויטער-קלאָרן בלויען הימל. עס האָט געזונגען איר נשמה, עס האָט געזונגען איר האַרץ און אירע אברים; מילדע טענער פון אַ זיסער שטילער ליבע-שירה האָבן צאַרט און ווייך אָנגעפילט אירע בלוטן. זי האָט פאַר זיך געזען נאָר הימלען ווייטע, שיינע, ריינע, נישט באַפלעקטע. און אויף דער ערד האָט זי געזען נאָר מלאכים שטילע, מילדע און גוטע. און אויב זי האָט געהערט אַזוינע שאַרפשניידנדיקע, גראָבע, שרייענדיקע רייד פון דעם פאַרוואַלטערס מויל הינטערן ווענטל, האָט זי דאָס נישט באַגריפן, נישט פאַרשטאַנען. זי האָט עס אפילו באַלד כּמעט פאַרגעסן. דאָס איז ביי איר אויסגעקומען ווי עפּעס אַ מין נאַרישער חלום פון אַ קינד וועגן אויסגעטראַכטע גזלנים. דעריבער האָט זי שאולן נישט דערציילט וועגן דעם באַזוך פון דעם פאַרוואַלטער. אגב, האָט זי אויך נישט געהאַט קיין גינסטיקן מאָמענט אים דאָס מודיע צו זיין. שאול פלעגט איצט קומען זעלטענער איידער פריער, מחמת ער פלעגט אַלע טאָג אַוועקגיין מיטן פאָטער אין שטאָט, אין די שולן און ער האָט קוים געקאָנט אַ צוויי-דריי מאָל אין וואָך אָפּרייסן אַ ביסל צייט, און דאָס אויך בלויז אין אָוונט, כּדי צו באַזוכן זיינע מאַרעאָטישע

פריינט. און אַז ער פֿלעגט קומען אויף דידאָזיקע קורצע וויזיטן, פֿלעגן די פֿאַרליבטע אַלעמאָל האָבן וואָס צו זאָגן איינער דעם אַנדערן אַזויפֿיל, אַזוי אומענדלעך פֿיל, אַז זיי האָבן אַליין קיינמאָל נישט געוואוסט, פֿון וואָס אָנצוהויבן. די וויניקע שעהן פֿון גליק פֿלעגן דורכפֿליען, ווי בליצן.

דאָס גליק פֿונם שיינעם פּאָרל האָט אומגעווינלעך גוט געווירקט אויף דעם אַלטן חוניו. אַז ער פֿלעגט זיי זען צוזאַמען און צוהערן זיך צו זייערע רייד, פֿלעגט ער פֿאַרגעסן אי דעם לייכטזיניקן פֿאַרוואַלטער, אי דעם פֿינסטערן אַפּיון. און ווי קינדיש פֿלעגט ער זיך פֿרייען מיט יענע אָוונטן, ווען שאול פֿלעגט דאַרבן קומען.

ס'איז געווען אַ וואונדער-שיינער תמוז-אָוונט. חוניו איז געזעסן פֿאַר זיין שטיבל און האָט געפֿירט אַ פֿריינטלעכן געשפּרעך מיט שאולן און מיט דאָריסן. אַ שטיל, קיל ווינטל האָט זיך געטראָגן פֿון דער אָזערע און האָט דערפֿרישט דידאָזיקע פֿריינט, וואָס זייגען פֿאַרמאַטערט געוואָרן פֿון דער בייטאָגעדיקער ברענענדיקער היץ.

שאול האָט גערעדט וועגן זיינע פּלענער אין דער צוקונפֿט און ער האָט זיי געמאָלט מיט די העלסטע פֿאַרבן.

חוניו האָט אים געוואָלט ענטפֿערן, אָבער ער האָט נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוברענגען די ערשטע ווערטער, ווי צו אים האָט זיך איילנדיק דערנענטערט איינער פֿון די איסיים און האָט מודיע געווען, אַז דער ברודער אליקים איז גוסס און ער וויל ריידן מיטן נשיא פֿון די איסיים.

חוניו האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט און האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיך די מאַנטיע, וואָס דאָריס האָט אים דערלאַנגט. חוניו האָט געהייסן דעם איסי גיין פֿאָרויס, און אַליין איז ער געגאַנגען נאָך אים, באַגלייט פֿון שאולן און דאָריסן. קאַראַבאַס איז, אונטערהינקנדיק, געגאַנגען הינטער חוניון. צוקומענדיק צום שטיבל פֿון דעם ברודער אליקים, האָט זיך חוניו אויף אַ קורצער ווילע צוזעגנט מיט שאולן און דאָריסן. ער האָט זיי געראַטן אויסצוזוכן ערגעץ נישט ווייט אַ שטיינערן בייגקל און וואַרטן

דאָרט ביז ער וועט זיך צוריקקערן. די יונגע מענטשן זיינען אַוועק אויפן אָנגעוויזענעם וועג דורך די וויינגערטנער.

די נאַכט איז געוואָרן זייער אַ פינסטערע, און דאָריס האָט זיך מיט עפּעס אַן אומגעריכטער מורא צוגעדריקט צו איר ליבן שאולן. זי האָט פּלוצלונג אויפגעשוידערט.

—וואָס איז מיט דיר, מיין ריינע טויב?—האָט שאול געפרעגט צושראָקן.

—צי דען האָסטו נישט געהערט הינטער אונז אַ פאַרדעכטיקן גערויש?

—געוויס, מיין ציטערדיקע ליליע פון שרון, אָבער דערדאָזיקער גערויש איז דאָך געגאַנגען פון דעם גוססן אליקימס שטיבל.

—איך בין זייער אומרואיק, עס שרעקט מיר שטאַרק מיין האַרץ,—האָט דאָריס אַרויסגערעדט נאָך אַ קורצן שווייגן.—מיר דוכט, אַז קליינע פוקסן האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין די וויינגערטנער און פאַרדאַרבן דאָרט די יונגע פרוכטן. מיר דוכט, אַז אַ יונגער אינד, געיאָגט פון בייזע יעגער, לויפט, באַהאַלט זיך דאָ ערגעץ צווישן די שפּאַלטן פון די פעלזן. איך האָב מורא, אַז דער פאָטער חוניו זאָל דאָ נישט פאַרלירן דעם וועג צווישן אַזאַ געדיכטן חושך!

—באַרואיק זיך, מיין שוועסטער-כּלה!—האָט שאול איר געענטפערט.—פונוואַנען קומט דאָס פּלוצלונג אַזאַ גרויסער שרעק צו דיר? אין די וויינגערטנער זיצן גוטע שומרים און קיין יעגער יאָגן זיך דאָ נישט אויף יונגע אינדן. פאַרן פאָטער חוניו ווי-דער קאָנסטו זיכער זיין. מיט אים גייט מיט דער גוטער טרייער קאַראַבאַס, און ער זעט אינדערפינסטער, ווי אַ קאַץ.

ווידער איז אַ לייכטער שוידער דורך איבער אַלע גלידער פון דער שיינער דאָריס.

—אָ, מיין פריינט, איך ציטער! איך האָב ווידער קלאָר געהערט גאָר נאָענט-נאָענט הינטער אונז משונה-בייזע טריט,—האָט דאָריס שטיל געמורמלט.—לאָמיר זיך אומקערן, מיין שאול!

—נישט שרעק זיך, קינד מיינס!—האָט שאול זי באַרואיקט.—פאַר-

וואָס האָבן מיר דאָ וואָס מורא צו האָבן? דידאָזיקע גאַנצע געגנט רעכנט זיך פאַר אַ שטילע, היימלעכע. קיינער געדיינקט נישט, אַז דאָ זאָל ווען עס איז געשען עפעס בייזעס. אפילו די איינגעוואָרצלטע רשעים ווען זיך נישט דערוועגן אַריינצוכאַפן אַהער, אין דידאָזיקע ערטער. דערצו בין איך נישט פון די, וואָס שרעקן זיך פאַר אַן אָנפאַל פון אַ שונא.

—אָבער אויב מען וועט אויף אונז אָנפאַלן ווי בוגדים, ווי פאַר־רעטער, פון הינטער אַ ווינקל?—האָט דאָריס קוים אַרויסגערעדט מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע.

—דו ביזט צערודערט, טייבעלע!—האָט שאול איר געענטפערט.— ווער קאָן דאָס אָנפאַלן אויף אונז, ווער וועט זיך דאָס דערוועגן באַשליסן, דאָ, אין דעמדאָזיקן הייליקן אָרט, וואו עס ווערט נאָר געהויכט און געאַכט גאָטס נאָמען? זיי זיך מודה, ציטערדיקע דאָריס, אַז דער טויט, וואָס דערנענטערט זיך צו דער וואוינונג פון דעם הונדערטיאָריקן ברודער אליקים, האָט צערודערט דיין איינבילדונגס־קראַפט.

—אפשר ביזטו אויך גערעכט,—האָט געענטפערט די עטוואָס באַ־רואיקטע דאָריס.—שטאַרבן מוז זיין זייער שרעקלעך! דערדאָזי־קער געדאַנק וואַרפט אָן אויף מיר אַן אומעט. דאָס לעבן איז אַזוי שיין, אָ, אַזוי שיין און ליב, אָבער דער טויט..

—איז נישט קיין אַנדער זאַך,—האָט איבערגעריסן שאול,—ווי דער איבערגאַנג פון דעם ערדישן קורצן לעבן צו חיים נצחיים, צו אַ לעבן אַן אייביקן, אַ הימלישן. דער, וואָס האָט אַ סך גוטס אויפגעטאָן דאָ אין פאַרהויז, וועט זיך אָפרוען דאָרטן אין זאַל פון דער אייביקער אומשטערבלעכקייט.

זיי האָבן שוין איצט דערגרייכט דאָס שטיינערנע ביינקל און האָבן זיך אויף אים געזעצט. דער גערויש, וואָס האָט זיך גע־הערט פריער, האָט זיך איצט איבערגעחזרט, און שאול איז זייער אויפמערקזאַם געוואָרן. אָבער כדי צו צעטרייבן די פינס־טערע רעיונות פון זיין חברטע, האָט ער גענומען ריידן עפעס אַנדערש.

—גיב אַ קוק אויף יענע שווערע וואָלקנס, וואָס הויבן זיך אויף

איבערן ים. זיי זאָגן אָן, אַז עס איז נאָענט אַ געוויטער.

—איך האָב מורא, דער געוויטער זאָל דיך נישט טרעפן אין וועג, בעת דו וועסט גיין צוריק אַהיים!—האָט דאָריס פאַרזאָרגט געענטפערט.

—און אויב אפילו יאָ, וואָס איז דאָס פאַר אַ צרה? אַ קליינער רעגן קאָן מיך בלויז דערפרישן אין דערדאָזיקער צייט פון יאָר. דערצו פאַרמעג איך אַ גוטע קמיע, וואָס וועט מיר מאַכן קפיצת הדרך אויף אַ גאַנצן דריטל. דו זעסט אָט דעם שליסל? ער וועט מיר עפענען דעם טויער פון אונזער גאָרטן, וואָס גייט אַרויס אויפן ברעג אָזערע, און בין איך נאָר אין גאָרטן—בין איך שוין אינדערהיים. איך האָב כמעט פאַרגעסן, אַז איך האָב דיר אויך געבראַכט אַזאַ שליסל. נעם אים, און נאָך אַ שליסל, וואָס וועט דיר געבן אַ צוטריט צו אונזער הויז פון דער זייט פון גאָרטן. היט זיי ביידן און געברויך זיי, בעת דו וועסט אַמאָל בייטאָג, אָדער ביינאַכט, גיין צו מיר אָדער צו מיינע עלטערן.

—איך פאַרשטיי דיך, גוטער שאול,—האָט דאָריס אומעטיק געענטפערט!—דו פילסט פאָרויס, אַז זייער פאָטער חוניו וועט אונז באַלד אויף אייביק שוין פאַרלאָזן. אוי און ווי איז אונז! איך האָב אויך שטאַרק מורא דערפאַר. אין משך פון די לעצטע וואָכן איז ער שטאַרק אַראָפּגעפאַלן ביי זיך און ער רעדט אָפּט וועגן דעם קומענדיקן טויט,—האָט דאָס מיידל ליידנשאַפטלעך אויסגעשריען.

—ער טאָר נישט שטאַרבן! וואָס וועט דאַן ווערן מיט מיר?

—זיי רואיק,—האָט איר שאול געטרייסט און זיין שטימע האָט געציטערט פון אַ טיפער אויפרעגונג.—זיי רואיק, מיין טייערע שולמית! חוניו וועט נאָך לאַנג לעבן און דאָריס איז נישט עלנט און נישט אומבאַשיצט. צי דען האָט דיין איידעלער פאָטער נישט געבענטשט אונזער ליבע? צי דען ליבן דיך נישט מיין פאָטער און מיין מוטער און האַלטן דיך נישט פאַר זייער טאָכטער?

נאָך לאַנג זיינען די פאַרליבטע געזעסן אויף דער שטיינערנער באַנק, פאַרטיפט אין זיסע חלומות, ווי אַ פּאָר געטרייע טויבן,

וואָס זיצן זיך רואיק אין זייער שטילן נעסט און צעגיסן זיך אין ליבע, פאַרגעסנדיק, אַז דאָ דערביי לויערט אויף זיי דער אכזר—דער שפּאַרבער. שאול און דאָריס האָבן געהאַט פאַרגעסן אָן דער גאַנצער וועלט. די יונגע קינדער האָבן פאַר זיך געזען בלויז אייביק יונגע זוניקע פרילינגס-הימלען. די צוקונפט האָט זיך פאַר זיי פאָרגעשטעלט ווי אַ פרייער ליכטיקער ששת-ימי-בראשיתדיקער גן-עדן-גאָרטן, וואו עס זיצן בלויז צדיקים מיט שטראַלן-קרוינען אויף די קעפּ און זייגען זיך מהנה מיט דער שכינהס לויטערקייט, וואו בלויז מלאכים שטייען אַרום גאָטס טראָן און זינגען אים אָן אויפהער ליבע זיסע תהלים-מעלאָדיעס...

אָבער ווי ווייט עס איז דער הימל פון דער ערד!
דאָ אַרום און הינטער די אומשולדיקע פאָר קינדער, האָבן אום-געפלאָנטערט שוואַרצע שאָטנס פון ערגעץ געקומענע מחבלים. דריי בלוטדורשטיקע רוצחים—אַפּיון, איזידאָריס און לאַמפּאָס— האָבן שוין גאַנץ לאַנג נאָכגעשפּירט דאָריסן און שאולן, וואוהין זיי זיינען נאָר געגאַנגען. זיי האָבן אַלץ געזוכט אַ פּאַסיקן מאָ-מענט פאַר זייערע פּלענער. נאָך פּלוצלונג האָבן זיי זיך אַ ריס געטאָן, ווי זיכער, אַז דער מאָמענט איז שוין געקומען. ווי אימהדיקע טיגער-קעץ, האָבן זיך די דריי משחיתים אונטערגע-גנבעט שטילערהייט צו די פערחלומטע פאָר טויבן. אַפּיון האָט געגעבן עפּעס אַ סיגנאַל, און די פינסטערע לייט אין די לאַנגע שוואַרצע מאַנטיעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ געוויסן מהלך פון דער שטיינערנער באַנק. נאָכדעם איז דער גראַמאַטיקער איי-נער אַליין מיט שטילע טריט צוגעגאַנגען נאָענט צו דעםביינקל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פון הינטן אונטער אַ געדיכטן פּאַל-מענבוים און האָט אַזוי אומבאַמערקט געקאָנט שטריינג נאָכקוקן די-יעניקע, וואָס זיינען דאָרט געזעסן. איצט האָט ער דערקענט שאולן, וואָס ער האָט אים נאָך געזען אין דער אַקאַדעמיע. גלייך האָט זיך אַפּיון אומגעקערט צוריק צו זיינע חברים און האָט זיי שטיל געזאָגט:
—„דאָס איז פּולוס, דער זון פון דעם יידן פילון! געטויט זאָל

ער ווערן! איר הערט, צי ניין?"

—געטויט! געטויט! געטויט!—האָבן די איבעריקע נאָכגעשריען און האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן מיט אַנטבלויזטן בלאַנקענדיקן שטאָל אויף זייער קרבן.

דריי חלפים האָבן שוין אַ בייזן פינקל געטאָן איבערן קאָפּ פון שאול בן ידידיה,—נאָר פלוצלונג, אומגעוויינלעך פלוצלונג, האָט אַ הילך געטאָן אַ שוידערלעכער כאָר, אַ כאָר פון האַרצרייסנדיקע אבלותדיקע טענער. עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט דערטראָגט ער זיך, דער כאָר, פון זייער-זייער ווייט און דאָ קלינגט ער, גאָר דאָ נאָענט, דאָ אַרום, באַלד אָבער שוין גאָר פון דערהויך, פון די ווייטע הימלען, און אין אַ רגע ווייטער—פון דער טיף, ווי פאַרשטיקטע קולות פון אונטער דער ערד...

אין איין אויגנבליק איז דאָס בלוט פון די אָנפאַלער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אייז. אַ פראָסטיקע אימה האָט אַרומגעכאַפּט די דריי חברה-לייט, וואָס האָבן געמיינט, אַז דאָס פאַרפאָלגן זיי די ע ר י נ י ע ס, די גריכישע געטינס פון נקמה, וואָס יאָגן נאָך און טרעפן אומעטום זייערע קרבנות. די הענט זייערע, פון אָט די דריי חברים, וואָס זיינען אויסגעשטרעקט געוועזן צו דערלאַנגען דעם בייז-באַשערטן קלאַפּ, זיינען ווי אָפּגעשטאָרבן אין דער לופטן; די פיס, האָט זיך געדוכט, זיינען פלוצלונג געוואָרן צוגעוואַקסן צו דער ערד, און נישט קאָנענדיק באַוועגן מיט אַ גליד, זיינען זיי געשטאַנען ווי שטיינערנע סטאַטועס, מיט אויסגעקרימטע פנימער פון שרעק. און דאָ האָט זיך אַלץ נענטער און נענטער געהערט דאָס פייערלעכע זינגען, וואָס האָט אָפּגעהילכט פון אַלע בערג, דאָ טעמפּ פאַרשטיקט, דאָ אויפשאַלנדיק פון דאָסניי מיט אַן אימהדיקער מאַכט.

עס זיינען נאָך נישט אַנטשוויגן געוואָרן די לעצטע ווערטער און די לעצטע קלאַנגען פון דער סודותפולער שירה, ווי עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ געוואַלדיקער שטאַרקער שטורמווינט, וואָס האָט מיט זיין ווילדן רעש אויפגעוועקט די דריי פאַרטויבטע מענטשן און האָט זיי צוריקגעקערט דעם באַוואוסטזיין. מיט אַ געשריי פון ווילדער אימה האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן

פאָרויס און זיי זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן אין דעם חושך פון דער נאַכט.

דער שטורמווינט און דער פלוצלונגער יאוש-געשריי פון הינטן האָבן אויפגעוועקט אויך די נאהבים ונעימים פון זייערע טיפע חלומות, און זיי זיינען מיט שרעק אויפגעשפרונגען פון זייער אָרט. אמת, אויך צו זייערע אויערן האָט דערגרייכט דער פאַר-שטיקטער כאָר-געזאַנג, אָבער נישט דאָס האָט זיי דערשראָקן און איבערראַשט. זיי האָבן שוין נישט איינמאָל געהערט ביי דער אָזערע דעמדאָזיקן געזאַנג, און ער האָט זיי נאָר געבראַכט די טרויעריקע בשורה, אַז די נשמה פון דעם ישיש אליקים האיסי האָט שוין פאַרלאָרן איר ערדיש הייטל. אויך דער שטורמווינט האָט זיי נישט דערשראָקן: זיי האָבן נאָך פריער געזען, אַז ער וועט באַלד קומען. אָבער וואָס האָט באַטייט יענער אוממענטש-לעכער אויסגעשריי פון יאוש, וואָס זיי האָבן דערהערט האַרט הינטער זיך? אומזיסט האָבן זיי אָנגעשטריינגט זייער ראיה, כדי דורכצודרינגען דעם חושך אַרום זיך: קיין שום זאַך האָבן זיי נישט געקאָנט דערזען אין דער געדיכט-פינסטערער סביבה...

דער שטורמווינט, וואָס איז אַזוי פלוצלונג אָנגעקומען, האָט זיך אַוועקגעטראָגן ווייטער און איז באַלד איינגעשטילט געוואָרן. אַ שטיל-שווייגן האָט ווידער באַהערשט די גאַנצע סביבה אַרום. נאָר אָט האָבן זיך דערהערט איינזאַמע טריט. דאָריס האָט אָנ-געשטריינגט דעם געהער און אין אַ רגע אַרום האָט זי זיך פריידיק אַ וואָרף געטאָן אַנטקעגן די, וואָס האָבן זיך דערנענ-טערט. דאָס זיינען געווען חוניו און קאַראַבאַס.

קאַפּיטל ניין.

די מורא, וואָס ידידיה האלכסנדרוני האָט אַרויסגעזאָגט אין דעם געשפּרעך מיט זיין ברודער דעם אַלאַבּאַרך נאָך דער ידיעה, אַז קאַליגולאַ איז אַרויף אויפן רוימישן טראָן, האָט גע־האַט אַ גרונד. נאָכדעם ווי דערדאָזיקער אומנאָרמאַלער מענטש איז געוואָרן באַלעבאָס איבער אַן אומגעהויער גרויסער אימפּעריע, איז ער אינגאַנצן אַרויס פון די כּלים. ער האָט זיך אַריינגע־וואָרפן אין אַ ים פון תאוות און אומנאַטירלעכע תענוגים און ווי דער טאָל פון הינום, וואו מען האָט אַמאָל געבראַכט מענטשן־קרבנות צו דעם אָפּגאָט מולך, איז ער אויך קיינמאָל נישט גע־וואָרן זאַט און האָט מיט פאַרגאָסענע בלוטיקע אויגן אַלץ גע־שריען: נאָך און נאָך! זיין אומבאַגרענעצטער, ווילדער אַרט לעבן האָט אים אין משך פון עטלעכע חדשים אינגאַנצן קראַנק גע־מאַכט. בעת ער איז געזונט געוואָרן, האָט זיך ערשט אַרויסגע־וויזן, אַז אויפן רוימישן טראָן זיצט אַ משוגענער, בלוטדורשטי־קער טיראַן. אים האָט שוין נישט באַפרידיקט צו ווייזן זיך פאַרן פאָלק אין דער געשטאַלט פון אַ האַלבן גאָט אין אַ לייבנפעל

מיט אַ שטעקן אויפן אַקסל, — ווי ער פלעגט עס פריער טאָן. בעת זיין קראַנקהייט איז ער ביי זיך אין די אויגן אויסגעוואַקסן ביז צו אַ גאַנצן גאָט און ער האָט געגומען אַרויסטרעטן עפנטלעך — דאָ ווי אַפּאָלאָ, דער גריכישער גאָט פון דער זון און קונסט, מיט אַ שטראַלן-קרוין אויפן קאָפּ, דאָ ווי נעפּטון, דער גאָט פון ים, מיט אַ דרייצייניקן גאָפּל אין האַנט, און דאָ ווי מאַרס, דער גאָט פון מלחמה. זיין סוויטע האָט אים אונטערגעהאַלטן אין דעמדאָזיקן משוגעת, דער נעבעכדיקער סענאַט האָט זיך אונטער-געגעבן אַלע זיינע אומזיניקע קאַפּריזן, און אין דער גאַנצער רוימישער מלוכה האָט מען געבראַכט קרבנות דעם נייעם אָפּגאָט. אַלע באַאַמטע אין דער גרויסער אימפּעריע האָבן געאיילט אויס-צובויען פאַרן אומזיניקן קיסר טעמפּלען און מזבחות און צו-שטעלן די בילדער פון דעם אימפּעראַטאָר אין אַלע הייליקע ערטער

באַלד גאָר פון אָנהויב האָבן שוין די יידן געגומען קוקן מיט אַ געהיימער שרעק אויף דעמדאָזיקן חוצפּהדיק-ווילדן חוזק מאַכן פון די עלעמענטאַרסטע מענטשלעכע באַגריפן, ציטערנדיק ביים געדאַנק, אַז עס וועט באַלד געוויס קומען די בייזע שעה, ווען מען וועט אויך זיי, אַלס אונטערטאַנען פון דעם רוימישן אימפּע-ראַטאָר, צווינגען אַוועקצושטעלן אין די יידישע מקומות קדושים די בילדער פון קאַיוס קאַליגולאַ און אַרויסווייזן דידאָזיקע געצן-גולמס אַ געטלעכן כבוד.

פונדעסטוועגן, כל זמן אַגריפּוס איז פאַרבליבן ביים קייזערלעכן הויף, האָבן די יידן נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן אין דעם פּרט. אמת, זינט אַ געוויסער צייט האָבן די שונאי-ישראל גע-מאַכט פאַרשידענע פּרובן אַרויסצובאַקומען אַ קייזערלעכן באַפעל, וואָס לויט אים זאָלן אויך די יידן, סיי פון ארץ ישראל, סיי יענע, וואָס האָבן געוואוינט אין אַנדערע לענדער פון דער רוי-מישער מלוכה, זיין מחויב אַוועקצושטעלן די סטאַטועס פון קיסר אין זייערע טעמפּלען. דערהויפּט האָבן דערין אַ הייסן אָנטייל גענומען אַפּיונס פריינט, זיין לאַנדסמאַן דעליקאָן און אַפּעלעס פון דער שטאָט אַשקלון, וואָס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָליע

אין דער סוויטע פון קאַיוס קאַליגולאַ. אָבער אפילו זיי זיינען נישט געווען אימשטאַנד צו ברעכן דעם איינפלוס פון אַגריפּוסן, וואָס דער קיסר איז צו אים געווען געגויגט ביז זיין לעצטן אָטעם, נישט קוקנדיק אויף אַלע וואַקלענישן פון זיין, קאַליגולאַס, כאַראַקטער. אָבער אין אָנהויב פונם צווייטן יאָר פון קאַליגולאַס ממשלה, בעת אַגריפּוס האָט פאַרלאָזן רוים, כדי צו פאָרן קיין יהודה, האָבן אַפּיונס פריינט באַקומען אַ פרייערע מעגלעכקייט פאַר זייער טעטיקייט.

אַגריפּוסעס אָפּפאָר פון רוים איז געוואָרן פשוט אַן אומגליק פאַר די יידן פון ארץ ישראל, נאָר נאָכמער—פאַר די יידן פון אלכסנדריא של מצרים. אַגריפּוס האָט געהאַט לייכטזיניק באַשלאָסן צו מאַכן זיין מאַרשרוט קיין יהודה דורך אלכסנדריא און זיך צו ווייזן דאָרטן אין קעניגלעכן גלאַנץ.

אפּיון האָט דערהאַלטן פון זיינע רוימישע פריינט אַ ידיעה וועגן אַגריפּוסעס קומען קיין אלכסנדריא. אַפּיונס געפאַלענער מוט האָט זיך פון דאָסניי אויפגעהויבן.

דער טרויעריקער סוף פון זיין פּראָבע צו טויטן שאולן און צו פאַרכאַפּן דאָריסן האָט אַנטגילטיק צעשטערט אַלע זיינע האָפענונגען. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ פינסטערער שטימונג, און איז אומגעגאַנגען פאַרטיפט אין שוואַרצע געדאַנקען. נאָר די אומגעריכטע און געווינשטע ידיעה וועגן אַגריפּוסן האָט אים דערמונטערט.

„דידאָזיקע יידן,—איז ער געשפּרונגען פון שמחה,—גיבן מיר אַליין אין די הענט אַ געווער פאַר זייער פאַרניכטונג, און איך וועל עס טאַקע ווי געהעריק אויסנוצן".

ער האָט פאַרזאַמלט זיין געטרייע חברה און האָט זיך באַראַטן מיט איר—אויף וואָסער אופן עס איז בעסער אַרויסצוציען אַ נוצן פון אַגריפּוסעס אָנקומען קיין אלכסנדריא. אַלע חברה-לייט האָבן באַשלאָסן מיט איין דעה, אַז דער גלאַנצפולער אַריינפאָר פון דעם מלך פון די יידן קיין אלכסנדריא וועט באַליידיקן דעם שטאָט-פאַרוואַלטער פלאַקוסן ביז דעם טיף פון זיין נשמה. אויף אַזאַ אופן וועט, לויט זייער מיינונג, אָנקומען דער גינסטיקער

מאָמענט, כּדי צו באַוועגן פלאַקוסן, ער זאָל צושטיין צו די שונאים פון די יידן.
נאָך דער באַראַטונג, זיינען זיי אַוועק מיט דעמדאָזיקן נייס צום פּאַרוואַלטער. יענער האָט לכתחילה בשום אופן נישט געוואָלט גלויבן דערין און ער האָט אָנגענומען, אַז דאָס איז אַפּיונס אַן אויסגעטראַכטע מעשה. אָבער אַז ער האָט דורכגעלייענט די בריוו פון רוים, וואָס דער גראַמאַטיקער האָט אים דערלאַנגט, אַז ער האָט דערזען די הכנות, וואָס די יידישע באַפעלקערונג פון אַלכּסנדריא האָט געמאַכט, כּדי מקבל פּנים צו זיין דעם נייעם מלך היהודים, איז פלאַקוס אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן. פון דער מינוט אָן איז שוין אַפּיון מער נישט אָפּגעטראָטן פון דעם פּאַרוואַלטער. אָן אויפהער און אומדערמידלעך האָט אַפּיון געשאָטן פאַר אים אַלץ נייע באַשולדיקונגען קעגן דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט כּלומרשט געשטרעבט אַראָפּצוואַרפן דעם פּאַרוואַלטער. בראש פון דערדאָזיקער אויסגעטראַכטער באַוועגונג קעגן פלאַקוסן האָט אַפּיון אַוועקגעשטעלט ידידיהן. דער פּאַרוואַלטער איז נאָכמער אויפגערעגט געוואָרן, ווען דער גראַמאַטיקער האָט אים מודיע געווען, אַז אַלע זיינע באַמיאונגען אַרויסצובאַקומען זיין טאָכטער, וואָס געפינט זיך אין די הענט ביי דעם ראש פון די איסיים, האָבן צו גאָרנישט געבראַכט, אי-בער דער שטרייננגער השגחה פון פילונען און זיין זון פוילוסן.

—גלייך ווי עס וועלן זיך נאָר ענדיקן די פייערונגען, וואָס ווערן געמאַכט לכבוד אַגריפּוסן,—האָט אויסגעשריען פלאַקוס,— וועל איך זיך ווי געהעריק אָפּרעכענען מיט דידאָזיקע עזותדיקע יידן.
אַפּיון איז געבליבן צופרידן אויך מיט דעמדאָזיקן רעזולטאַט. איצט איז נויטיק אויפצעוועקן פון דאָסניי די אויפרעגונג אין המון. ביי די איצטיקע באַדינגונגען איז דאָס גאָרנישט שווער געווען. די אַלכּסנדריער גריכן האָבן טיף אין האַרצן געפילט אַ שטאַרקע קנאה, זעענדיק, וויפיל מי און געלט זייערע יידישע מיטבירגער האָבן אַריינגעלייגט אין די הכנות צו אַ ווירדיקן

קבלת-פּנים דעם נײַ-געקרוינטן אַגריפּוסן, און אַפּיונס גיפטיקע דרשות האָבן געהאַט ערפֿאָלג. אָבער דער גראַמאַטיקער איז דערמיט נאָך נישט באַפֿרידיקט געווען. ער האָט נאָך געוואָלט אַ גרעסערן ערפֿאָלג. מיט דעמדאָזיקן צוועק האָט ער צעשיקט זײַנע לײַט, וואָס האָבן צוזאַמענגעצויגן אין שטאָט אַלע לײדיקגייער און באַנדיטן, וואָס האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן אין די אומגעגנטן פֿון אלכּסנדריא. די צוררי היהודים האָבן זיך שטילערהייט געפֿרײט מיט דידאָזיקע קעגן-הכנות. די יידן אַליין אָבער האָבן, קענטיק, גאָרנישט באַמערקט. די שמחה און די התפּעלות זייערע, אַז אָט קומט אָן צו זיי אין געסט דער מושל פֿון זייער פֿאַרלאָזענעם פֿאָטערלאַנד, האָבן זיי געמאַכט בלינד צו אַלץ, וואָס איז געטאָן געוואָרן דאָ אַרום זיי.

צולעצט איז געקומען דער פֿרימאָרגן, ווען אַגריפּוס האָט געדאַרפֿט אָנקומען קיין אַלכּסנדריא. נאָך לאַנג פֿאַר באַגינען האָבן זיך געצויגן גאַנצע מחנות מענטשן איבער דעם יידישן קוואַרטאַל פֿון דער דעלטאַ צום האַפֿן פֿון ים, און אין עטלעכע שעה צײַט איז דער גאַנצער ברעג געווען באַדעקט מיט אַן עולם פֿון הונדערטער טויזנטער מענטשן. נישט קוקנדיק דערויף, האָט אומעטום געהערשט רואיקייט און אָרדענונג: דער גרעסטער רוב פֿאַרזאַמלטע זײַנען געווען יידן. אין אַ פֿײערלעכער שטימונג האָבן זיי אָפּגעוואַרט דעם יידישן מלך—דעם ליבלינג פֿון אימפּעראַטאָר. פֿאָרויס איז געשטאַנען דער אַלאַבאַרך אַלכּסנדר, אַרומגערינגלט מיט די מיטגלידער פֿון ראַט פֿון דער יידישער קהלה. צום האַפֿן איז אויך געקומען דער שטאָט-פֿאַרוואַלטער פֿלאַקוס און ער איז באַגעגנט געוואָרן מיט באַגייסטערטע באַגריסונגען פֿון פֿאָלק. ער האָט אין האַרצן מורא געהאַט פֿאַרן מלכּס ליבלינג, און וויפֿיל זײַן שטאָלץ איז נישט געווען אויפֿגעבראַכט קעגן דעם, האָט ער אים פֿאָרט גובר געווען און איז אַרויסגעפֿאָרן באַגעגענען אַגריפּוסן.

באַלד איז די לאַנג אָפּגעוואַרטע שיף אַרײַן אין האַפֿן—און פֿון הונדערטער טויזנטער ברוסטן האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געוואַלדיקער דונער-געשריי, וואָס האָט פֿאַרהילכט גאַנץ אלכּסנדריא.

—מאָרין! מאָרין! (אונזער האַר! אונזער האַר!)—האָט געשריען דער עולם, וואָס איז געווען פאַרזאַמלט אויפן ברעג.

—מאָרין! מאָרין!—האָבן זיך צעגאָסן שטורמדיקע קולות איבער אַלע גאַסן פון די פינף טיילן שטאָט.

און גלייך איז ווידער געוואָרן אַ טיפע שטילקייט.

אַגריפּס האָט זיך אַרויסגעזעצט אויפן ברעג. אַ גערירטער פון דעם התלהבותדיקן קבלת-פּנים, האָט ער אַרומגענומען און גע-האַלזט און געקושט דעם יידישן נשיא פון אלכסנדריא און דער-נאָך האָט ער וואַרעם געדריקט די אויסגעשטרעקטע האַנט פון דעם פאַרוואַלטער, און זיך געווענדט צו אים מיט עטלעכע ליב-לעכע ווערטער.

נאָך דערדאָזיקער קורצער באַגריסונג האָט מען דעם מלך פון יהודיה דערלאַנגט אַ פּראַכטפולן פערד און אַגריפּס האָט זיך אויף אים אַרויפגעזעצט. אַז דער עולם האָט דערזען די מלכות-דיקע פיגור פון אַגריפּס, דעם אייניקל פון מרים החשמונאית, אין אַ פּורפּור-מאַנטיע און מיט אַ העל-פינקלענדיקער קרוין אויפן קאָפּ,—האָט זיך פון זיין מויל, פון מויל פון דעם גאַנצן יידישן עולם, ווידער אַרויסגעריסן אַ התפּעלותדיק געשריי פון באַגייס-טערונג.

לאַנגזאַם האָט זיך באַוועגט די פּראָצעסיע איבערן קוואַרטאַל פון דער דעלטאַ, וואָס האָט געשוויבלט און געגריבלט פון אומגע-הויערע מחנות, אין דער ריכטונג צום פּאַלאַץ פון דעם יידישן נשיא. ביי דער רעכטער האַנט פון דעם מלך יהודה, וואָס האָט געשיינט פון שמחה, איז געפאָרן דער נשיא אַלכסנדר, ביי דער לינקער האַנט—דער פאַרוואַלטער, וואָס זיין בלאַס געזיכט איז געווען פונקט דער היפּוך פון דער יום-טובדיקער שטימונג פון דער סוויטע. אונטער התלהבותדיקע אויסגעשרייען און שמחה האָט די פּראָצעסיע צום סוף דערגרייכט דעם אַלאַבאַרכס פּאַלאַץ. דאָ האָט דער פאַרוואַלטער מיט אַ קונציקער, נאָר קענטיק אַ געצוואונגענער העפלעכקייט זיך צעזעגנט מיט אַגריפּסן. אַגריפּס האָט זיך פריינטלעך פאַרנויגט אין אַלע זייטן און איז אַריין אין פּאַלאַץ. ער האָט דאָ געוואָלט אָפּרוען עטלעכע שעה, און נאָכ-

דעם אַן אָפּגערוטער באַטראַכטן די מערקווירדיקע זאַכן פון אלכּסנדריא.

די איינאָרדנער פון דער פייערונג האָבן צעטיילט די פאַרזאַמלונג אויף גרופּעס און האָבן זיי אַוועקגעשיקט אין פאַרשידענע בתי־כּנסת און בתי־תּפילה, וואו עס איז באַשטימט געווען לכּבוד אַגריפּסן אַ פייערלעכע תּפילה. דער קוואַרטאַל פון דער דעלטאַ האָט באַלד ווידער באַקומען זיין וואָכעדיק אויסזען.

דער קבלת־פּנים ביים אַלאַבאַרך אין שטוב איז געווען אַן אומגעוויינלעך האַרציקער. דעם נשיאס פרוי אַפּאָלאָניאַ און זייער זון טיבעריוס זיינען געווען אַנטציקט פון אַגריפּסעס פריינטלעכקייט. דער קעניג האָט עטלעכע מאָל אַרומגענומען און געהאַלזט און געקושט דעם אַלאַבאַרך. ער האָט אָפנהערציק אַרויסגעזאָגט, אַז זיין גאַנץ גליק האָט ער צו פאַרדאַנקען דעמדאָזיקן איידעלן מענטשן, וואָס האָט אים מציל געווען פון אַ זיכערן, אומפאַרמיידלעכן אומגליק. אַז ער האָט אַראָפּגענומען פון זיך זיין פּור־פּור־מאַנטיע, האָט דעם אַלאַבאַרך פאַראינטערעסירט אַן אומגעוויינלעכע שווערע גאָלדענע קייט אויף זיין האַלז. אַגריפּס האָט פאַרשטאַנען די שטומע פראַגע פון זיין פריינט און ער האָט געזאָגט:

—דו וואונדערסט זיך געוויס, זעענדיק אויף מיר אַזאַ שווערע משא.

—באמת אַזוי,—האָט געענטפערט דער אַלאַבאַרך.—די קייט דאַרף שטאַרק דריקן דיינע אַקסלען. דאָס איידעלע מעטאַל מאַכט געוויס נישט קלענער איר וואָג.

—די דאָזיקע קייט,—האָט געענטפערט אַגריפּס,—איז אַ מתּנה פון מלך. ווי אומבאַקוועם זי זאָל מיר צייטנווייז נישט זיין, פונדעסטוועגן שייד איך זיך מיט איר אָן חשק, ווייל מיט דער דאָזיקער קייט איז פאַרבונדן אַ גאַנצע געשיכטע פון יסורים.

—אַ געשיכטע פון יסורים?—האָבן אין איין צייט אויסגעשריען דער אַלאַבאַרך, זיין פרוי און זייער זון.—דערצייל אונז, פריינט!

—זי איז אייך טיילווייז באַוואוסט,—האָט געענטפערט אַגריפּס.— איר ווייסט דאָך, אַז איך בין געפּייניקט געוואָרן אין משך פון לאַנגע זעקס חדשים אין געפיינקעניש.
—וועגן דעם האָבן מיר געהערט, אָבער די נאָנטסטע פּרטים פון דעם פאַרהאַפטן דיך און פון דיין באַפרייאונג, זיינען פאַר אונז געבליבן אומבאַקאַנט.
און אַגריפּס האָט געזאָגט:
—אויף אַזאַ אופן וועל איך אייך דערציילן בקיצור. איר ווייסט געוויס, אַז בעת איך האָב מיט עטלעכע יאָר צוריק זיך צוריקגעקערט קיין רוים, איז מיר ווידער געלונגען צו באַקומען אַ צוטריט צום הויף און צו געווינען דעם אָנגעוואָרענעם חסד פונם מלך טיבעריוס. איינמאָל, פאָרנדיק איבער די גאַסן פון רוים מיט קאַליגולאַן, וואָס האָט מיר אַרויסגעוויזן גרויס פריינטשאַפט, האָב איך מיך פּלוצלונג אָנגערופן אומבאַקלערט:
„שוין צייט, טיבעריוס זאָל דיר אָפּטרעטן דעם אָרט!"
דער קוטשער האָט געהערט דעמדאָזיקן אומפאָרזיכטיקן אויסדרוק. איך האָב זיך וועגן דעם דערוואוסט נאָכדעם, ווי איך האָב אים אָנגעקלאָגט אין גערירכט צוליב עפּעס אַ גנבה אין מיין הויז. ער האָט געפּאָדערט, מ'זאָל אים אַריינפירן צום מלך, ווייל ער האָט איבערצוגעבן אַ וויכטיקן סוד. איך האָב גאָרנישט חושד געווען און האָב אַליין געבעטן, דער מלך זאָל דעמדאָזיקן מענטשן אויסהערן. און דאָרט, ביים מלך, האָט ער מיך באַשולדיקט אין באַליידיקן דעם מלכות. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן,—איך בין געוועזן אינגאַנצן פאַרלאָרן. טיבעריוס רופט תיכף ומיד אַריין מאַקראָנען, דעם שר איבער די פּרעטאָריאַנער און באַפעלט אים קורץ און שאַרף:
„פאַרשמידן אים אין קייטן און אַוועקפירן אין תפיסה!"
מאַקראָן שטייט עטוואָס צעמישט: ער ווייס נישט צו וועמען באַדאַרף אָנגעווענדט ווערן דערדאָזיקער שרעקלעכער באַפעל, און דערוועגט זיך נישט איבערצופרעגן דעם מלך. גיט אים מיין איידעלע באַשיצערין, אַ נ ט אָ נ י אַ, אַ וואונק, און ער פירט אָפּ אין תפיסה דעם קוטשער. איך בין געראַטעוועט!—אין עטלעכע

מעג אַרום אָבער האָט מיך דער מלך באַגעגנט אין צירק. ער איז געוואָרן אויסער זיך פון צאָרן. מיט אַ דונערדיקער שטים האָט ער תיכּף צוגערופן די וואַך און זי געהייסן, זי זאָל מיך פאַרשמידן אין קייטן און פאַרזעצן אין תּפיסה. איך בין געזעסן אין דער פינסטערער גרוב אָן אַ שום האָפנונג באַפרייט צו ווערן און פון טאָג אויף טאָג האָב איך געוואַרט אויפן טויט פון אַ תּליונס האַנט.

—און דיינע פריינט ביים הויף? צי דען האָבן זיי גאָרנישט גע־טאָן פאַר דיין באַפרייאונג?—האָט געפרעגט דער אַלאַבאַרך.

—גראָד דאָס איז געווען גוט, וואָס זיי האָבן גאָרנישט געטאָן פאַר מיר און האָבן אַזויאַרום גורם געווען, דער מלך זאָל מיך אינגאַנצן פאַרגעסן; אַנישט—וואָלט איך זיכער אומגעקומען. בלויז אין די לעצטע וואָכן פון מיין תּפיסה-לעבן איז זיי געלונגען זיך צו דערשלאָגן פאַר מיר מאַנכע דערלייכטערונגען. איך האָב באַקומען די מעגלעכקייט אַלע טאָג אין משך פון עטלעכע שעה אומצובלאָנקען איבערן תּפיסה-הויף און צו געניסן דאָס מחיה־נפשותדיקע זונליכט. בעת איינעם אַזאַ שפּאַציר איז איינער פון מיינע באַדינער צוגעלאָפן צו מיר אָן אַן אָטעם און האָט אַרויס־געמורמלט:

—דער לייב איז געשטאָרבן!

ביי דערדאָזיקער אומדערוואַרטער בשורה האָב איך מיטן גאַנצן קערפּער אויפגעציטערט פון פרייד. אין עטלעכע מינוט אַרום קומט אַריין צו מיר דער אויפזעער פון תּפיסה מיט אַ שיינענדיק גע־זיכט און מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס. ער באַפרייט מיך פון די קייטן און זאָגט מיר פאָרויס אַ גלענצענדיקן עתיד, ווייל טי־בעריוס איז געשטאָרבן און אויפן אַלוועלטלעכן טראָן וועט באַלד אַרויף קאַיוס קאַליגולאַ, מיין פּאַטראָן. באַלד דערויף האָט דער אויפזעער מיך איינגעלאַדן צו זיך און געמאַכט אַ מאָלצייט. אָבער אינמיטן מאָלצייט, ווען איך בין געזעסן ביים טיש פאַר־טויבט פון דער אומדערוואַרטער פרייד, קומט אַריין אַ נייער שליח מיט אַ נייער ידיעה:

„דער כלומרשט-געשטאָרבענער טיבעריוס האָט זיך פון דאָסניי צוריקגעקערט צום לעבן!“

ווילד און משוגע האָט זיך אויף מיר אַרויפגעוואָרפן אַ צענטור-יאָן, פאַרשמידט מיך תיכּף ומיד אין קייטן און צוזעקגעפירט מיך צוריק אין תפיסה אַריין...

—עלנטער, אָרימער בן-מלך!—האָט אויסגערופן אַפּאָלאָניאַ.—וויפיל דו האָסט זיך עס אָנגעליטן!

—די נאַכט דערויף איז געווען אַ שרעקלעכע און איך וועל זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן. צום גליק, איז זי געווען די לעצטע, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין תפיסה. אויף מאָרגן פרי בין איך ווידער געווען פריי. טיבעריוס איז דאָס מאָל געשטאָרבן אויף אַן אמת: מאַקראָן האָט אים דערשטיקט, בעת ער האָט, צו דעם פּחד פון די אַרומיקע, געהאַט אויפגעלעבט פון דאָסניי. דער נייער מלך קאַליגולאַ האָט געעפנט די טירן פון מיין תפיסה, האָט מיר אָנגעטאָן אויפן קאָפּ אַ קרוין, האָט געהייסן, לויטן מוסטער פון די אייזערנע קייטן, וואָס איך האָב געטראָגן אין תפיסה, מאַכן גאָלדענע און האָט זיי מיר אָנגעטאָן אויפן האַלז פאַר אַ צייכן פון באַזונדערן חסד...

אַגריפּס האָט נאָך נישט באַוויזן צו ענדיקן די לעצטע ווערטער, ווי אין צימער איז אַריינגעלאָפן אַ דינער און האָט אָנגעזאָגט, אַז אַן אומגעהויערער המון דערנענטערט זיך צום קוואַרטאַל פון דער דעלטאַ. באַלד דערויף האָבן זיך פון גאַס דערטראָגן וויל-דע געשרייען און המון-געלעכטער...

דער אַלאַבאַרך איז צוגעלאָפן צום פענסטער, און וואַרפנדיק אַ דורכדרינגלעכן בליק אויף דער גאַס, האָט ער אַרויסגעמורמלט באַרואיקלעכע ווערטער:

—גאָרנישט. אַ געוויינלעכער המון פון ליידיקגייער, וואָס דרייט זיך תמיד אַרום איבער דער שטאָט... אָבער וואָס זע איך?—האָט ער באַלד דערויף מוסיף געווען דערשראָקן.—דאַכט זיך, אַז אַפּיון און זיינע מיטהעלפער איזידאָראָס און לאַמפּאָס רייצן אין די הינטערשטע רייען דעם המון? איך שווער ביים נאָמען פון אַלמעכטיקן, אַז דאָס זיינען זיי. זיי פלאַנעווען, קענטיק, אַן

אָנפּאַל. לויף, טיבעריוס. אַרָאָפּ אונטן און הייס פאַרמאַכן אַלע טויערן און טירן. דו, אַפּאָלאָניאַ, באַזאָרג, די נייגעריקע דינער זאָלן נישט אַרויס פון שטוב, און איך אַליין וועל אַוועק צום פּראָקוראַטאָר און וועל אים בעטן צושיקן אַהער אַן אָפּטיילונג סאָלדאַטן, וואָס זאָלן איינהאַלטן די אָרדנונג.

—נישט איצט,—האָט אַפּאָלאָניאַ געבעטן רחמים, פאַרשטעלנדיק דעם מאַן דעם וועג,—נישט איצט. דער המון וואַקסט פון מינוט צו מינוט און ס'קאָן נאָך פּאַסירן אַן אומגליק.

—זיי רואיק,—האָט דער אַלאַבאַרך געזאָגט.—איך וועל דורכגיין דורך דעם הינטערשטן טויער און מיט זייטיקע וועגלעך וועל איך מיך דערשלאָגן צום פּראָקוראַטאָרס הויז.

און געזעגענענדיק זיך אויף אַ קורצער ווײַלע מיט אַגריפּסן, איז דער אַלאַבאַרך אַרויס פון הויז, באַגלייט פון דער פּרוי און זון.

אַגריפּס איז אויך צוגעגאַנגען צום פענסטער.

אַ מחנה צעבושעוועטע ייִנגלעך האָט זיך געיאָגט נאָך אַ קליי-נישקן הינקענדיקן מענטשן און האָט ווילד געשריען:

„קאַר-ראַ-באַס! קאַר-ראַ-באַס! קאַר-ראַ-באַס-באַס-באַס!"

הינטער זיי איז געגאַנגען אַ געוואַלדיקער המון, וואָס איז על-פּי-רוב באַשטאַנען פון שלעפּער, כוליגאַנעס און גאַסניונגעץ. צוגעקומען צום פּאַלאַץ פונם אַלאַבאַרך, האָט דער המון פאַר-טריבן די קליינע שרייער, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילדער, רציחהדיקער געיעג אויפן אומגליקלעכן קאַראַבאַסן, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן. אָבער קאַראַבאַסן האָט, קענטיק, פאַרשאַפט גרויס תענוג דערדאָזיקער געיעג, וואָרום ער האָט פאַרטויבט די לופט מיט פריידיקע געשרייען. אין דערזעל-ביקער צייט אַרבעטן אומדערמידלעכע הענט ביי שטורמישע צו-פרידענע קולות פון המון; מען שטעלט-אויף אַ הילצערנע בימה, ענלעך צו אַ טראָן. אַ פּאָר געזונטע ברייטבייניקע יונגען טוען אָן קאַראַבאַסן, וואַרפן אויף אים אַרויף אַ מאַנטיע פון גע-פלאָכטענעם טשערעט, טוען אים אָן אויפן קאָפּ אַ פּאַפּירוסענע קרוין, לייגן אים אַריין אין האַנט אַ בייטש, וואָס דאַרף פאָר-

שטעלן אַ סצעפּטער, און זעצן אים אַוועק אויפן טראָן. און ווי נאָר דער המון האָט באַמערקט דעם אידיאָט, וואָס זיצט אין דערהויך אויפן בימה אין אַ לעכערלעכן מלבוש און שמייכלט אין אַלע זייטן, איז ער געוואָרן אויסער זיך פון אַ ווילד-צעהיצטער שמחה, און אַ וואָיען „מאָרין! מאָרין!" האָט אויפגעטרייסלטדי לופט.

שטאַרק צעטרייסלט און אויפגעבראַכט פון דערדאָזיקער באַליידיקונג, וואָס מ'האָט אים אָנגעטאָן, איז אַגריפּס אָפּגעשפּרונגען פון פענסטער. ער האָט ממש געברענט פון בושה און גרימצאָרן. ער, דער ליבלינג פונם קיסר, דער מלך פון די יידן, ווערט בכל עם ועדה אַן ענין פון חוזק און פון שפּאָט מצד אַ פינסטערן המון, און דוקא דאָרטן, וואו ער האָט גערעכנט צו באַגעגענען דעם גרעסטן כבוד! „אָ, נישט אָפּגעווישטע שאַנד!" האָט ער געקרעכצט אין שטאַרקער אויפרעגונג, אַראָפּלאָזנדיק זיך אין פאָטעל.

דערווייל האָט דער המון אָן אויפהער אַלץ געוואָיעט און געפילדערט: „מאָרין! מאָרין!" און קאַראַבאַס האָט נישט אויפגעהערט צו שמייכלען און געדייען... אָבער—וואָס איז דאָס פּלוצלונג מיט אים געשען! דער פּאַרב איז אַראָפּ פון זיינע באַקן; בלייך, ווי טויט און אומבאַוועגלעך, ווי אַ סטאַטוע זיצט ער, שאַרף און אָנגעשטריינגט געווענדט זיין געוויינלעך אומרואיק-בלאָנדזשענדיקן בליק אין איין פּינטל. דאָס זיינען שוין גאָרנישט קיין אויגן פון אַן אומזיניקן! ווי משונה זיי פינקלען! און דערדאָזיקער ביי-צאָרנדיקער שטריך ביי זיינע ליפּן, וואָס פריער האָט אויף זיי געשפּילט אַ גוטמוטיקער שמייכל! אַ ציטערדיק געמורמל גייט-דורך צווישן די דערשראָקענע ערשטע רייען. זיי ווילן אָפּטרעטן, אָבער דער געדראַנג פונם המון איז צו שטאַרק. און פּלוצלונג—טוט זיך קאַראַבאַס אַ הויב-אויף, מיט איין באַוועגונג וואַרפט ער אָפּ ווייט פון זיך די טשערעטענע מאַנטיע און די פּאַפּירוסענע קרוין, קלעטערט אַרויף אויפן שפּיץ פון דער בימה און מיט איין שפּרונג וואַרפט ער זיך אַריין אין דער מיט פון המון, וואָס רוקט זיך פאַר אים פונאַנדער מיט אַן אויסגע-

שריי פון אימה. ער טוט אַ צווייטן שפּרונג—און מיט אַ ווילדן וואָיען, ווי אַ הונגעריקע רויב-חיה, וואַרפט ער זיך אויף זיין קרבן און כאַפּט אים פאַרן גאָרגל. „רוצח! גזלן!" זיינען געווען די איינציקע ווערטער, וואָס קאַראַבאַס האָט אַרויסגעזעצט, בשעת ער האָט זיך אָנגעהאַנגען אויף אַפּיוגען, וואָס איז תיכף-ומיד אָנגעגאָסן געוואָרן מיט טויטשרעק.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַוימדיקער געראַנגל. אָבער אַפּוינס מוראדיקע אָנשטריינגונג, צו באַפרייען זיך פונם אומזיניקן, זיינען געווען אַרויסגעוואָרפן,—אַזוי פעסט האָט אים קאַראַבאַס געהאַט אַרומגעכאַפּט.

די הענט פונם גראַמאַטיקער זיינען שוין אָפּגעשוואַכט געוואָרן אינם געראַנגל; נאָך עטלעכע מינוט, און ער וואָלט אומגעפאַלן אויף דער ערד אַ טויטער... אָבער אינם דאָזיקן אַנטשיידענעם מאָמענט איז לאַמפּאָס, וואָס איז געשטאַנען נעבן אים, געקומען צו זיך פון זיין פאַרגליווערטער דערשטוינונג. ער האָט זיך אונ-טערגעגנבעט צו קאַראַבאַסן און אים אַריינגעשטאָכן אַ מעסער אין זייט. אַ שטראָם בלוט האָט באַלד אַרויסגעשפּאַרט, און דער אומגליקלעכער קאַראַבאַס איז אָן לשון אומגעפאַלן אויף דער ערד. לאַמפּאָס האָט אונטערגעכאַפּט דעם האַלב-טויטן גראַמאַטי-קער און איז מיט אים פאַרשוואונדן, איבערלאָזנדיק דעם המין, אַ פאַרגליווערטן פון שרעק.

קאַפּיטל צען.

אַגריפּס איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, פאַרזונ-קען אין טרויעריקע געדאַנקען, ווען דער אַלאַבאַרך האָט זיך צוריקגעקערט פון פּראָקוראַטאָר און איז, שטאַרק אויפגע-רעגט, אַריין אין צימער. דער פּראָקוראַטאָר האָט זיך שאַרף אָפּגעזאָגט צו באַפרידיקן זיין גערעכטע פאָדערונג. ער האָט נישט געוואָלט געבן קיין איין מענטשן אויף צו פאַרטיידיקן די יידן.

—זאָלן זיי אַליין געפינען מיטלען אויף צום באַשיצן זיך,—האָט פלאַקוס געזאָגט.

—און פלאַקוס האָט זיך דערוועגט צו געבן דיר אַזאַ ענטפער?—האָט אַגריפּס געפרעגט, אויפהויבנדיק זיך לאַנגזאַם פון זיין אָרט.—ער האָט זיך דערוועגט צו זאָגן דאָס, ווייסנדיק, אַז איך בין דאָ? ווי, צי דען פאַרשטייט ער נישט, אַז איין וואָרט פון מיינע לעפצן קאָן אים אומברענגען אויף אייביק?

—ער פילט זיך, משמעות, זיכער,—האָט געענטפערט דער אַלאַ-באַרך געקריינקט,—אויב ער האָט זיך אַנטשלאָסן צו ברענגען

אונז פאַר אַ קרבן צום פינסטערן המון, דעם להוטן נאָך רויב און בלוט. אָך, אַגריפּס!—האָט ער ווייטער געערדט און זיין שטים האָט געציטערט פון אינערלעכן צער,—אויב דער הימל וועט נישט שיקן גיך קיין הילף, איז אַ סוף מיט די יידן אין אַלכּסנדריא.

—באַרואיק זיך,—האָט אַגריפּס, וואָס האָט זיך אינגאַנצן שוין באַהערשט, אים געטרייסט.—באַרואיק זיך! איך האָב אייך גורם געווען אומזיסטע צרות און זיך באַליידיקונג, וועל איך זיך באַמיען, ווי ווייט מעגלעך, צו פאַרריכטן מיין שולד. הייס רופן יחזקאלן, דעם געטרייסטן פון מיין סוויטע; ער וועט תיכף-ומיד אַוועקפאָרן מיט בריוו קיין רוים.

אַז דער אַלאַבאַרך איז אַוועק נאָך יחזקאלן, האָט זיך אַגריפּס אַוועקגעזעצט ביים טיש און האָט אָנגעשריבן צו זיינע רוימישע פריינט און צום מלך בריוו, וואו ער האָט באַשריבן דעם טרויעריקן מצב פון די יידן אין אַלכּסנדריא, די סכנות, וואָס גרייטן זיך פאַר זיי מצד דעם המון, דעם אונטערגעהעצטן דורכן פּראָקוראַטאָר, די שווערע באַליידיקונג, וואָס איז אים פּערזענלעך אָנגעטאָן געוואָרן, און, צולעצט, האָט ער געפאָדערט שנעלע הילף.

נאָכן פאַרחתמענען די בריוו, האָט ער זיי איבערגעגעבן זיין געטרייען יחזקאלן און האָט אים תיכף אַוועקגעשיקט קיין רוים. דערנאָך האָט ער מודיע געווען דעם אַלאַבאַרך וועגן זיין באַשלוס, צו פאַרלאָזן אַלכּסנדריא נאָך היינט אין אָוונט, און אַוועקפאָרן קיין ארץ-ישראל. דער אַלאַבאַרך האָט אים נישט דערוויידערט און האָט אפילו נישט געפּרובט צו ווירקן אויף זיין באַשלוס.

פאַר דער צייט איז פאַרן הויז פון אַלאַבאַרך צוריק געוואָרן פולשטענדיק רואיק; די סיבה דערפון איז געווען די בהלה, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך קאַראַבאַסן. אַפּיון האָט געהאַט צונויפגעשטעלט אַזאַ פּלאַן: ראשית וועט ער באַליידיקן דעם יידישן פירשט מיט דער הילף פון אַ חוצפּהדיקן צעהיצטן המון, און נאָכדעם וועט ער דעם המון אָנרייצן אויפן יידישן קוואַר-

טאַל און צעראַבירן אים. אָבער היות אַפּיון איז אַוועקגעטראָגן געוואָרן פונם זאַמלפּונקט אַ האַלבטויטער און די הויפּט-אָנפירער און אַ טייל בויאַנעס זיינען שטאַרק צעטומלט געוואָרן, איז די גאַנצע היינטיקע, אַזוי גוט אָנגעהויבענע באַוועגונג געבליבן אָן ערפאָלג. גאַנצע מחנות פונם המון האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט אָן פירער און אָן אַ ציל איבער די גאַסן פונם דעלטער קוואַרטאַל און האָבן געמאַכט אָנפאַלן אויף די בתי-כנסיות, וואָס זיינען פול געפּאַקט געווען מיט מתפּללים לכבוד אַגריפּסן.

אָבער דאָ האָבן די אָנפאַלער באַגעגנט אַ פאַרעקשנטן ווידערשטאַנד, ווייל די יידן האָבן זיך אַנטשלאָסן ביזן לעצטן מענטשן צו פאַרטיידיקן די מקומות קדושים זייערע. מיט אַן אָנמעכטיקן צאָרן זיינען די אָנפאַלער אַנטלאָפן פונדאַנען און האָבן זיך געוואָרפן אויף די אַנדערע טיילן פון דער שטאָט, וואָס זיינען געווען ווייניקער באַפעלקערט פון יידן. דאָרט האָבן זיי געקענט, אָן געפאַר פאַר זיך, אַרויסווייזן זייער רציחה. זיי זיינען אָנגעפאַלן אויף די יידישע הייזער און פאַבריקן, האָבן ראַבירט און רואינירט אין משך פון אַ גאַנצער נאַכט, נישט באַגעגענעדיק קיין שום ווידערשטאַנד, ווייל די יידן זיינען פּשוט אַנטלאָפן מיטן לעבן אינם קוואַרטאַל פון דער דעלטע.

דער פאַקט, וואָס פלאַקוס האָט נישט געשטערט די רוצחים, האָט זיי שטאַרק אויפגעמונטערט און זייער צאָל האָט זיך אַזוי פאַרגרעסערט, אַז שוין אין עטליכע טעג אַרום זיינען געמאַכט געוואָרן הכנות צו אַ צווייטן אָנפאַל אויפן קוואַרטאַל פון דער דעלטע.

אין אָוונט פון יענעם טאָג, ווען אַגריפּס איז פּייערלעך אַריינגעפאָרן אין אלכּסנדריא, האָט ער זיך מיט זיין סוויטע אַרויסגעגנבעט, אונטער די שוואַרצע נאַכטפליגלען, פון דערדאָזיקער שטאָט, און דער איינציקער באַגלייטער זיינער ביזן פאָרט איז געווען דער אַלאַבאַרך. פאַראומערט האָבן זיך צעזעגנט ביידע פריינט. קיין איינציק וואָרט האָט זיך נישט אַרויסגעריסן פון דער צער-פולער ברוסט; בלויז טרערן האָבן אַרויסגעגעבן זייער טיפע אינערלעכע אויפרעגונג.

אין אַלכּסנדריא האָט אַגריפּס באַגראָבן די לעצטע רעשטן פון זיין קלות-דעת.

בשעת פלאַקוס האָט זיך, בייז און אָנגעלאָדן, צעזעגנט אינדער פרי מיט אַגריפּסן און זיך צוריקגעקערט צו זיך אין פּאַלאַץ, האָט ער אינדערהיים, צווישען אַנדערע בריוו, באַקומען פון רוים, געפונען אַ באַפעל, וואָס האָט אים געגעבן אַ שטאַרק גע-ווער קעגן די יידן. ער האָט הויך אויסגעדריקט זיין שמחה, דורכלייענענדיק דעמדאָזיקן באַפעל, וואָס האָט אים געהייסן אַריינשטעלן די בילדער פונם מלך אין אַלע טעמפּלען. ער האָט געוואוסט, אַז די יידן וועלן גיכער מקריב זיין דאָס לעבן, איי-דער צו דערלאָזן דעם חילול פון זייערע טעמפּלען מיט אַ בילד, וואָס מ'האָט געמוזט אים אָפּגעבן כבוד ווי אַ גאָט. דעמאָלט וועט מען קאָנען אַרויסשטעלן זיי, ווי מורדים און ברעכער פון די קייזערלעכע פאַראָרדנונגען; מ'וועט קאָנען מיטטיילן דעם מלך, אַז אין מצרים זיינען בלויז די יידן פאַרעקשנטע קעגנער און ווילן נישט פאַרגעטערן דעם מלכס בילדער, בעת די גאַנצע איבעריקע באַפעלקערונג באַגריסט מיט שמחה און התפעלות די פאַרגעטערונג פון קיסר, גיט אָפּ געהעריקן כבוד דעם נייעם גאָט און ברענגט צו אים קרבנות. קעגן אַזעלכע באַשולדיקונגען אויף די יידן וועט גאָרנישט קאָנען טאָן אפילו אַגריפּס, וואָס געפינט זיך, אַגב, ווייט פון רוים.

ס'איז אַוועק אַ גאַנצע וואָך, און די ראַבירונגען זיינען געוואָרן אַלץ מער און גרעסער, נישט באַגעגענענדיק אפילו דעם קלענסטן שטער מצד דעם פּראָקוראַטאָר. איז דער אַלאַבאַרך ווידער אַוועק צום פּראָקוראַטאָר, ער זאָל עפּעס טאָן קעגן די ראַבירער. אָבער אומזיסט! פון זיין באַזוך האָט ער אַרויסגעטראָגן בלויז די טרויעריקע זיכערקייט, אַז פלאַקוס וויל צווינגען די יידן צום קאַמף, נאָכדעם זיי אַרויסצושטעלן ווי רו-שטערער און קאָנען אָנפאַלן אויף זיי. דעמאָלט האָט דער הויכער ראַט פון זיבעציק חשובסטע יידן באַשלאָסן תיכף ומיד אַרויסצושיקן אַ דעפּוטאַציע צום

מלך און זוכן גערעכטיקייט און רעכט ביים טראָן.

אין אָוונט פון יענעם טאָג, ווען ס'איז אָנגענומען געוואָרן דער דאָזיקער באַשלוס, האָט אַן אַרבעטער, וואָס האָט געדינט אויף דער פאַבריק פון אַ נ ד ר אָ ן, אַ מיטגליד פונם יידישן ראַט, מודיע געווען דעם גאַנצן פּלאַן פונם אָנפאַל, וואָס אַפּיון האָט אָנגעצייכנט. לויט דעמדאָזיקן פּלאַן, האָט מען קודם כל גע- דאַרפט אַריינשטעלן אין די יידישע בתי-כנסיות די בילדער פונם קיסר, וואָס מ'האָט איבער זיי געאַרבעט טאָג און נאַכט. דערביי האָט מען אויסגערעכנט אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד די יידן. דעמאָלט וועט מען קאָנען אויסרופן בקול רם, אַז זיי זיינען פאַרברעכער פונם מלכס פאַראָרדנונגען און זיינען מאַיע- סטעט-באַליידיקער, און אַזויאַרום זיך אָפּרעכענען מיט זיי ווי געהער'יק.

אַנדראָן ה ט ווען דעם איבערגעגעבן דעם הויכן ראַט, און דאָ איז פה-אחד באַשלאָסן געוואָרן די דעפּוטאַציע אָפּצושיקן צום קיסר נאָך אין דערזעלביקער נאַכט—מחמת מורא, די שונאים זאָלן זיך באַצייטנס דערוויסן פון די יידישע פּלענער און פאַר- שפּאַרן דעם פּאָרט, די דעפּוטאַציע זאָל נישט קאָנען אַרויספאָרן. אין דער דעפּוטאַציע זיינען אויסגעוויילט געוואָרן: דער אַלאַ- באַרך, ידידיה פילון און זיין זון שאול. דער אַלאַבאַרך האָט געמאָלדן, אַז ער איז גרייט אין דערזעלביקער נאַכט אָפּצופאָרן צוזאַמען מיט זיינע ביידע חברים, אָבער ער האָט געבעטן די פאַרזאַמלונג צו האַלטן ביז אַ צייט די זאַך שטריינג בסוד. גלייך דערויף האָט ער זיך צעזעגנט מיט זיינע קאָלעגן און איז גע- איילט אַוועק אַהיים מודיע זיין וועגן דעם אָנגענומענעם באַשלוס זיין פאַמיליע, וואָס האָט אים געזאָלט באַגלייטן קיין רוים. נאָכ- דעם איז ער אַוועק אין דער ווילע פון זיין ברודער און איז געקומען אַהין אַרום האַלבער נאַכט. די קליינע פאַמיליע האָט נאָך נישט געהאַט געשלאָפן, מחמת זי איז געווען צערודערט פונם טרויעריקן מצב, וואָס האָט געהערשט אין שטאָט. אין קורצע ווערטער האָט ער באַקענט דעם ברודער מיטן באַ-

שלוס פון הויכן ראַט, וואָס מ׳טאָר אים, חלילה, נישט אָפּלייגן אפילו אויף איין איבעריקער רגע. ידידיה און איסמענע האָבן לאַנג נישט געקלערט און האָבן מסכּים געווען תּיכּף אָפּצופּאָרן.

דער באַגינען האָט שוין געטראָפן אונזערע וועגלייט אויפן ים.

קאַפּיטל עלף.

די וואונד, וואָס לאַמפּאָס האָט געמאַכט פון הינטערן רוקן דעם אומגליקלעכן קאַראַבאַסן, איז, צום גליק, געווען נישט קיין געפערלעכע. ער איז אומגעפאַלן און אָנגעוואָרן דעם באַוואוסטזיין בלויז פון שטאַרקער אויפרעגונג: ער האָט דערזען אַפּיונען און זיך געראַנגלט מיט אים. אין דעמדאָזיקן צושטאַנד האָבן אים געפונען צוויי איסיים. זיי האָבן אים דערקענט, האָבן אים פאַרבונדן די וואונד און אַריבערגעטראָגן אים אין חוניוס וואוינונג. חוניו האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, דערזעענדיק דעם פאַרוואונדעטן אידיאָט, אָבער נאָכמער איז ער אויפגערודערט געוואָרן, בשעת מ׳האָט אים דערציילט, אַז קאַראַבאַס האָט באַקומען דידאָזיקע וואונד אין אַ געראַנגל מיט אַפּיונען. וויאַזוי איז עס געשען, אַז דידאָזיקע שטילע אומגליקלעכע באַשעפעניש, וואָס האָט אויף באַליידיקונגען און זלזולים געענטפערט מיט אַ שמייכל, זאָל אַריינטרעטן אין אַ געראַנגל, און דווקא מיט אַפּיונען? וואָס האָט עס אים געקאָנט טאָן אַפּיון? וואָס פאַר אַ באַציאונגען האָבן עס געקאָנט זיין צווישן זיי?... איינמאָל איז שוין קאַראַ-

בּאַס געקומען פון שטאָט אין אַזאַ גייסטיקן צושטאַנד. צי דען איז אויך דעמאָלט אַפּיון געווען דער שולדיקער דערפון?

דריי טעג איז קאַראַבּאַס געלעגן אין אַ פיבּער. די גאַנצע צייט איז חוניו נישט אָפּגעטראָטן פון זיין בּעט, נישט געקוקט דערויף, וואָס פון שוואַכקייט האָט ער אויך נישט געקאָנט זיך האַלטן אויף די פיס. ער האָט געוואָלט דערגיין די זאַך און האָט נאָכגעשפּירט יעדן קרעכץ פונם פאַרוואונדעטן, אויפגעכאַפּט איטלעך וואָרט פון חולה, וואָס האָט גערעדט פון היץ. אָבּער וואָס האָבּן אים געקאָנט דערקלערן די אָפּגעריסענע ווערטער, וועלכע פלעגן זיך אַרויסרייסן פון קראַנקנס לעפצן: „מאַליך! גזלן! רוצח!” ווער איז געווען דערדאָזיקער מאַליך? חוניו האָט זיך צוגעהערט מיט דער אָנגעשטריינגסטער אויפמערקזאַמקייט. דעם ערשטן מאָל אין לעבּן איז ער אין כּעס געוואָרן אויף דאָריסן, ווען זי האָט זיך באַוויזן אין טיר און האָט געוואָלט אָפּציען זיין אויפמערקזאַמקייט פונם חולהס בּעט. דאָס אָרימע מיידל האָט געליטן אין צווייען: פון איין זייט האָט די קראַנקהייט פון קאַראַבּאַסן זי בּאַאורואיקט, און פון דער אַנדער זייט האָט דער געדאַנק געמאַטערט זי, אַז חוניו וועט פון גרויס שוואַכקייט אָנווערן די לעצטע רעשטן פון זיינע כּוחות. דאָריס האָט געוואָלט אַליין אַרומגיין אַרום דעם קראַנקן, אָבּער חוניו האָט זי אפילו נאָענט נישט צוגעלאָזן צום חולה. אַ טונקעלער פאַרגעפיל האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז קאַראַבּאַס קאָן אין היץ אַנטפּלעקן סודות, וואָס קאָנען זיין געפערלעך פאַר דער רואיקייט פון דאָריס.

אָבּער צום אָוונט פון דריטן טאָג האָט דער פיבּער אָנגעהויבּן בּיסלעכווייז נאָכצולאָזן. דער חולה האָט געעטעמט פרייער און בּאַלד האָט ער רואיק איינגעשלאָפן. חוניו איז אויך אַנטדרעמלט געוואָרן. אַז ער האָט זיך אין עטלעכע שעה אַרום אויפגעכאַפּט, האָט ער צו זיין פריידיקער איבּערראַשונג דערזען קאַראַבּאַסן, זיצנדיק אויפן בּעט.

—וואו בּין איך?—האָט קאַראַבּאַס אָן אויפהער פאַר זיך געמורמלט און זיינע ליפּן האָבּן געציטערט פון שלאַפקייט, דאָ איז זיין

בליק געפאַלן אויף חוניון. ער האָט לאַנג און שאַרף געקוקט אויף אים, זיך אָנשטרייננגענדיק עטוואָס צו דערמאָנען זיך. צום סוף האָט ער זיך אַ קער-אום געטאָן צו חוניון מיט אַ שנעלער פראַגע:

—צי איז ער געשטאָרבן? צי איז ער געשטאָרבן?

חוניו האָט נישט פאַרשטאַנען דעם זין פון דידאָזיקע ווערטער. ער האָט אָבער געזען, אַז דער חולה רעדט איצט נישט פון היץ. דער אידיאָט האָט געמאַכט אַן אייַנדרוק פון אַ מענטשן, צו וועלכן ס'האָט זיך צוריקגעקערט דער פולער באַוואוסטזיין.

—וועגן וועמען פרעגסטו?—האָט זיך חוניו אָפּגערופן צו אים.

—וועגן וועמען איך פרעג?—האָט אַ זאָג געטאָן דער אויפגערודערטער קאַראַבאַס.—וועגן וועמען זשע, אויב נישט וועגן דעם רשע מאַליך? איך האָב אים דערשטיקט! ער איז טויט, טויט, טויט!

—ווער איז עס אַזוינער מאַליך?—האָט חוניו געפרעגט מיט געצוואונגענער רואיקייט. אים איז קלאָר געוועזן, אַז קאַראַבאַס איז איצט ביים פולן זינען. אַזוי בינדלעך האָט ער נאָך קיינמאָל נישט גערעדט, אַזוי קלאָר האָבן קיינמאָל נאָך ביז איצט נישט געקלונגען זיינע ווערטער... ווער איז ער אָבער, אָט דער מאַליך, אויף וועמען קאַראַבאַס וואַרפט אַזוינע מוראדיקע באַשולדיקונגען? צי דען איז מאַליך אוז אפיון—איינע און דיזעלביקע פּערזאָן?

קאַראַבאַס האָט צונויפגענומען זיינע אַלע כּוחות, בכדי צו ענטפערן. ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט מיט איין האַנט פאַר חוניון, וואָס איז געזעסן נעבן אים, און מיט דער אַנדערער פאַרן ראַנד פונם בעט, און פון זיין ברוסט האָבן מיט אַ פּירכטערלעכער שאַרפקייט זיך אַרויסגעריסן דידאָזיקע ווערטער:

—ווער איז אַזוינער מאַליך? אַ גזלן איז ער און אַ מערדער! מיין מוטער האָט ער געהרגעט, מיין שוועסטער האָט ער צום טויט פאַרפייניקט... און די קליינע באַשעפעניש, אָ, אָ, אָ!...

אַ שטראָם טרערן האָט פֿאַרשטיקט זיין קול. ער איז אַנידערגע-פֿאַלן אויפֿן בעט און האָט זיך ביטער צעוויינט.

דערדאָזיקער אויסדרוק פֿון צער האָט שטאַרק געווירקט אויף חוניון. דעם ערשטן מאָל האָט ער געזען קאַראַבאַסן וויינענדיק. טיף אויפֿגערודערט, האָט חוניו פֿונדעסטוועגן זיך געהאַלטן פֿעסט, האָט באַרואיקט דעם חולה, און יענער איז באַלד ווידער איינ-געשלאָפֿן.

ס'האָט שוין אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, ווען קאַראַבאַס האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אַ צווייטן מאָל. די עטלעכע שעה, וואָס ער האָט געשלאָפֿן, האָבן אים, אַפֿנים, באַרואיקט. מיט אַן אומאויס-דריקלעך אומעטיקן שמייכל האָט ער לאַנג געקוקט אויף חוניון, וואָס האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זיינע ווערטער, און דערנאָך האָט ער געפֿרעגט מיט אַ מידער שטים:

—דו קענסט חנניהן?... דו מוזט אים געוויס קענען... ער איז אָנגעטאָן פּונקט ווי דו און ווי אונזערע שכנים ביי דער אָזע-רע... ער איז אויך אַזוי איידל און מיט אַ ריינעם האַרצן, ווי דו...

ביים נאָמען ח נ נ י ה האָט חוניו אויפֿגעציטערט. צי רעדט קאַראַבאַס וועגן חנניהן, דעם ברודער פֿון דער חבורה? אָבער ווען און וואו האָט ער אים געקאָנט דערקיינען? ווידער אַ נייע רעטעניש! חוניו האָט געברענט פֿונם פֿאַרלאַנג צו באַשיטן מיט פֿראַגן דעם שוואַכן קאַראַבאַסן, אָבער ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס זאָל אים פֿאַרשטאַדטן. אַז ער האָט אים אָבער דערזען ליגנדיק רואיק, האָט ער געזאָגט:

—איך האָב באמת געקענט איינעם חנניה—ער איז מיין פֿריינט געווען. ווער איז אָבער דיין חנניה? ווען האָסטו אים געזען?

—ווען אין האָב אים געזען? מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז נעכטן געווען... איך דערמאָן זיך עס גאַנץ גענוי... אָבער ווי איז מיר! מאַליך האָט אים פֿאַרברענט!

דידאָזיקע לעצטע ווערטער, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַ ווילדן יאוש, האָבן שטאַרק דערשראָקן חוניון. צי האָט

דער חולה גערעדט ביים זינען, אָדער ער האָט ווידער גערעדט פון היץ. זיינע ווערטער האָבן אָבער לחלוטין נישט דערמאָנט קיין היצרייד. צי האָט קאַראַבאַס באמת נישט אָנגערופן דעם נאָמען פונם זעלביקן חנניה, וועמען אויך ער, חוניו, קען? צי דען האָט דערדאָזיקער חנניה נישט געקענט זיין דערזעלביקער, וואָס האָט אַמאָל געבראַכט דאָריסן צו דער מאַראָקאַנישער אָזע-רע? דער זקן האָט איצט אינגאַנצן אָנגעוואָרן די רואיקייט און האָט שנעל געפרעגט, וואו און ווען האָט קאַראַבאַס זיך באַקענט מיט חנניהן?

קאַראַבאַס האָט לאַנג געקלערט, האָט זיך געריבן דעם שטערן, און האָט אַרויסגעשעפּטשעט אומפאַרשטענדלעכע קלאַנגען. צום סוף איז אים נאָך לאַנגע אָנשטריינגונגען געלונגען צו פּאַקן דאָס ריכטיקע וואָרט:

—אין לאַטאָפּאָליס!

—דאָס איז דערזעלביקער!—האָט חוניו אויסגערופן, שטאַרק אויפ-געוודערט.—אויך מיין חנניה איז פון לאַטאָפּאָליס!

באַלד דערויף האָבןביידע לאַנג געשוויגן. קאַראַבאַס האָט פון אָפּגעשוואַכטקייט ווידער צוגעמאַכט די אויגן; אין חוניוס קאָפּ האָבן ווידער געאַרבעט טויזנטער רעיונות! איינס בלויז איז גע-ווען לחלוטין קלאָר: קאַראַבאַס האָט גערעדט נישט פון היץ, כאָטש די ווערטער זיינע זיינען געווען נישט בינדלעך און אָפּ-געריסן. איין חנניה וואָלט געקענט אויפקלערן דעם סוד, אָבער ער איז ווי אין וואַסער אַריין.

אין אַכט טעג אַרום האָט זיך קאַראַבאַס געשטעלט אויף די פיס. דער וואַנזיניקער שמייכל איז פאַרשוואונדן פון זיינע ליפּן. די ווערטער זיינע, וואָס ער האָט נאָך אַלץ שווער אַרויסגערעדט, האָבן שוין געקלונגען פאַרשטענדלעכער; די געדאַנקען זיינע האָבן זיך שוין גוט געבונדן. אמת, ער האָט גערעדט זייער ווייניק און ער איז, אַפּנים, געווען שטענדיק פאַרזונקען אין פאַנטאַזיעס; אָבער דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, האָט שוין גע-האַט אַ זין. בלויז אין איין פרט איז ער פאַרבליבן אַזאַ ווי פריער. דער זכרון האָט שוואַך פונקציאָנירט, און וויפיל חוניו

האָט זיך נישט באַמיט אַרויסצורופן ביי אים נייע זכרונות פונם עבר, איז אַלץ געווען אומזיסט. אַחוץ די שוין געמאַכטע אומקלאָרע רמזים, האָט קאַראַבאַס געקאָנט דערציילן זייער ווייניק, און דאָס אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז חוניו האָט באַלד אויפגעהערט צו מאַכן ווייטערדיקע פּרובן אין דעם פּרט.

דאָס זיצן און אַרומגיין אַרום דעם קראַנקן קאַראַבאַסן האָט זייער שטאַרק געווירקט אויף חוניון. נאָך איידער קאַראַבאַס איז אַנטגילטיק געזונט געוואָרן, איז ער געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט פון צופיל אָנשטרענגונג. שפּעטלאַנג איז ער געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. איצט האָט קאַראַבאַס געמוזט אַרומגיין אַרום חוניון. דאָריס האָט אים אָבער געהאָלפן מיט ענערגיע און התמדה. דאָס אָרימע מיידל האָט שטאַרק געליטן: דאָס, פאַרוואָס זי האָט זיך אַלעמאָל געשראָקן, האָט אָנגעהויבן מקוים צו ווערן. בלויז ווען שאול פלעגט קומען, פלעגט איר געדריקטער צושטאַנד אַלעמאָל לייכטער ווערן, און איר פלעגט זיך דוכטן, אַז דער פאָטער וועט געזונט ווערן.

די לעצטע צייט פלעגט שאול קומען אַלע טאָג צו דער אָזערע אין די פרימאָרגנדיקע שעהן. אָבער איינמאָל איז ער, צו דאָריסעס שרעק, נישט געקומען. ס'איז אַוועק אַ צווייטער טאָג, אַ דריטער, און דער אַזוי געגאַרטער פריינט און געליבטער איז נישט געקומען. דאָס מיידל האָט זיך שטאַרק געפּייניקט פון בענקשאַפט און צער. די דאָזיקע בענקשאַפט האָט זיך אַלץ מער פאַרשטאַרקט פון די פאַטאַלע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט אַרום דער אָזערע און זיינען דערגאַנגען אויך צו דאָריסן. מ'האָט דערציילט, אַז דער אויפשטאַנד אין אַלכּסנדריא דערגרייכט ביז צו אַ שרעקלעכער מדרגה און שטעלט שוין אין סכּנה די יידישע וואוינונגען, וואָס ליגן נישט ווייט פון דער אָזערע; מ'האָט ווייטער דערציילט, אַז מ'האָט שוין כּלומרשט געזען באַדייטנדיקע מחנות פון המון, וואָס האָבן זיך געלאָזן אויפן וועג צו יענער זייט, וואו ס'איז געשטאַנען ידידיהס הויז.

ס'איז אָנגעקומען דער פערטער טאָג,—און שאול איז נאָך אַלץ

נישטאָ! הונדערט מאָל האָט דאָריס אין דעם טאָג געריכן זיך אַוועקצוגיין אויף ידידיהס ווילע; אָבער זי איז געווען צוגעשמידט צום קראַנקנס בעט און האָט זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט.

היינט, ווען דאָריסעס פאַרצווייפלונג האָט, ווייזט אויס, דערגרייכט די העכסטע מדרגה, האָט זיך חוניו געפילט אַ סך בעסער, איידער אין די פאָריקע טעג. דעם גאַנצן טאָג איז ער געווען מונטער און האָט שטענדיק געשמייכלט צו דער טאָכטער, וואָס איז געזעסן נעבן אים, ווי ער וואָלט געפילט דעם שרעקלעכן קומער, וואָס האָט גענאָגט די נשמה פון דעמדאָזיקן אָרעמען קינד.

נאָך האַלבן טאָג איז עוזיה, דער גרייז-גרויער ברודער פון דער חבורה, געקומען מבקר חולה זיין חוניון. חוניו האָט אים אויסגעשטרעקט מיט שמחה ביידע הענט און האָט זיך אָנגעשטריינגט צו ווייזן, אַז ער איז נאָך גענוג שטאַרק און פעסט, כדי צו צעשטרייען די מורא פון זיין דאָריס. אַז דער גאַסט איז אַריין, איז זי אויפגעשטאַנען, בכדי אים אָפּצוטרעטן איר אָרט, און לויט אַ צייכן פונם פאָטער, איז זי אַוועק צו זיך אין צימער. דאָ איז זי געפאַלן אויף די קני און האָט געוואָלט אין אַ תפילה געפינען אַ באַרואיקונג פאַר איר צערודערטן האַרצן. אָבער אירע געדאַנקען האָבן זיך צעפלאָנטערט. ברעכנדיק די הענט, איז זי אויפגעשטאַנען און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איר בעטל. אונטערן קישן האָט עפּעס אַ קלונג געטאָן. דאָריס האָט אויפגעציטערט. דאָס זיינען געווען די שליסלען, וואָס וועלן איר עפענען דעם גאָרטן און דאָס הויז פון ידידיהן. מיט אַ פיבערהאַפטער איילעניש נעמט זי די שליסלען און לויפט אַרויס פון צימער. מיט דער שנעלקייט פון אַ שטורמווינט טראָגט זי זיך איבערן וועג, וואָס פירט צו ידידיהס ווילע. די זון גיסט פלאַמען פייער אויף איר קאָפּ, אָבער זי שפּירט גאָרנישט. עטלעכע מאָל הילכן הינטער איר שטימען, וואָס רופן זי, אָבער זי הערט זיי נישט. ס'האַרץ קלאַפּט פונקט ווי אַ האַמער, דער קאָפּ ברענט, און זי באַמערקט קוים, אַז זי האָט דערגרייכט די וואַנט

פון גאָרטן. ווי אַ בלינדע, טאַפּט זי דאָס טירל, עפנט עס מיט אַ ציטערדיקער האַנט און וואַרפט זיך אַריין אין גאָרטן. צו אירע אויערן דערטראָגט זיך אַ רעש, ענלעך צום גערויש פון די ברעג-כוואַליעס. זי שטעלט זיך אָפּ אויף אַ רגע. קיין ספק נישט—דאָס איז אַ ווידערקול פון מענטשלעכע שטימען, וואָס טראָגן זיך פון דער ווילע. אַ טויטשרעק נעמט זי אַרום, אָט וועט זי אַנידערפאַלן, אָבער זי שטרייכט זיך אָן, און גייט אַוועק מיט אָפּגעשוואַכטע פיס איבער די אַלייען פונם גאָרטן. בכדי צו פאַרקירצן דעם וועג, וואַרפט זי זיך צווישן די ביימער און פאַלט אַריין אין אַ געדיכט וועלדל, אָבער זי שטריינגט-אָן די לעצטע כחות און באַפרייט זיך פון אים. אין געראַנגל מיטן פלאָנטער פון די דערנער לאָזט זי דאָ איבער אַ שטיקל קלייד און אַ טייל פון איר גאָלדיקן צאָפּ. זי פילט נישט, אַז אירע פיס זיינען צעוואונדעט; זי זעט נישט, אַז איר בלוט טרינקט-אָן דאָס גראָז. דער רעש, וואָס זי האָט דערהערט ביים אַריינ-גיין אין גאָרטן, ווערט אַלץ שטאַרקער און פאַרשלינגט אַלע אירע געפילן. זי הערט שוין דייטלעכע געשרייען: „האַקט די ביימער! ציגדט זיי אונטער! דאָס איז—די וועלט פון פילונען!"

באַגאָסן מיט שוויס, צעבלוטיקט, מיט פאַנאַנדערגעלאָזענע האָר און פאַרנעבלטע רעיונות, דערגרייכט דאָריס דאָס הויז. זי זעט—די טיר איז פאַרשלאָסן. אָן באַוואוסטזיין נעמט זי אַרויס דעם שליסל פון די פאַלבן פון איר קלייד און נאָך אומגלויבלעכע אָנשטריינגונגען עפנט זי אויף די טיר, גייט אַריין אין הויז, זוכט אַרום דעם אונטערשטן שטאָק און מיט אַ פאַרשטיקטער, אָפּגעריסענער שטים רופט זי אָן אויפהער שאולס נאָמען. אָבער פאַרשטיקט און אומהיימלעך רופט זיך אָפּ איר אייגענע שטים אין די ליידיקע צימערן. אין דערזעלביקער צייט ווערט דער רעש פאַרן הויז אַלץ שטאַרקער, די קלעפּ פון די העק—אַלץ אָפטער. „זיי מוזן זיין אין אויבערשטן שטאָק,—שעפּטשען אירע בלאַסע ליפּן,—איך וועל גיין צו זיי, זיי ראַטעווען אָדער אינ-איינעם מיט זיי שטאַרבן!"—וואַקלדיק הויבט זי זיך אויף אויף

די טרעפּ. אָבער אָט פאַלט זי אַנידער און שרייט שטיל: „שאול!"

אין אויפן הויף פאַרן הויז קומט פאָר אַ חורבן. איינער נאָכן אַנדערן פאַלן הונדערטיאָריקע ביימער. דער המון ברענט פון ווילדער אויפרעגונג. צווישן אים געפינט זיך אַפּיון, וואָס רייבט זיך צופרידן די הענט, ווייל ער זעט זיך כמעט ביים געווינטשן ציל... ער האָט מוראדיק געליטן אין דער לעצטער צייט. דער טויטשרעק, וואָס קאַראַבאַס האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפן (ער האָט אים, צו זיין שרעק, דערקענט), האָט פאַראַליזירט זיין גוף און זיין נשמה. אַלע שרעקן, וואָס ער האָט געפילט, זינט ער האָט דעם ערשטן מאָל דערזען דאָריסן אין חוניוס וואוינונג, זיינען ווידער אויפגעשטאַנען פאַר זיין צעריסענער נשמה. און פונסניי האָט אין זיינע אויערן אָפּגעקלונגען דער אימהדיקער כאָר, וואָס האָט אים אויפגעשווידערט ביי דער אָזערע.

אַזוי זיינען דורכגעגאַנגען לאַנגע פיינלעכע טעג, לאַנגע נעכט, און די חברים זיינע, איזידאָראָסן און לאַמפּאָסן, איז נישט געלונגען אים צו באַרואיקן. דאַן האָבן די ווירדיקע חברים אויסגענוצט אַזאַ מין מיטל. זיי האָבן אַוועקגעשיקט עטלעכע הונדערט פון די סאַמע ווילדע לייט צו פּילונס ווילע מיט אַ פאַראָרדנונג אונטערצוצינדן זי מיט אַלע אירע איינוואוינער. דאָס האָט געווירקט: אַז זיי האָבן איבערגעגעבן אַפּיונען די ידיעה וועגן דעם באַלדיקן אָנפאַל אויף דער וואוינונג פון זיין דם-שונא, איז ער געוואָרן פריילעך און מונטער. כהרף-עין האָט ער פאַרגעסן אַלע זיינע איבערגעלעבטע שרעקן. אַזוי אומגעריכט וועט דאָך באַלד מקוים ווערן זיין פאַרלאַנג, זיין דם-שונא וועט צונישט ווערן,—און פון פּילונס וואוינונג ביז חוניוס הויז איז מיט אַ האַנט צו דערלאַנגען. דער גלייכצייטיקער אָנפאַל אויף חוניון וועט אים געבן די מעגלעכקייט צו פאַרכאַפּן דאָריסן. פון גרויס שמחה האָט ער געקושט זיינע ביידע פריינט, און זיי זיינען אַוועק צו ידידיהס ווילע, וואו זיי האָבן שוין געפונען אַ באַדייטנדיקן המון אונטערצינדער און רוצחים.

צום גליק, זיינען זיי איינגאַנצן אומבאַקאַנט געווען מיטן אָרט

און האָבן זיך לאַנג נישט געקאָנט אָריענטירן. זיי זיינען גע־קומען דורכן וועג, וואָס האָט געפירט פון אלכסנדריא, און בלויז נאָך לאַנגע זוכענישן האָבן זיי אַנטדעקט די ווילע, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטן וועלדל. דער גאָרטן, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אין דער ריכטונג צו דער אָזערע, איז געבליבן פאַרבאָרגן פון זייערע בליקן. לאַמפּאָס איז דער ערשטער אַרויסגעשפּרונגען פון די רייען פון זיין אַרמיי און האָט באַפוילן מיטן טאָן פון אַ קאָמאַנדיר: „האַקט די ביימער!”

דער המון האָט זיך, ווי משוגע, געוואָרפן אויפן וועלדל און ס'איז נישט אַוועק קיין שעה, ווי דער געדיכטער גאָרטן איז שיטער געוואָרן. הונדערטעריאָריקע ריזן זיינען געלעגן אויף דער ערד, און איבער זיי האָט זיך אַרויסגעזען דאָס אומבאַשיצטע הויז.

—וואַרפט אַריין פייער אינעם וועלדל!—האָט מען געלאַרעמט פון אַלע זייטן, און מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ האָט מען געבראַכט טרוקענע דאַרע צווייגן, אונטערגעלייגט אונטער די אָפּגעהאַקטע ביימער און אָנגעצונדן.

אַפּיון טריאומפירט. ער קוקט אָנגעשטויינגט אויף די פענסטער, אין דער האָפנונג אין איינעם פון זיי צו דערזען פילונען. ער וויל זיך לאָבן מיט זיין יאוש, ער וויל, אַז פילון זאָל אים אויך זען. זאָל ער שטאַרבנדיק וויסן, ווער עס האָט אים צוגעגרייט דעמדאָזיקן מאוימדיקן אונטערגאַנג!—אַהאַ,—ווי עס זידט דאָרטן, פּלאַצט און קנאַקט! צום סוף וועלן דידאָזיקע גאוהדיקע יידן מוזן אַרויסגיין פון זייער מקום-מקלט! גאַנצע וואָלקנס רויך הויבן זיך שוין אויף איבער די ווענט—און ס'איז נאָך קיין שום שפּור נישטאָ פון אַ לעבעדיקן וועזן. צי דען איז דאָס גאַנצע הויז אויסגעשטאָרבן?...

פּלוצלונג עפנט זיך מיט אימפּעט אין אויבערשטן עטאַזש אַ פענסטער. דער המון לאָזט אַרויס אַ שטורמדיקן געשריי פון ווילדער פרייד. אַפּיון באַהעפט זיך אויך צו אים. אָבער—ביים אויפגעעפענטן פענסטער האָט זיך באַוויזן דאָריס,—און דער המון

איז ווי געלעמט געוואָרן. ס'אומגליקלעכע מיידל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָנמאַכט, האָט זי מיט שרעק דערהערט דעם געברום פונעם המון, דעם געקרעכץ פון פאַלנדיקעביימער, דעם ביי־זבאַשערטן רעש פונעם פייער און אַן אימהדיק פאָרגעפיל האָט זיך דורכגעשלייכט אין איר פאַרנעפּלטן מוח. זי איז פייל פון בויגן צו צום פענסטער,—און אָט שטייט זי דאָ, אינגאַנצן אַ פאַרשטיינערטע. איר געזיכט איז בלייך, די ציין זיינען קאָנ־וואולסיוו צענויפגעדריקט, און אין די ווילדע לויפנדיקע אויגן זעט זיך וואַנזין...

ביי דערדאָזיקער אומדערוואַרטער דערשיינונג האָט אַן אימה צענויפגעשמידט די אברים פון אַפּיונען. מיט ברייט פאַנאַנדער־געעפנטע אויגן קוקט ער עטלעכע סעקונדן אויפן שוידערלעכן געשפּענסט—און וואַרפט זיך באַלד צום צעבושעוועטן המון מיט אַ הייזעריקן געשריי:

—ראַטעוועט, ראַטעוועט זי! זי איז אַ גריכין! ראַטעוועט זי!

אָבער אַלע געשרייען זיינען ארויסגעוואָרפן. קיינער וויל נישט ריזיקירן מיט זיין לעבן...

דאָריס האָט זיך פון פענסטער געטאָן אַ וואַקל אויף צוריק, אָבער אין אַ רגע אַרום באַווייזט זי זיך ווידער ביים פענסטער מיט אויסגעשטרעקטע הענט, כאַפּט זיך פאַרן ראַנד פון פענסטער אָן, ווי זי וואָלט זיך ווערן קעגן אַן אומגעזעענער קראַפט, וואָס שלעפּט זי אויף צוריק. באַלד האָט זי זיך נאָך אַמאָל געטאָן אַ וואַקל און אַ פאַל אויף הינטער און פאַרשווינדט: זי זעט זיך מער שוין נישט... אין אָפענעם פענסטער רייסט זיך באַלד אַריין אַ שטיקנדיק־געדיכטער רויך, און נאָך אים פייערדיקע צונגען...

—זי איז פאַרברענט געוואָרן!—האָט אַרויסגעברומט אַפּיון, ברעכנ־דיק די הענט, און איז אַוועקגעלאָפן.

קאַפּיטל צוועלף

קאַראַבאַס איז פאַרבליבן ביים בעט פון זיין באַשיצער, בעת דאָריס האָט פאַרלאָזט דעם חולה ביים אָנקום פונם איטי ע ו ז י ה ו. ער האָט אָנגעהויבן ווערן אומרואיק, וואָס דאָריס איז אַזוי לאַנג נישטאָ אין צימער. ער האָט אויסגענוצט דעם פאַל, וואָס ביידע זקנים האָבן זיך אַריינגעצויגן אין אַ טיפן שמועס, און איז אומבאַמערקט אַרויס פון צימער. אָבער ווי דערשראָקן האָט ער זיך, ווען ער האָט דאָריסן נישט געפונען נישט אין איר צימערל, נישט אין דער גאַנצער סביבה פונם הויז! אין גרויס צערודערונג האָט ער זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן, אָן אויפהער רופנדיק איר נאָמען. אין דער צייט איז אויף זיינע קולות געקומען אַן אַלטע פרוי, וואָס האָט געאַרבעט אין די שכנותדיקע ווייגגערטנער. זי האָט אים דערציילט, אַז זי האָט דאָ נישט לאַנג געזען דאָס מיידל לויפנדיק מיטן שטעגעלע צו ידידיהס הויז. קאַראַבאַס האָט מער נישט אויסגערעדט קיין וואָרט און האָט זיך מיט אימפעט אַ לאָז געטאָן אַהין. באַלד האָט ער דערגרייכט די וואַנט פון גאָרטן און די טיר פון צוים,

וואָס איז געוויינלעך פאַרשפאַרט געווען, האָט ער געפונען אָפן. קיין ספק נישט: דאָריס איז דורכגעגאַנגען דורך דערדאָזיקער טיר. דער ווילדער געברום, וואָס ער האָט דערהערט בײַם אַריינגאַנג אינם גאָרטן, האָט פאַרגיכערט זיינע טריט, און ער איז ווי אָן אַן אָטעם אַרויף אויפן אויבערשטן שטאָק כמעט אין דערזעלביקער רגע, ווען דאָריס האָט נאָכן אויפכאַפן זיך פון אָנמאַכט זיך אַלאָז געטאָן צום פענסטער. ער האָט זיך אויף אַן אויגנבליק אָפגעשטעלט אָפצוכאַפן דעם אָטעם, דערנאָך האָט ער זיך שטיל אונטערגעגנבעט צום פענסטער, האָט פון הינטן אַ כאַפ געטאָן דאָס מיידל און מיט גרויסע אָנשטריינגונגען זי אָפגעשלעפט צו די טרעפ. אָבער דאָריס האָט זיך נישט אומגעקערט און נישט אַ קוק געטאָן אויף איר רעטער, האָט זיך שטאַרק אַ ריס געטאָן פון אים און פונסניי געוואָרפן זיך צום פענסטער. דערזעענדיק די טויטגעפאַר פון זיין ליבער דאָריס, האָט קאַראַבאַס מיט אַמאָל באַקומען איבערמענטשלעכע כוחות, האָט מיט איין שפרונג זי אָנגעיאָגט, זי אָנגעכאַפט און אַרויסגעטראָגן בליץ־שנעל אין גאָרטן. אָבער אויך דאָ זיינען זיי נאָך נישט געווען געראַטעוועט: דער ווינט האָט צו זייער זייט געטריבן דעם ברענענדיקן רויך. ווי אויסגעצערט און פאַרמאַטערט קאַראַבאַס איז נישט געווען, האָט ער געמוזט מיט זיין גאַנצער משא פליען אַלץ ווייטער און ווייטער, אויב ער האָט נישט געוואָלט צוזאַמען מיט איר ווערן אַ קרבן פונם פלאַם. בלויז הונדערט טריט פונם ברענענדיקן הויז איז ער, אויף טויט אַן אויסגעמאַטערטער, אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד, נישט אַרויסלאָזנדיק פון דעסטוועגן פון זיינע הענט די כמעט נישט עטעמדיקע דאָריס. זיי האָבן אויסגעמידן די דירעקטע סכנה, אָבער דאָס פייער האָט געמאַכט מאוימדיקע פאָרשריט און האָט שוין אַרומגעכאַפט די ביימער פונם גאָרטן. קאַראַבאַס איז געלעגן אין אַ טעמפן יאוש. אַלע זיינע אָנשטריינגונגען אויפצוהויבן זיך זיינען געווען אַרויסגעוואָרפן: די כוחות האָבן זיך אָפגעזאָגט אים צו דינען. אָבער דאָ האָט ער פון דער נאָנט דערהערט שטימען, וואָס האָבן, דוכט, געטראָגן זיך פון הינטערן גאָרטן. ער

האָט אָנגעהויבן צוצוהערן זיך, פֿאַרגליווערט צווישן שרעק און האָפֿנונג. דורך די אברים זײַנע איז דורך אַ פֿרײדיקער ציטער: ער האָט דערזען אַ מחנה איסיים, וואָס האָבן זיך דערנענטערט מיט שנעלע טריט. זיי האָבן פֿון זייערע וואוינונגען באַמערקט אַן אומגעהויערן פֿלאַם איבער ידידיהס הויז און זײַנען אײַלנדיק אַוועק אַהין. ווי דערשראָקן האָבן זיי זיך, דערזעענדיק קאַראַבאַסן און דאָריסן ליגנדיק אויף דער ערד אין אַזאַ לאַגע! זיי האָבן באַשאָטן מיט פֿראַגן קאַראַבאַסן, וואָס האָט געקוקט אויף זיי מיט האַלב אָפֿענע אויגן, אָבער זײַנע קאָנוואולסיוו־ציטערדיקע ליפּן האָבן נישט אַרויסגעבראַכט קיין איינציקן קלאַנג. דאַן האָבן זיי אויפֿגעהויבן בײדע אומגליקלעכע, אַרויסגעטראָגן זיי פֿון גאָרטן און אַרײַנגעבראַכט אין איינעם פֿון די נאָענטסטע הײַזלעך פֿון די איסיים. זיי איז באַלד געלונגען צו קרעפֿטיקן קאַראַבאַסן, אַזוי אַז ער האָט פֿון דאָסניי באַקומען די פֿעאיקייט צו רײדן. נישט אַזוי לײַכט איז עס אָבער צוגעגאַנגען מיט דאָריסן. איר חלשות האָט געדויערט לאַנג. צום סוף האָט זי זיך אויך אויפֿגעכאַפּט. די אויגן אירע זײַנען געווען אָפֿן, אָבער אַזוי ווי פֿאַרצויגן מיט אַ הייטל. זי האָט נישט דערקענט קיינעם פֿון די אַרומיקע, אַפֿילו קאַראַבאַסן, וואָס איז געשטאַנען נעבן איר אויף די קני און האָט דאָ געלאַכט און דאָ געוויינט. פֿון צײַט צו צײַט האָבן אירע ליפּן אַרויסגעמורמלט שטיל: „פֿאַרברענט געוואָרן! פֿאַרברענט געוואָרן!" אָבער איר גאַנץ וועזן האָט קיין שום אויפֿרעגונג נישט אַרויסגעוויזן. אַלע געפֿילן, האָט זיך געדוכט, זײַנען געווען אָפּגעשטאָרבן אין איר. די איבערגעלעבטע שרעקן און די זיכערקייט, אַז שאול און זײַנע עלטערן זײַנען פֿאַרברענט געוואָרן, האָבן פֿאַרטונקלט דעם שכל פֿונם אומגליקלעכן מיידל.

אין דערזעלביקער צײַט זײַנען בײַם פּראָקוראַטאָר פֿאָרגעקומען שטורמדיקע סצענעס. זײַנע שפּיאָנעס האָט היינט סוף כּל סוף געגליקט: זיי האָבן זיך דערוואוסט, וואָס עס איז געוואָרן מיטן אַלאַבאַרך, וואָס האָט זיך שוין עטלעכע טעג אין ערגעץ נישט באַוויזן. איינער פֿונם אַלאַבאַרכס דינער איז אַרײַנגעפֿאַלן צו

זיי אין די הענט, און זיי האָבן אים געפייניקט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיך מודה געווען, אַז זיין באַלעבאָס איז צוזאַמען מיט פילונען ביינאַכט אַוועקגעפאָרן קיין רוים. ביי דערדאָזיקער אומגערעכטער ידיעה האָט זיך פלאַקוס אָנגעצונדן. „זיי וועלן מיך אומברענגען,—האָט ער אַ קריץ געטאָן מיט די ציין,—אָבער איך וועל זיי מקדים זיין!"—אין דערדאָזיקער רגע איז אַריין אַ צענטוריאָן און האָט איבערגעגעבן, אַז עטלעכע הונדערט מורדים זיינען אַוועק צו פילונס ווילע, צו מאַכן אַן אָנפאַל אויף איר און פאַרברענען זי אויף אַש, און אַנדערע גרייטן זיך פון דאָס־ניי אָנצופאַלן אויף דער דעלטאַ...

—גיי און הייס אַריינשטעלן דעם קיסרס בילדער אין אַלע בתי־כנסיות פון דעמדאָזיקן פאָלק, און פאַרטיליקט אַלץ, וואָס וועט זיך אייך שטעלן אין וועג!—האָט פלאַקוס באַפוילן.

ווי נאָר דער שרעקלעכער באַפעל איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן, האָט דער צענטוריאָן, אַ בונד־חבר פון אַפיונען, געאיילט אים אויסצופירן. פלאַקוס איז פאַרבליבן אַליין אין צימער. ער איז געקומען צו זיך און זיך פאַרקלערט וועגן די רעזולטאַטן פונם באַפעל, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן אין דער רגע פון דער ער־שטער אויפרעגונג. אַ לייכטער ציטער איז איבער זיין גאַנצן לייב אַדורך, און ער האָט, ווי אויפגעוואַכט פון אַ בייזן חלום, דורכגעפירט מיט דער האַנט איבערן שטערן, וואָס איז באַדעקט מיט אַ שווייס.

אַפיון האָט איבערגעריסן זיינע רעיונות. דער גראַמאַטיקער איז אַריינגעלאָפן אָן אַן אָטעם און האָט זיך צעשריען ווי אַ משוגע־נער:

—מיין טאָכטער איז פאַרברענט געוואָרן! זי איז פאַרברענט גע־וואָרן אין פילונס הויז!

פלאַקוס האָט תחילת געמיינט, אַז אַפיון איז פון זינען אַראָפּ. אָבער אַז אַפיון האָט זיך ביסלעכווייז באַרואיקט און האָט אָפּ־געשילדערט די מאויםדיקע שריפה, וואו זיין טאָכטער, וואָס איז, קענטיק, געווען געפאַנגען אין פילונס הויז, איז געוואָרן אַ קרבן פונם פייער

—אמת,—האָט פאַרענדיקט אַפּיון,—דינעמזועלביקן גורל האָבן גע־האַט אויך מיינע דם־שונאים, פילון און דער רויבער פונם מיידל, שאול.

—טיפש !—האָט אויסגעשריען פלאַקוס,—פילון און שאול לעבן,ביידע לעבן זיי, צו אונזער אומגליק.

—דו מאַכסט חוזק!—האָט זיך אַפּיון צעקאָכט מיט שוים אויף די ליפּן.—דו מאַכסט חוזק, איידעלער פלאַקוס. איך ווייס, אַז פּי־לון און זיין פאַמיליע זיינען אומגעקומען אין פייער.

—און איך חזר דיר איבער,—האָט דער פּראָקוראַטאָר געשריען,— אַז זיי לעבן אַלע, אַלע ! מ׳האָט מיר נאָר־וואָס איבערגעגעבן פון דעם זיכערסטן מקור, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק זיינען זיי אַוועקגעפאָרן קיין רוים, כדי מיך אָנצוקלאָגן פאַרן קיסר און זיך דערשלאָגן, מ׳זאָל מיך אַראָפּזעצן !

דידאָזיקע ווערטער פונם פּראָקוראַטאָר האָבן ווי אַ דונער דער־שלאָגן אַפּיונען. עטלעכע מינוט איז ער געשטאַנען אַ פאַרטויב־טער, ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער, דערנאָך האָט ער מיט גרויס מי אַרויסגעזאָגט:

—בכן זיינען פילון און שאול געבליבן לעבן און מיין אומגליק־לעכע טאָכטער איז פאַרברענט געוואָרן ? !

—יאָ, אַזוי איז עס,—האָט דער פּראָקוראַטאָר געענטפערט קריצנ־דיק מיט די ציין.

—נקמה, פלאַקוס !—האָט אַפּיון געשריען אויסער זיך פון רשעות און גרימצאָרן.—איך בין דאָרשטיק נאָך יקמה, נאָך אַ בלוטיקער נקמה, אָדער איך וועל מאַכן פון אלכסנדריא אַ שייטערהויפן !

—לאָז אָפּ מיט דיין באַרימעריי, זי קלינגט איצט שלעכט !—האָט פלאַקוס באַמערקט.—און וואָס איז שייך צו נקמה, איז עס מיין זאַך. די יידן ווילן מלחמה,—זאָג איך זיך פון איר נישט אָפּ. איך האָב זי שוין אַפילו אָנגעהויבן: זיי ווייסן, אַז איך האָב אָקאָרשט אָפּגעגעבן אַ באַפעל אַריינצושטעלן קאַליגולעס בילדער אין אלע יידישע סינאַגאָגעס—און דו ווייסט, וואָס דאָס דאַרף באַטייטן.

-דו האָסט עס געטאָן?—האָט אַפּיון געפרעגט אַ דערפרייטער.

—יאָ, דאָס און נאָכמער. איך האָב באַשלאָסן אַרויסצושיקן חייל, מחמת דער ווידערשטאַנד פון די יידן וועט געוויס זיין אַ פאַר־עקשנטער. דו פאַרשטייסט איצט דעם גורל פון די אַלכסנדריער יידעלעך...

—אָ, געטלעכער פלאַקוס!—האָט אַפּיון טריאומפירט.—געטלעכער פלאַקוס! נו, איצט איז אַלץ ווידער גוט!—און מיט דידאַזיקע ווערטער איז ער תיכף ומיד אַוועק פון פּאַלאַץ.

דער קאַמף קעגן די יידן פון אַלכסנדריא איז דערגאַנגען צו אַ שרעקלעכער מדרגה. קודם־כל האָט ער זיך קאָנצענטרירט אַרום די בתי־כנסיות, וואו מ׳האָט געזאָלט אַוועקשטעלן די קייזערלע־כע סטאַטועס. אָבער די יידן האָבן פאַרטיידיקט זייערע הייליק־טימער מיט מסירת־נפשדיקער גבורה ווי די לייבן און האָבן נישט איינמאָל אָפּגעשלאָגן די שטאַרקסטע אָנפאַלן! זיי האָבן נישט אָפּגעטראָטן אַפילו דעמאָלט, ווען פלאַקוס האָט אַרויסגע־שיקט קעגן זיי חיילות. ערשט, ווען מ׳האָט נאָך אַ לאַנגער נישט געלונגענער באַלאַגערונג, פאַרברענט די בתי־כנסיות, האָבן די יידן אָנגעהויבן פאַמעלעך אָפּצוטרעטן און האָבן איבערגעלאָזט פאַר זייערע שונאים דעם שלאַכטפּלאַץ, וואָס איז געווען באַ־דעקט מיט ברענענדיקע חורבות.

אונטער דער צייט האָט זיך איבער אַלכסנדריא פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער פּראָקוראַטאָר האָט כלומרשט, לויט אַ באַפעל פון מלך, געמאָלדן, אַז די יידן האָבן פאַרלאָרן אַלע רעכט. האָט זיך צעפלאַקערט אַ געראַנגל אויף אַלע גאַסן און שייד־וועגן פון אַלכסנדריא. אין איין טאָג זיינען אַלע יידן אַרויס־געשטויסן געוואָרן פון אַלע פיר טיילן פון דער שטאָט און זיינען פאַרשפּאַרט געוואָרן אינם קוואַרטאַל פון דער דעלטאַ, וואו זיי האָבן זיך געראַטעוועט דורך דער אַנטרונונג פון זייערע איינגעזעסענע וואוינערטער...

אין משך פון פיר וואָכן האָבן די יידן, צונויפגעפּרעסט אינם קוואַרטאַל פון דער דעלטאַ, איבערגעטראָגן שרעקלעכע יסורים.

זיי זיינען אומגעקומען פון הונגער און פון דאָרשט, פון נויט און פיין און יעדער פון זיי האָט געוואַרט אויף זיין ביטערן סוף.

אין דידאָזיקע שרעקלעכע פיר וואָכן איז דער בליענדיקער וואוילשטאַנד פון אַלכסנדריא צונישט געוואָרן.

קאַפּיטל דרייצן.

אײנמאָל אין אַן אָוונט, האָבן אַפּיון, איסידאָראָס און לאַמ־פּאָס זיך געֿעצהט מיט פלאַקוסן אין זיין וואוינונג וועגן די געשעעניש אין אַלכסנדריא. די גאַסן און די פּלעצער פונם פּראָקוראַטאָר זיינען פול געווען פון די צעבושעוועטע מחנות. אינם המון האָט עס געדונערט פון ווילדע געשרייען און אויס־רופן: ער האָט געפאָדערט אַלץ מער און מער קרבנות. אין דערזועלביקער צייט איז אָבער עפּעס אומדערוואַרטס געשען. אַן אָפּטיילונג סאָלדאַטן איז מיט געמאָסטענע טריט געגאַנגען אַלץ נענטער צום פּראָקוראַטאָרס פּאַלאַץ און באַלד האָט זיך דערהערט אַ קאָמאַנדע: „פאַרנעמען אַלע אַריינגאַנגען!" אין עט־לעכע מינוט אַרום האָט זיך אין די טירן באַוויזן אַ הויכער אָפּי־ציר אין אַ פּרעכטיקער באַוואָפענונג אין דער באַגלייטונג פון עטלעכע סאָלדאַטן. קוים האָט פלאַקוס אים באַמערקט, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים מיט געשרייען פון פרייד און התפּעלות:

—טויזנט מאָל באַגריס איך דיך, איידעלער באַסוס! דיך האָבן געשיקט צו מיר די גוטע געטער.

—איך וואָלט געוואָלט, דו זאָלסט זאָגן דעם אמת,—האָט באַסוס שטיל באַמערקט און זיך אַרויסגעגליטשט פון די אָרעמס פון זיין קינדהייטס־חבר,—אָבער, ווי מיר דוכט זיך, האָלט עס שלעכט הן מיט דיר, הן מיט אַלכסנדריא. אָ, פלאַקוס.—האָט ער משיק געווען מיט אַ טאָן פון פאָרוואורף,—ווי האָסטו דאָ גערעגענדעוועט! ס'איז נאָך קיין שעה נישטאָ זינט איך בין אין אַלכסנדריא, און וואָס פאַר אַ מאוימדיקן חורבן איך האָב דאָ געפונען! פון דער דעלטאַ, וואָס איז נאָך גאָר נישט לאַנג געווען דער פערל פונם מזרח, איז אַ תל געוואָרן. די פּאָלקסמאַסן זיינען שוידער־לעך גראָב און עכזריותדיק געוואָרן, די תפיסות זיינען אָפן און אויף די גאַסן געוועלטיקט בלויז רציחה און טויט. יאָ, פלאַ־קוס, דער ענין איז אַזוי ווייט אַוועק, אַז איך, דער שליח פונם מלך, האָב געמוזט זיך דורכלייגן אַ וועג פון האַפן ביז אַהער מיטן שווערד אין דער האַנט...

—פאַרגעס דאָס, וואָס דו האָסט געזען,—האָט זיך פלאַקוס גע־בעטן רחמים,—און העלף מיר צוריקצושטעלן די געשטערטע אָרדנונג. איך וועל זיך דאַן באַמיען אַלץ צו פאַריכטן.

—צו שפּעט!—האָט מיט האַרץ געענטפערט באַסוס.—אַט לייען דעם באַפעל פון מלך וועגן דיר און משפט אַליין, אויף ווי־פיל ס'האָבן פאַרשפּעטיקט די גוטע כוונות דיינע.

פלאַקוס האָט גענומען מיט אַ ציטערדיקער האַנט דעם דערלאַנגטן כתב, אין וועלכן עס איז אָנגעוויזן געוואָרן פלאַקוסעס דעמי־סיע און אַ באַפעל אַוועקצעשיקן אים תיכף ומיד קיין רוים צום משפט און באַשטימט באַסוסן פאַרן פּראָקוראַטאָר פון אַלכסנדריא. דורכלייענענדיק דידאָזיקע שורות, איז ער אַנידערגעפאַלן אויפן שטול און האָט געקרעכצט:—איך בין פאַרלאָרן! איך בין פאַר־לאָרן!

—דו ווייסט שוין איצט דיין גורל,—האָט באַסוס אָנגעהויבן נאָך אַ קורצער פּויזע,—און דו מוזט אים אָנעמען פאַר גוט. טראָג אים איבער מיט ווירדע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ רוימער... אויף

מיר אָבער בייזער זיך נישט, אויב איך מוז דערפילן מיין חוב און אומגעזאַמט דיך אָפּשיקן קיין רוים, בהסכּם מיטן שטרייגגן באַפעל, וואָס איך האָב באַקומען.

נאָך אַ קורצן, אָבער שווערן אינעווייניקסטן געראַנגל האָט זיך פלאַקוס ווידער אויפגעהויבן, איז גאַנץ רואיק ווידער צוגעגאַנ־גען נאָענט צו באַסוסן און האָט געזאָגט:

—גוט, איך גיב זיך אונטער דעם אומפאַרמיידלעכן גזר־דין, אָבער גיב מיר צו וויסן, ווער איז דער שולדיקער פון מיין אומגליק. אמת, איך ווייס, אַז קאַליגולאַ האָט מיך שוין לאַנג פיינט גע־האַט,—ער האָט דערויף געהאַט אַ גוטן גרונט,—אָבער מיר האָט זיך געדוכט, אַז מיט זיין אַרויפגיין אויפן טראָן איז דידאָזיקע שנאה אָפּגעווישט געוואָרן. ווער זשע האָט זי ווידער אָנגעצונדן?

—ווער־זשע אַן אַנדערער,—האָט באַסוס געענטפערט,—אויב נישט אַגריפּס, דער ליבלינג פונם מלך, דער איצטיקער קעניג פון יהודה? ער האָט, משמעות, פאַר דער קורצער צייט פון זיין פאַרברייינגען אין אַלכּסנדריא, אויף דיינע אויגן געהאַט אויס־צושטיין שווערע באַליידיקונגען און האָט דערפאַר אָוועקגעשיקט צום מלך אַ שאַרפן ראַפּאָרט הן וועגן דעם, הן וועגן דיין פאַר־וואַלטן מיט דער שטאָט...

—אויב אַזוי, בין איך פאַרלאָרן אָן אַ האָפנונג!—האָט פלאַקוס געשעפטשעט אין פאַרצווייפלונג.

אַפּיון האָט נאָכגעשפּירט דידאָזיקע סצענע מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. אַז ער האָט דערזען פלאַקוסעס מפּלה און דעם אויפגאַנג פון אַ נייעם שטערן אויפן האָריזאָנט פון אַלכּסנדריא, האָט ער זיך אויפגעהויבן שנעל און זיכער, האָט זיך מיט אַ טיפע כּאַרנייגונג דערנענטערט צו באַסוסן, זיך פאָרגעשטעלט פאַר אים, ווי אַן אַלטער באַקאַנטער פון רוים, און באַגריסט זיין באַשטימונג.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו זיין קרבן, דעם אַראָפּגע־זעצטן פּראָקוראַטאָר, און האָט אָנגעהויבן מיט אַ זיטנלערעריש־טאָן:

—דיין פלוצלינגע מפּלה, איידעלער פלאַקוס, טוט מיר זייער לייד, שטאַרק לייד, נישט אַרויסצוזאָגן. אָבער אויב איך באַוויין זי ווי אַ פריינט, באַגריס איך זי אָבער, ווי אַ פּאַטריאָט און ווי אַ מענטש פון שלום און פון אָרדענונג. דעריבער בייג איך זיך מיט טיפער הכנעה פאַר דער נישט־אויסגעשעפּטער חכמה פון אונזער גרויסן מלך און פאַרן איידעלען באַסוס, וואָס איז זיין אויסדערוויילטער...

דעם רושם, וואָס דידאָזיקע ווערטער פונם בוגד אַפּיין האָבן געמאַכט אויף פלאַקוסן, איז אוממעגלעך צו באַשרייבן. עטלעכע אויגנבליקן איז ער געשטאַנען, ווי דערשלאָגן פון אַ דונער, דערנאָך האָט ער, אין ווילדער פאַרצווייפלונג, זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן, האָט אָנגעהויבן לויפן איבערן צימער און איז נישט געווען ביכולת אַרויסצוברענגען קיין איינציק וואָרט. פלוצלונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט קעגן אַפּיונען מיט קאָנוואולסיווצעגויפגעדריקטע פויסטן און מיט אַן אויסגעקרימט געזיכט. דער גראַמאַטיקער האָט זיך אָבער נישט פאַרלאָרן און האָט ווייטער גערעדט:

—אָ, פלאַקוס, מיין אומגליקלעכער פריינט! אויב דו וואָלסט געפאָלגט מיין עצה, וואָלט געווען אַ סך בעסער פאַר דיר און פאַר אונזער געליבטער אַלכסנדריא! גיב אַ קוק, אויך איך ראַנגל מיך אין משך פון לאַנגע יאָרן קעגן די יידן, אָבער איך האָב אַלע מאָל געקעמפט אין די גרענעצן פון געזעץ. און דו, ווי האָסטו זיך באַגאַנגען? צוליב נאַרישן פוסטן כבוד און ווילדער נקמה האָסטו אויפגעוועקט אינם פינסטערן המון די ווילדסטע חושים, וואָס דו ביזט זיי איצט נישט ביכולת צו דערשטיקן... אָט פאַרוואָס דיין מפּלה פאַרשאַפט מיר אַ באַפרידיקונג, כאָטש ווי אַ פריינט טוט מיר לייד דיין גורל...

ווען באַסוס וואָלט זיך נישט אַ וואָרף געטאָן צווישן פלאַקוסן און אַפּיונען, וואָלט אַפּיון געכאַפּט אַ ביטערן אָפּשניט, מחמת די אויפרעגונג פונם פראָקוראַטאָר איז געשטיגן ביז צו דער מדרגה פון ווילדער משוגעת און ער האָט עטלעכע מאָל געוואָלט זיך וואַרפן אויף אים. אַ דאַנק די ענערגישע בקשות פון

באַסוסן און די באַמיאונגען פון די סאָלדאַטן, וואָס זיינען גע־קומען צו לויפן, האָט מען אים געקענט אָוועקפירן. אויף די טרעפּ האָט באַסוס באַרואיקט זיין אומגליקלעכן פרייגט, האָט אים אַרומגענומען און זיך צוזעגנט מיט אים.—פלאַקוס איז דער־ווייל צו זיך געקומען און האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיין אויפ־רעגונג. ער האָט געפּרובט אָנהויבן ריידן, אָבער ער האָט בלויז געשטאַמלט. צום סוף האָט ער דאָך אַרויסגעזאָגט מיט גרויס אָנשטריינגונג:

—היט זיך פאַר דעמדאָזיקן שד אין דער פילאָזאָפישער מאַנטיע—ער איז געווען מיין מלאך מחבל! אָ, חוניו, חוניו,—האָט ער ווייטער געריעדט מיט אַ פאַרשטיקטער שטים, פאַרדעקנדיק דעם פנים מיט די הענט,—דו ביזט גערעכט געווען! דיין נבואה האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ טרויעריקער ווירקלעכקייט!

אויף מאָרגן האָט גאַנץ אַלכּסנדריא זיך דערוואוסט, אַז זי האָט אַ נייעם פּראָקוראַטאָר, וואָס שטרעבט מיט דער גאַנצער שטרייננג־קייט אויפצושטעלן די אָרדענונג. אין איין כהרף־עין איז איינ־געשטעלט געוואָרן די אָרדענונג אין דער גאַנצער שטאָט.

אָבער ווער איז עס בּיכולת אָפּצושילדערן די פרייד פון הונ־דערטער טויזנטער יידן פונם דעלטאַ־קוואַרטאַל, וואָס זיינען אַזוי אומגעריכט ניצול געוואָרן פון זיכערן טויט! די האָבן באַקומען די ידיעה וועגן דער פלעצלעכער באַפרייאונג פונקט אינם פרי־מאָרגן פון ערשטן טאָג סוכות. דער יום־טוב פון פרייד איז געוואָרן דער יום־טוב פון באַפרייאונג. מ׳האָט אים געפייערט, ווי קיינמאָל ניט ביז דעמאָלט!

אין דערזעלביקער צייט, ווען מ׳האָט פלאַקוסן געבראַכט אונ־טער אַ שמירה צום האַפן, בכדי אים אָוועקצושיקן אויף אַ שיף קיין רוים, איז אַ וואַנדערער, איינגעהילט אין אַ פילאָזאָפישער טאָגע, געגאַנגען שנעל צו דער מאַרעאָטישער אָזערע. אַז ער איז צוגעקומען צום אָרט, וואו ס׳איז נאָך מיט עטלעכע טעג

-וריק געשטאַנען דאָס הויז פון ידידיה אַלכּסנדרוני, וואָס איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בערגל מיסט, האָט זיך דער־דאָזיקער מענטש, אַ פעסטגעבויטער און מיט אַ לאַנגער באָרד, אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און גענומען קרעכצן.
פאַרזונקען אין טיפע רעיונות, האָט דער וואַנדערער באַלד פאַר־לאָזן דעם אָרט פון אימהדיקן חורבן און איז אַוועק צו חוניוס הייזל.
ס'האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן, ווען ער האָט דערגרייכט די וואוינונג פונם ראש פון די איסיים. מיט אַ לייכטן שטויס האָט חנניה געעפנט די פאַרשפאַרטע טיר.
חוניו איז געזעסן אויפן בעט אין זייער אַן אָנגעשטריינגטער שטימונג. אַז ער האָט דערזען חנניהן, וועמען מען האָט אַזוי לאַנג געהאַט געזוכט, האָט ער אויסגעשטרעקט צו אים די הענט און האָט אויסגערופן מיט אַן אָפּגעהאַקטער שטים:
—איך באַגריס דיך, דו גאָטגעבענטשטער מאַן, איך האָב גע־וואוסט, אַז דו וועסט נאָך היינט קומען... אַניט—וואָלסטו געקו־מען שוין צו שפּעט... איך האָב מיך נויטיק געדאַרפט זיך דורכשמועסן מיט דיר פאַרן טויט...
—קודם־כּל, דאָס וויכטיקסטע, מיין זון!... דו ווייסט, אַז דו האָסט מיר נאָך נישט אַנטפּלעקט דעם סוד, וואָס פאַרהילט די אָפּשטאַמונג פון מיין ליבער דאָריס... איך האָב געדאַרפט באַ־קומען די אויפקלערונג פונם דאָזיקן סוד נאָך דעם צוריקקער פון דיין לאַנגן וואַנדערן. אָבער תּיכּף נאָך דיין קומען ביסטו, צו מיין טיפן טרויער, ווידער אומגעריכט פאַרשוואונדן... איצט וועסטו מיר אויך דערציילן, וואָס מיט דיר איז דאַן געשען... נאָכדעם וועסטו מיר געבן ידיעות וועגן דער אומגליקלעכער באַשעפעניש, וואָס געפינט זיך אונטער מיין דאַך שוין אַ משך פון אַ סך יאָרן... זיין נאָמען איז—קאַראַבאַס... דו ביסט נשתּומם, גוטער חנניה?... געוויס קענסטו אים—ער קען דיך אויך און רעדט אָפט וועגן דיר. אמת, צעפלאָנטערט... בכדי דיך צו באַ־רואיקן, וועל איך דיר זאָגן, אַז אַ שטאַרקע צעטרייסלונג נאָך עפּעס אַ באַגעגעניש האָט אים אַרויסגעפירט פונם מצב פון

שוואַכזיניקייט... אייניקע רמזים, וואָס ער האָט געמאַכט, און אויך אַנדערע צופעליקע אומשטענדן האָבן אויפגעוועקט אין מיר דעם חשד, אַז קאַראַבאַס האָט אַ געוויסע קרובהשאַפטלעכע שייכות צו אַפּיונען, און בכן אויך מיט דאָריסן... אויף דיר ליגט דער חוב צו באַלייכטן דידאָזיקע אַלע אומשטענדן... נו, דערצייל! די צייט איז קורץ... מיין בורא רופט מיך...

און חנניה האָט דערציילט די געשיכטע פון זיינע ליידן... אַז ער האָט געענדיקט, האָט חוניו געזאָגט:

—איצט ווייס איך אַלץ, וואָס איך האָב ביז איצט מטושטש חושד געווען,—איז פאַר מיר געוואָרן אינגאַנצן קלאָר. איצט וועל איך שטאַרבן רואיק, וויסנדיק, אַז דו וועסט איבערנעמען אויף זיך די השגחה איבער מיין דאָריס און איבער דעם פאַרלאָזענעם קאַראַבאַסן.

נאָכדעם האָט חוניו אים דערציילט אַלץ, וואָס ס'האָט פּאַסירט אין דער צייט פון חנניהס זיצן אין געפענגעניש, און ווען ער האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן דאָריסן און וועגן דער צעטרייס־לונג, וואָס ס'האָט איר גורם געווען די שריפה פון ידידיהס הויז, האָט זיין שטים זיך אָפּגעזאָגט צו דינען, און ער האָט זיך צעוויינט ווי אַ קינד. אָבער באַלד האָט ער זיך באַהערשט, האָט ווייטער דערציילט מיט אַן איבערראַשנדיקער רואיקייט און האָט פאַרענדיקט מיט אָט די ווערטער:

—איך בין טיף איבערצייגט, אַז מיין אָרימע דאָריס וועט צו־ריק געזונט ווערן, אויב זי וועט דערזען אַ לעבעדיקן שאולן, וואָס זי האַלט, אַז ער איז פאַרברענט געוואָרן. דעריבער, זון מיינער, זיי מיר מבטיח, אַז דו וועסט נאָך מיין טויט מיטנע־מען מיט זיך דאָריסן, און אַז ס'וועלן קומען רואיקערע צייטן, וועסטו זי אַריינפירן אין דער משפחה פונם געערטן ידידיה האַלכסנדרוני... קענסטו מיר עס מבטיח זיין, מיין זון?

—איך בין דיר מבטיח!—האָט געענטפערט מיט התלהבות חנניה.

נעבן חוניון איז געלעגן קאַראַבאַס אויסגעשפּרייט אויף דער דיל און האָט געשלאָפן. בעת דער לאַנג־געדויערנדיקער קראַנק־

הייט פון זיין באַשיצער, האָט ער פאַרלאָזן דעם צימער בלויז איינמאָל, ווען ער האָט אַרויסגעריסן דאָריסן פונם ברענענדיקן הויז. ווי גרויס איז געווען זיין התפעלות, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערזען חנניהן, וועמען ער האָט תיכּף דערקענט! ער האָט תיכּף דערקענט! ער דאָט זיך אַוואָרף געטאָן אים אויפן האַלז, געקושט אים און געגלעט. נישט זייענדיק בּיכולת אַרויסצוברייגען קיין איינציק וואָרט. חנניה האָט אויסגעדריקט דיזעלביקע פרייד. ער איז געווען גליקלעך, זעענדיק אין אַזאַ אויסגעצייכנטן צושטאַנד קאַראַבאַסן, וועמען ער האָט מיט אַ סך יאָרן צוריק איבערגעלאָזן אַ אידיאָט און געהאַלטן פון דעמאָלט אָן פאַר פאַרלאָרן. אָבער זיין גליק איז שטאַרק פאַרטונקלט געוואָרן, ווען אין צימער איז אַריין די אומגליקלעכע דאָריס, וואָס האָט מיט זיך פאַרקערפּערט אומבאַשרייבלעכעליידן.

צו אָוונט צו האָט חוניו ווידער געעפנט די אויגן. נאָך אַמאָל האָט ער אַ שמייכל געטאָן צו די אַרומיקע. אָבער תיכּף דערויף האָבן זיך אים די אויגן פאַרמאַכט. דעם מאָל—שוין אויף אַלעמאָל...

אָן אַ גרענעץ איז געווען דער טרויער פון קאַראַבאַסן ווען ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז אויף אייביק האָט ער אָנגעוואָרן זיין וואוילטוער. צום גליק איז נעבן אים געווען חנניה, אַנישט—וואָלט ער אומגעקומען פון פאַרצווייפלונג. דאָריס האָט זיך אַלע ווילע דורכגעשלייכט, ווי אַ שאָטן ביים טויטנבעט פון איר אָנגערופענעם פאָטער. בלויז ווען מ׳האָט אים אַרויסגעטראָגן אויף דעם מיטה, האָבן איבער אירע באַקן געגומען רינען טרערן.

אין דריי טעג אַרום האָבן חנניה, דאָריס און קאַראַבאַס פאַרלאָזן די מאַרעאָטישער אָזערע. זיי זיינען אוועק קיין קליינאַזיע און האָבן זיך באַזעצט איז עפעס.

קאַפּיטל פֿערצען.

נאָך אַ לאַנגן און זייער שטורמדיקן שווימען האָט די יידישע דע-פּוטאַציע גליקלעך דערגרייכט דעם ברעג פון איטאַליע. אָבער ווי גרויס איז געווען איר צער, ווען זי איז אָנגעקומען קיין רוים און האָט זיך דערוואוסט, אַז דער קיסר האָט מיט עטלע-כע טעג צוריק אונטערגענומען אַן עקספּעדיציע קיין ג אַ ל י ע*) בראש פון אַ גרויסן חייל. מיט זיין אומזיניקער פאַרשווענדעריש-קייט האט קאַליגולאַ שוין אין ערשטן יאָר פון זיין רעגירן צע-פּטרט דעם אומגעהויערן אוצר פון צווייהונדערט מיליאָן טאַלאַנטן, וואָס זיינע פאָרגייער האָבן אָנגעזאַמלט. נאָכדעם ווי ער האָט אויף דער רוימישער אַריסטאָקראַטיע אַרויפגעלייגט באַדייטנדיקע שטייערס און האָט קאָנפיסקירט זייערע מאַיאָנטקעס, איז ער גע-צוואונגען געווען צו זוכן נייע מקורים פון הכנסה. דעמאָלט איז ער, אונטערן אויסרייד פון אַ מאַרש קעגן די גערמאַניער און די בריטן, אַוועק קיין גאַליע, האָט אַרויפגעלייגט אַ קאָנטריבוציע אויף

*) הײַנטיקע פראַנקרײַך.

אַלע שטעט, האָט באַשולדיקט די חשובסטע לייט אין בגידה און קאָנפיסקירט זייערע גיטער. כדי דערדאָזיקער גבור זאָל אויף זיין נצחונותדיקן וועג נישט ליידן פון שטויב, זיינען די איינוואוינער פון גאַליע מחויב געווען צו רייניקן און באַגיסן אַלע וועגן. פון דאַנען האָט ער זיך דערוועגט אַריבערצוגיין דעם טייך ריין, אָבער ער האָט נישט געטראָפן קיין גערמאַניער און און האָט זיך באַלד אומגעקערט צוריק, פרייענדיק זיך, וואָס אים איז נישט אויסגעקומען צו באַגעגנען זיך מיט קיין איינציקן פון דידאָזיקע שרעקלעכע באַרבאַרן.

צום סוף האָט ער אונטערגענומען דעם לאַנגגעפּלאַנעוועטן מאַרש קעגן די בריטן. אַז ער איז צוגעקומען צום ברעג פונם קאַנאַל, האָט ער אויסגעשטעלט זיין חייל אין מלחמה-אָרדנונג, האָט געמאָלדן דעם ים פאַר באַזיגט און געהייסן אויפזאַמלען די מויערקעפּלעך, וואָס זיינען געלעגן אויפן ברעג, אַלס קריגסרויב. פאַרשכורט פון דעמדאָזיקן רומפולן נצחון, האָט ער זיך מיט טריאומף אומגעקערט צוריק קיין רוים. אַ מחנה געוויקסיקע גאַלן, איבערגעטאָן אין גערמאַנישע מלבושים, האָט באַפּוצט זיין אַריינפאָר, און אָנגעזאָגט וועגן זיין נצחון איבער די גערמאַניער!...

אונטער דער צייט האָט ידידיה און זיין ברודער, דער אַלאַבאַרך, אָנגעווענדט אַלע מיטלען, בכּדי צוצוציען אויף זייער צד די רוימישע אַריסטאָקראַטיע און מיט איר הילף אויסצופּועלן אַ חסד ביים קיסר. אומעטום האָבן זיי באַגעגנט אַ העפלעכן, אָבער אַנטשיידנדיקן אָפּזאָג: קיינער האָט זיך נישט דערוועגט צו ריזיקירן מיטן אייגענעם לעבן פאַר די יידן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו בוקן און ברענגען קרבנות דעם נייעם אָפּגאָט קאַליגולאַ. די איינציקע טרייסט, וואָס די יידישע שלוחים האָבן געהאַט, איז געווען די ידיעה, אַז דער קיסר האָט מיטן אַראָפּזעצן פלאַקוסן שוין געמאַכט אַ סוף צו די אומאָרדנונגען אין אַלכּסנדריא. פון אַלע זייטן האָט מען געגעבן עצות נישט צו וואַרטן אויפן צוריקקער פונם קיסר, וואָס האָט געקענט אַמאָל נישט טויגן נישט פאַר זיי און נישט פאַר זייער זאַך. פאַרקערט, מ'האָט זיי גע-

ראטן זיך אומצוקערן צוריק אהיים און ווירקן אויף זייערע גלויבנס-ברידער, זיי זאלן אפשטעלן דעם עקשנותדיקן ווידערשטאנד און זיך אנהויבן קניען פאר די אפבילדער פונם מלך. אין געגנפאל וועט אויף דער נייער פראקוראטאר נישט זיין בכוח זיי צו ראטעווען פון אונטערגאנג...

איינמאל האבן זיי, אונטער דער ווירקונג פון זייערע השתדלותן, זיך אומגעקערט צוריק אין זייער וואוינונג און האבן דארטן געטראפן א באפולמעכטיקטן פונם היכל ראט פון אלכסנדריא. ער האט זיי איבערגעגעבן בריוו, וואו ס׳האט זיך געפונען א באשרייבונג פון די מאוימדיקע געשעענישן, וואס האבן זיך אפגעשפילט אינם קווארטאל פון דער דעלטא נאכן אפפאר פון דער דעפוטאציע. דידאזיקע באשרייבונגען האבן שרעקלעך געווירקט אויף די דעפוטאטן, אבער זיי האבן זיך געטרייסט מיטן געדאנק, אז די געשעענע ענדערונג אין דער פארוואלטונג וועט פארבעסערן דעם מצב אין אלכסנדריא. דורכגעלייענט די באקומענע בריוו, האט ידידיה זיך געווענדט צום שליח מיט א פראגע, צי קען ער אים אפשר איבערגעבן אויף מינדלעכע ידיעות.

—א, איך האב דיר איבערצוגעבן עפעס,—האט דער שליח שטיל, קוים צו הערן, געענטפערט, — אבער די בשורה איז זייער א טרויעריקע און קען שלעכט ווירקן אויף דעמדאזיקן יונגן בחור.

—מיין זון איז פעסט אין כאראקטער!—האט דערויף ידידיה געענטפערט.—ער קען אלץ הערן. זאג דעריבער דרייסט, וואס דו ווייסט.

—הער-זשע,—האט אנגעהויבן דער שליח, — דיין הויז איז פארברענט...

—דאס האב איך מיך שוין דערוואוסט פון די בריוו, — האט ידידיה רואיק באמערקט.

—אבער דו ווייסט מסתמא נישט, אז דערביי איז אומגעקומען א טייער מענטשלעך לעבן...

—א מענטשלעך לעבן?— האט ידידיה געפרעגט און איז בלאס געווארן.

ביי דידאזיקע ווערטער האט שאול אויף געכאפט א ציטער.

—אַז ס'האָט זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג,—האָט דער שליח ווייטער גערעדט,—אַז דער פינסטערער המון איז אַוועק אָנצופאַלן אויף דיין הויז, האָט מען מיך אַרויסגעשיקט נאָך ידיעות. קומענדיק אויף אַן אָרט, האָב איך שוין געפונען דאָס הויז ברענענדיק. אָבער ווי גרויס איז געווען מיין שרעק, ווען אינמיטן פלאַם האָב איך ביים פענסטער פון אויבערשטן שטאָק דערזען אַ מיידל מיט אַן אויסדרוק פון פאַרצווייפלונג אויפן פנים. איך האָב דערקענט דידאָזיקע אומגליקלעכע, ווייל איך האָב זי אָפט געזען ביי דער אָזערע און איצט האָב איך פון אַלע זייטן געהערט אויסרופן:—„דאָס איז דאָריס, די אויפגענומענע טאָכטער פון חנניה האיסי!“—אין איין כהרף-עין איז דער פלאַם אַריינגעדרונגען אין הויז—און דאָס מיידל האָט מען פון דעמאָלט אָן מער שוין נישט געזען!...

איטלעך וואָרט פונם מבשר איז ווי אַ צוויישאַרפיק מעסער אַריינגעדרונגען אין שאולס האַרץ און האָט עס צעריסן אויף שטיקער...

פאַר ידידיהן און זיין פרוי איסמענאַ איז אָנגעקומען אַ צייט פון די שווערסטע יסורים, צו די ליידן פאַר די אַלכסנדרינער יידן איז צוגעקומען אַ טרויער אָן אַ גבול פאַרן שווערדערשלאָגענעם זון. שאול האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט אין עטלעכע וואָכן האָט ער זיך געפונען צווישן לעבן און טויט. דער פילאָזאָף דער זקן האָט געדאַרפט דערשטיקן זיין אומבאַשרייבלעכן צער.

קאַליגולאַ האָט זיך צוריקגעקערט קיין רוים, און מ'האָט זיך געדאַרפט דערשלאָגן ביי אים אַן אוידיענץ. די מניעות דערצו זיינען געווען געוואַלטיק גרויס, נישט בייצוקומען זיי, מחמת דער מלך האָט געהאַט ענינים אַ סך וויכטיקערע, איידער אויפצונעמען די יודישע דעפּוטאַציע. ער האָט געדאַרפט זאָרגן וועגן מענטשלעכע קרבנות, שמועסן אָפט און לאַנג מיט דער סטאַטוע פון צעאוס, זיין געטלעכן חבר. גאַנצע שעהן איז ער געשטאַנען פאַר איר. ביינאַכט האָט ער לאַנג געשמועסט מיט דער געטין לונאַ. צווישן דידאָזיקע און ענלעכע ווילד-משוגענע באַ-

שעפטיקונגען האָט דען קאַליגולאַ געקענט געפינען נאָך פרייע צייט פאַר יודישער דעפוטאַציע? און דאָך האָט זיך די איינפלוסרייכע פריינט פון אַלאַבאַרך צום סוף איינגעגעבן אָפצוהיטן אַ פאַסיקן מאָמענט פאַר דער אודיענץ. דער מלך האָט באַשלאָסן צו באַזוכן זיין זומער־פאַלאַץ אין דיבעאַרכיע, ביים ברעג ים, און פאַרברייינגען דאָרטן עטלעכע טעג. די פריינט פון די יידן האָבן איינגעפונען, אַז איצט איז די ריכטיקע צייט פון דער אודיענץ. זיי האָבן געעצהט דער דעפוטאַציע, זי זאָל נאָכגיין נאָכן מלך הינטער שטאָט, און דאָרט וועט מען זיך קענען דערשלאָגן צו אים.

שווער איז געווען ידידיהן און זיין ברודער צושיידן זיך מיט זייערע פאַמיליעס, אָבער צום גליק האָט שאול זיך שוין געבעטערט און איז שוין געווען אויפן וועג געזונט צו ווערן. איסמענאַ און אַפּאָלאָניע האָבן זיך געשטאַרקט און איינגעהאַלטן זייערע טרערן, בכדי נישט צו פאַרגרעסערן די אַזוי אויך טרויעריקע שטימונג פון זייערע מאַנען.

גאַנצע אַכט טעג האָט שוין די דעפוטאַציע געוואַרט אין דיקעאַרכיע אויף אַ דערלויבעניש צוגעלאָזט צו ווערן צום מלך. און אָט איז צוגעלאָפן צו זיי אַ מענטש מיט אַ צורודערט געזיכט, אינגאַנצן דורכגענומען פון שרעק. ער האָט זיי אָפגעפירט אָן אַ זייט און מיט גרויס אָנשטריינגונג אַרויסגערעדט:—צי האָט איר געהערט וועגן דעם נייעם חילול הקודש?—מער איז ער נישט געווען בכוח צו ריידן. אַ שטראָם טרערן האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע אויגן, זיין שטים האָט זיך אָפגעזאָגט צו דינען. עטלעכע מאָל האָט זיך ידידיה געווענדט צו אים מיט אַ בקשה זיך צו באַרואיקן, אָבער נאָך לאַנגע יסורים און אָנשטריינגענישן האָט דער אומבאַקאַנטער צום סוף אָנגעהויבן מיט אַ שטים, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן דורך אָפטע זיפצן:

—אונזער בית־המקדש אין ירושלים איז פאַרלאָרן! קאַליגולאַ האָט באַצהייסן אַריינשטעלן דאָרט אַ גרויסע סטאַטוע פון צעאוס... דער בוואָגער פון יהודה, וואָס גייט נאָך מיר, וועט אייך איבערגעבן די איבעריקע פרטים.

אַ שטומער יאוש האָט פאַרכאַפּט די דעפּוטאַציע ביי דערדאָזיקער ידיעה. אַ געצנבילד אין בית־המקדש, „וואָס דער מערב און דער מזרח האָבן אויף אים געקוקט מיט יראת־הכבוד און מיט האָפנונג און וואָס האָט אומעטום געשיינט, ווי די זון”,–דאָס איז געוועזן פאַר זיי צופיל!... אין דער צייט, ווען זיי זיינען געשטאַנען פאַראַליזירט פון שרעק, איז צוגעקומען דער מבשר פון יהודה מיט אַ פּנים פול צער און יסורים. ידידיה איז דער ערשטער געקומען צו זיך. ער איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים געפרעגט, צי ס'איז אמת, וואָס זיי האָבן נאָר־וואָס געהערט.

–יאָ, דאָס איז אַ טרויעריקער אמת,–האָט יענער געענטפערט.— קאַפּיטאָן, דער פאַרוואַלטער פון די קייזערלעכע מאַיאָנטקעס אין דער שטאָט יבנה, האָט עס אויף אונז אַרויסגעשלעפּט דידאָזיקע צרה. מחמת מורא, די יידן זאָלן אים נישט באַשולדיקן פאַרן מלך אין פעלשונגען און רמאות, האָט ער באַשלאָסן זיי מקדים צו זיין. תיכף ווי ער האָט דערהערט, אַז קאַליגולאַ פאָדערט, מ'זאָל זיך צו אים בוקן, ווי צו אַ גאָט, האָט ער באַפוילן אויסצובויען אין יבנה אַ מזבח פאַר קרבנות צום מלך, ווייסנדיק גאַנץ גוט, אַז די יידן וועלן עס בשום אופן נישט פועלן ביי זיך צו טאָן. און עס ס'איז טאַקע אַזוי געווען: די יידן האָבן זיך פאַרזאַמלט און חרוב געמאַכט דעם אויסגעבויטן מזבח. דאַן האָט קאַפּיטאָן אומגעזאַמט אַוועקגעשיקט צום מלך אַ מסירה, און באַשולדיקט די יידן אין מרידה, אין לעסטערן צעזאַרן און אין מאַיעסטעט־באַליידיקונג. דער מלך איז אויסער זיך געוואָרן פון כעס און האָט אַוועקגעשיקט צו פּעטראָניוסן, דעם פּראָקוראַטאָר פון סיריאַ, אַ שטרייננגן באַפעל תיכף ומיד אַרויסצוטרעטן מיט אַ שטאַרקן חייל אויף יהודה און אַוועקצושטעלן אין אַלע בתי־כנסיות און אין בית־המקדש אין ירושלים דעם מלכס אָפּבילדער...

דאָ האָט זיך דער מבשר אָפּגעשטעלט, דערדריקט פון זיינע אייגענע ווערטער. נאָך אַ קורצער פּויזע האָט ער ווייטער גערעדט:

—באַלד האָט דאָס גאַנצע פאָלק אַרומגעכאַפּט אַ שרעק: ס'איז
געקומען אַ ידיעה, אַז פּעטראָניוס איז מיט אַ שטאַרקן חיל אַריי־
בער די גרענעץ און געפינט זיך שוין ביי עכו. דעמאָלט האָבן
זיך די יידן מיט די ווייבער און קינדער פאַרזאַמלט אויפן
פעלד פאַר דערדאָזיקער שטאָט און האָבן זיך געבעטן ביים פּראָ־
קוראַטאָר רחמנות צו האָבן איבער זייער לעבן און קודם־כל
איבער זייער הייליקטום. די רירנדיקע תחנונים האָבן געמאַכט
אויף פּעטראָניוסן אַן איינדרוק און ער האָט איבערלאָזן דעם חיל
מיט די סטאַטועס אין עכו און אַליין איז ער אַוועק קיין גליל.
ער האָט אויפגערופן אין טבריא דאָס פאָלק, האָט אים געוויזן
די דראָאונגען פון קאַליגולאַ און האָט געענדיקט זיין רעדע
מיט דידאָזיקע ווערטער: „אַלע פעלקער, וואָס זיינען אונטערטע־
ניק דעם מלך, האָבן צו די אָפּגעטער פון אַנדערע פעלקער
מוסיף געווען אויך די סטאַטועס פון מלך; אויב איר אַליין ווייזט
אַרויס אַ ווידערשטאַנד, דאַן איז דאָס נישט אַנדערש ווי אַן אָפענע
מרידה"!...

—וואָס־זשע האָבן געענטפערט אונזערע ברידער?—האָט ידידיה
געפרעגט.

—זיי האָבן זיך סומך געווען אויף זייערע געזעצן און אויף די
מנהגים פון די אבות, וואָס פאַרווערן אַריינצושטעלן אין בית־
המקדש אָדער ערגעץ אַנדערש אין לאַנד בילדער פון די אָפּ־
געטער אָדער סטאַטועס פון מענטשן. דערויף האָט דער פּראָקו־
ראַטאָר געענטפערט.—איך מוז זיך אונטערגעבן דעם באַפעל
פון מיין הערשער. אויב איך וועל אייך שאַנעווען און נישט
אויספירן דעמדאָזיקן באַפעל, וועל איך מיך זיכער באַצאָלן מיטן
לעבן. אָבער איר וועט גאָרנישט האָבן דערפון, ווייל קאַליגולאַ
וועט אייך אַלע אויסשעכטן, ווי שאָף.—מיר זיינען גרייט אַלץ
איבערצוטראָגן פאַרן גלויבן!—האָט אויסגעשריען דאָס פאָלק.

—הייסט עס, אַז איר ווילט זיך שטעלן קעגן מלך?—האָט פּעט־
ראָניוס געפרעגט שטאַרק אויפגערעגט. דאָס פאָלק האָט גע־
ענטפערט:

—פאַרן קיסר און פאַרן רוימישן פאָלק ברענגען מיר קרבנות צוויי מאָל אין טאָג... אָבער אויב דו ווילסט אַריינשטעלן די אָפּגאָטבילדער, דאַן מוזטו פריער אויסטויטן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג! מיט פאַרגעניגן לייגן מיר פאָר פאַר אַ קרבן זיך מיט די ווייבער און קינדער!

דערדאָזיקער פעלזנפעסטער גלויבן און די פאַראַכטונג צום טויט האָט איבערראַשט פעטראָניוסן און דערוועקט אין אים רחמנות. און אָט אַזוי זיינען זיך ביידע צדדים פאַנאַנדערגעגאַנגען אָן אַ רעזולטאַט...

—אויף מאָרגן האָט פעטראָניוס צוערשט איינגעלאַדן די אַריסטאָ-קראַטיע, און נאָכדעם האָט ער פון דאָסניי פאַרזאַמלט דאָס פאָלק און האָט זיך געווענדט צו אים מיט מוסר און סטראַשונקעס. ער האָט זיי אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער מאַכט פון רוים, אויפן צאָרן פונם מלך און אויפן שווערן מצב, אין וועלכן ער אַליין געפינט זיך. אָבער ווען אַלע ראיות זיינען געבליבן אָן אַ פעולה און פעטראָניוס האָט דערזען, אַז פאַרן לאַנד שטייט פאָר אַ סכנה צו בלייבן אומפאַרזייט, מחמת דאָס פאָלק האָט שוין גאַנצע פופציק טעג נישט געאַרבעט, — האָט ער נאָך דער דרינגענדיקער עצה פון קעניג אַגריפּס, וואָס האָט דאַן פאַרבראַכט אין טבריא, ווידעראַמאָל פאַררופן די יידן צו זיך און זיך גע-ווענדט צו זיי מיט דידאָזיקע ווערטער: — „גוט, איך נעם די אחריות אויף זיך. אויב מיר וועט געלינגען ווייך צו מאַכן דעם אימפעראַטאָר, דאַן וועלן מיר זיך צוזאַמען פרייען מיט דער ישועה. אויב אָבער אויף מיר וועט פאַלן דעם קיסרס צאָרן, דאַן בין איך גרייט צו ברענגען מיין לעבן פאַר אַ קרבן צוליב אַזויפיל מענטשן!"

מיט דערדאָזיקער הבטחה האָט ער פאַרלאָזן דעם עולם, וואָס האָט אים באַגלייט מיט ברכות און מיט דאַנקען.

—בכן איז דער בית-המקדש דערווייל נאָך נישט פאַרשוועכט? — האָט דער אַלאַבאַרך געפרעגט מיט אַ פאַרגרינגערט געמיט.

—דערווייל נאָך נישט,—האָט געענטפערט דער ייד. — פעטראָניוס האָט זיך צוריקגעקערט קיין אַנטיוכיא. פון דאָרטן האָט ער תיכף

אָנגעשריבן צו קאַליגולאַן און האָט אים מודיע געווען וועגן זיין מאַרש אויף יהודה, איבערגעגעבן די בקשות און תחנונים פון די יידן און אויפמערקזאַם געמאַכט אים, אַז כדי אויסצומיידן דעם אונטערגאַנג פון לאַנד און פון די מענטשן, וואָלט מען גע-דאַרפט שאַנעווען זייערע אַלטע מנהגים. דער מענטש, וועמען ס'איז איבערגעגעבן געוואָרן די שליחות צוצושטעלן דעמדאָזיקן בריוו צום מלך, איז אַוועק קיין יהודה אין איין צייט מיט מיר. אָבער מיר האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרלויפן אים עטוואָס דעם וועג... אויף אייך ליגט איצט אַ חוב ווייך צו מאַכן דעם קיסרס האַרץ, בכדי ער זאָל צוריקציען די שרעקלעכע גזירה.

—און אַגריפּס האָט נישט אונטערגענומען קיין שום מיטלען לטובת אונזער פאָלק?—האָט דער אַלאַבאַרך באַמערקט, שאָקלענדיג מיטן קאָפּ.

—ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט געקענט טאָן,—האָט דער שליח געענטפערט.—ער האָט זיך געבעטן רחמים ביים קייזער-ליכן לעגאַט וועגן חסד, און היות איצט הענגט אַלץ אָפּ פונם באַשלוס פון מלך, האָט ער בדעה זיך צו ווענדן צו קאַליגולאַן מיט אַ השתדלות פאַר זיין פאָלק. איך האָב אַליין געזען זיינע הכנות צו דער נסיעה קיין רוים, און ביי אַ גינסטיקן ווינט וועט ער דאָ זיין אין עטלעכע טעג אַרום.

דער אַלאַבאַרך איז דערפרייט געוואָרן מיט דערדאָזיקער ידיעה, איז צוגעגאַנגען צום ברודער און האָט אים שטיל געזאָגט:

—דו זעסט, איך האָב קיין טעות נישט געהאַט אין אַגריפּסן, און דו וועסט זיך נאָך איבערצייגן, וואָס פאַר אַ שיינרעדנערי-שער שתדלן ער וועט זיין פאַרן קיסר.

נאָכדעם האָט זיך די דעפּוטאַציע צוריקגעקערט אַהיים, כדי צו באַטראַכטן, וואָס צו טאָן ווייטער, מחמת איצט איז געשטאַנען אין אַ סכנה נישט בלויז אַלכּסנדריא, נאָר גאַנץ יהודה, אַלע יידן.

קאַפּיטל פֿופֿצען.

אויף מאָרגן פֿרי האָט מען דעם אַלאַבאַרך צום סוף מודיע געווען, אַז דער מלך איז נוטה זיי צו שיינקען אַ ביסל צייט, ווייל ער האָט בדעה היינט צו באַזוכן זיינע זומערווילעס און גערטנער און ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט אויפצונעמען די דעפּוטאַציע.

אָבער ווי דערשראָקן האָבן זיך די יידישע דעלעגאַטן, בשעת זיי האָבן, ביים אַריינגאַנג אינם קייזערלעכן גאָרטן, באַמערקט אַ צווייטע אַלכסנדרינישע דעפּוטאַציע מיט אַפּיונען און איסידאָראָסן בראָש: אין אירע צוועקן האָבן זיי נישט געקענט צווייפֿלען אַפֿילו קיין איין מינוט. און ווי האָבן גאָר די יידן געקענט זוכן רעכט און גערעכטיקייט ביי קאַליגולאַן, וואָס זיינע אינטימסטע פֿריינד זיינע געווען די דם־שונאים פֿון די יידן! אַפּיונס לאַנדסמאַן העליקאָן און דער אַקטיאָר אַפּעלעס האָבן קיינמאָל נישט געקענט מוחל זיין, וואָס אַ גריכס איז אַלעמאָל געווען מער אָנגעלייגט ביים מלך איידער זיי, און דעריבער פֿלעגן זיי אויסנוצן יעדע פּאָליטישע געלעגנהייט, כּדי זיך נוקם צו זיין

אַן די יידן פאַר דערדאָזיקער דערנידעריקונג. די משוגענע זעלבסטפאַרגעטערונג פונם מלך האָט זיי שטאַרק פאַרלייכטערט אין זייער שוואַרצער אַרבעט. אַז העליקאָן האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם אָנקום פון דער יודישער דעפוטאַציע קיין רוים, האָט ער וועגן דעם תיכף ומיד אָנגעשריבן צו זיין פריינט אַפּיונען. ער האָט אים געראַטן אויך אַוועקצופאָרן קיין רוים מיט עטלעכע פריינד און זיך קלאָגן אויף די יידן, אַז זיי ווילן נישט הערן פון דעם מלכס באַפעלן. אַפּיון איז געווען אויפן זיבעטן הימל פון פרייד, וואָרום זיינע אַקציעס האָבן זיך שטאַרק געהויבן מיט פלאַקוסעס דעמיסיע. און מיטאַמאָל האָט ער זיך ווידער דערזען אויפן ערשטן פּלאַן. מיט העליקאָנס בריוו אין האַנט איז אים באַלד געלונגען פונסניי אויפצוהויבן אַ פיינטלעכע באַוועגונג געגן די יידן. ווען דער נייער פּראָקוראַטאָר האָט אָבער געמאָלדן, אַז ער וועט באַשטראָפן מיט דער גאַנצער שטרייגקייט פון די געזעצן די־יעניקע, וואָס וועלן שטערן די אָרדנונג, האָט אים אַפּיון געסטראַשעט מיט אַ דעפוטאַציע צום מלך און האָט טאַקע באַלד דורכגעפירט זיין דראָאונג. דאַן האָט באַסוס זיך פאַרהאַלטן שטרייגער צו די יידן און האָט פון זיי געפאָדערט, זיי זאָלן זיך בוקן צו די קייזערלעכע אָפּבילדער. ער האָט אויך אַרויסגעוויזן חסד צו די רוצחים.

אַפּיון און זיינע חברים האָבן באַגעגנט אין רוים דעם פריינטלעכסטן קבלת־פנים מצד זיינע חברים העליקאָן און אַפּעלעס, וואָס זייער השפעה איז געוואָרן אַלמעכטיק. זיי האָבן אויך באַגלייט קאַליגולאַן בעת זיין נסיעה קיין דיקעראַכיע. דאָ האָבן זיי עס געדאַרפט ברייגגען דעם מלך זייערע מסירות אויף די יידן, אָבער ער האָט זיך לאַנג אָפּגעזאָגט אפצוגעבן אַ טייל פון זיין צייט אַזוינע נישטיקע ענינים. נאָך אַ פאַרעקשנטער השתדלות האָט ער דאָך נאָכגעגעבן זיינע ליבלינגען און האָט געהייסן באַשטימען פאַר ביידע דעפוטאַציעס אַן אָרט, וואו ער וועט זיי אויסהערן. ער איז היינט געווען אין אַן אומגעוויינליך גוטער שטימונג, האָט אַ סך גערעדט וועגן די פאַרקן און וועגן דער אַרכיטעקטור פון די הייזער. די דעפוטאַציעס, אויף וועלכע

ער האָט געוואָרפן פון צייט צו צייט אַ בליק, האָט ער אָבער אַזוי ווי נישט באַמערקט. באַלד אָבער האָבן ביידע פאַוואָריטן אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף זיי. ער האָט זיך אומגעקערט, זיך דערנענטערט צו דער יידישער דעפּוטאַציע, געבליבן שטיין פאַר איר מיט צונויפגעלייגטע הענט אויף דער ברוסט און זיך געווענדט צו איר מיט דידאָזיקע ווערטער:

—דאָס זייט איר, הייסט עס, די אומרואיקע, וואָס ווילן נישט אָנערקענען מיין געטלעכקייט. איר שעצט, קענטיק, מיט מער חשק עפּעס אַן אומגעזעענעם גאָט, בעת די גאַנצע וועלט ווייזט מיר אַרוים דעם כבוד פון אַ גאָט!

אָפּגעזאָגט דידאָזיקע ווערטער און נישט געוואַרט אפילו אויף קיין ענטפער, האָט ער זיך דערווייטערט, געגאַנגען דאָ אין איין זייט, דאָ אין דער אַנדער זייט און אומעטום אויסגעדריקט זיין מיינונג אין גוטע אָדער שלעכטע בייזע ווערטער. ביידע דעפּוטאַציעס זיינען די גאַנצע צייט געגאַנגען נאָך אים, זוכנדיק אַ פּאַסיקן מאָמענט פאַר דער אוידיענץ. דער מלך האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ פּאָנטאַן, וואָס איז געווען אַרומגעשטעלט מיט קינסטלערישע מ[...]לנע גרופּעס. אָט דעם מאָמענט האָט אויסגענוצט אַפּיון, כדי אַרויסצוזאָגן זיין גוט אויסגעלערנטע דרשה. ער האָט באַלד גענומען שיטן מיט זיסע האָניקדיקע ווערטער און פאַרענדיקט זיין דרשה מיט די גיפטיקסטע אָנפאַלן אויף די יידן, וואָס האָבן אפילו נישט צוגעשוואָרן דעם געטלעכן מאָנאַרך בעת זיין אַרויפגיין אויפן טראָן, און ווילן להלוטין נישט פאַרגעטערן די קייזערלעכע אָפּבילדער.

ביי דערדאָזיקער דרשה פונם געשייטן גראַמאַטיקער איז דער אַלאַבּרך געוואָרן אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט זיך נישט געקענט מער איינהאַלטן, און כאָטש ער האָט באַמערקט אַ בייזן בליק אין די אויגן פונם מלך, האָט ער פונדעסטוועגן איבערגעריסן דעם אָראַטאָר.

—רכילות, גרויסער מלך! — האָט ער אויסגעשריען.—שענדלעכע רכילות! מיר האָבן אינעם פּראָקוראַטאָרס הויז אָפּגעגעבן אונזער שבועה פאַר דיר, און אויב זי איז נישט אָנגעקומען צו דיר אין

האַנט, דאַן פאַלט די שולד אויפן פּראָקוראַטאָר, אָבער נישט אויף אונז... אומעטום, וואו עס וואוינען נאָר יידן, זיינען גע-בראַכט געוואָרן קרבנות ביי דיין אַרויפגיין אויפן טראָן, ביי דיין געזונט ווערן נאָך דער שווערער קראַנקהייט, ביי דער בשורה וועגן דיין נצחון איבער די גערמאַניער...

—פ אַ ר מ י ר האָט איר געבראַכט קרבנות?—האָט קאַליגולאַ אים איבערגעריסן מיט גרויס גרימצאָרן.—איך פאָדער דען, אַז איר זאָלט ברייגען קרבנות פ אַ ר מ י ר? איך וויל, מ׳זאָל ברייגען קרבנות מ י ר, מיין געטלעכקייט! איר אָבער זייט אויף אַזויפיל אויסן זינען, אַז אָנשטאָט מיר, גיט איר אָפּ די בכורה אַ גאָט-הייט, וואָס אייער פאַנטאַזיע האָט זי אויסגעטראַכט. דאָ איז קאַליגולאַ וואָס ווייטער אַלץ מער אַריין אין אַ פייערדיקן צאָרן. ער האָט גענומען שיטן מיט קללות אויפן יידישן פאָלק און אויף זיין גאָט און האָט צום סוף געהייסן פאַרשמידן דעם אַלאַבאַרך אין קייטן און אים אַוועקפירן קיין רוים, וואו ער וועט איבער אים באַשטימען אַ משפט. דערדאַזיקער באַפעל איז, צום שרעק פון ידידיהן און זיינע חברים, תיכף ומיד אויסגעפירט געוואָרן.

דער מלך איז אַוועק ווייטער. באַלד אָבער האָט אויסגעוויזן, אַז זיין צאָרן ווערט אָפּגעקילט, מחמת ער האָט זיך אומגעריכט גע-ווענדט צו דער יידישער דעפּוטאַציע מיט אַ פראַגע:

—פאַרוואָס עסט איר נישט קיין חזיר-פלייש?

די שונאים פון די יידן האָבן אויסגעבראָכן אין אַ הילכיקן גע-לעכטער.

ביי אַזוינע און ענלעכע רעפּליקעס, ווען ידידיה האָט אומזיסט זיך באַמיט אָנצוהויבן ריידן, איז די פּראָצעסיע צוגעגאַנגען צו אַ ווילע. דאָ האָט זיך דער מלך אומגעקערט, האָט אָפּגעמאָסטן די יידישע דעפּוטאַציע מיט אַ בליק, פול מיטלייד, און געזאָגט:

—דידאָזיקע לייט שיינען מיר צו זיין נישט קיין שלעכטע, נאָר נאַרישע, מחמת זיי ווילן נישט אָנערקענען מיין געטלעכקייט.

באַלד דערויף איז ער פאַרשוואונדן אין די ברייטע אַלייען ביי דער ווילע. די אוידיענץ האָט זיך, אַלזאָ, געענדיקט.
אין אָוונט פון יענעם טאָג האָט זיך דער מלך צוריקגעקערט קיין רוים. ביידע דעפוטאַציעס זיינען אַוועק נאָך אים, איינע — טריאומפירנדיק אין איר זיכערן ערפאָלג און האָפנדיק אויף נאָך אַ גרעסערן ערפאָלג אין דער צוקונפט, און די צווייטע — אַ דערנידעריקטע און פאַרזונקענע אין טיפן טרויער איבער איר שלעכטן מזל. ידידיה איז אַליין געווען צוטרייסלט, דאָך אָבער האָט ער געפונען טרייסט-ווערטער פאַר זיינע חברים און האָט אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז גאָט וועט לאַנג נישט ליידן אַזאַ ווילדע אוממענטשלעכע אויפפירונג. נאָכדעם האָט ער געמאָלדן וועגן זיין באַשלוס נאָכאַמאָל זיך צו ווענדן צום מלך מיט אַ בקשה וועגן אַ משפט-צדק פאַר זיינע געדריקטע ברידער און צו באַפרייען זיין אַרעסטירטן ברודער. ער האָט באַשלאָסן, אַז אָן אים וועט ער זיך קיינמאָל נישט אומקערן צו זיין פאַמיליע. צום גליק, איז אים נישט אויסגעקומען צומאַכן דעמדאָזיקן לעצטן געפערלעכן טריט, ווייל נאָך זיין אָנקומען קיין רוים, האָט ער געטראָפן אַגריפסן און האָט אים אָפגעשילדערט די לאַגע פון די יידן אין אלכסנדריא און אויך דאָס, וואָס די דעפוטאַציע האָט איבערגעלעבט אין דיקעאַרכיע. אַגריפס האָט באַרואיקט דעם וועלטבאַרימטן, נאָר ביי זיך אַראָפגעפאַלענעם פילאָזאָף, האָט אים איינגעלאַדן צו זיך און אים מבטיח געווען אָנצעווענדן זיין גאַנצע השפעה אויפן מלך לטובת די יידן.
— איר קענט זיך שעצן פאַר גליקלעך, — האָט ער געזאָגט, — וואָס קאַליגולאַ איז זיך מיט אייך נישט באַגאַנגען נאָך ערגער. ער איז, אַפנים, געווען אין זייער אַ גוטער שטימונג, אויב ער האָט אייך אָפגעלאָזן לעבעדיקע. מיט קאַליגולאַן איז זייער שווער אויסצוקומען. און איר וועט זען, אַז איך האָב נישט אומזיסט פאַרבראַכט אַ האַלב לעבן אויפן וואַקלדיקן באָדן פון קייזערלעכן הויף.
ידידיה האָט זיך מיט פאַרגעניגן אונטערגעגעבן דעם פאַרלאַנג פון אַגריפסן, וואָס האָט ביי אים אַרויסגערופן גרויס צוטרוי, צו

פֿאַרבלייבן ביי אים אין הויז ביז וואַנען אים וועט נישט געלינ-
גען זיך צו דערשלאָגן ביים מלך אַ גינסטיקן רעזולטאַט.

אויפֿן אַנדערן טאָג איז אגריפּס אַוועק צום מלך. קאַלי-
גולאַ האָט זיך שטאַרק דערפֿרייט מיט זיין קינדהייטס-פֿריינט.
באַזונדערס איז אים געווען געפֿעלן די ידיעה, אַז אגריפּס איז
געקומען צופֿאָרן, כּדי איבערצוגעבן דעם מלך פּערזענלעך די
באַגריסונג לכּבוד דעם נצחון, וואָס ער האָט אָפּגעהאַלטן איבער
די באַרבאַרן. ווייטער האָט אגריפּס געמאָלדן, אַז ער פֿילט אַ
דרינגענדיקע באַדערפֿעניש צו מאַכן צוליב דערדאָזיקער געלעגנ-
הייט אַ מאָלצייט, אויף וועלכן ער דערוועגט זיך איינצולאַדן דעם
גרויסן מאָנאַרך. דער מלך איז אַריין אין התפּעלות פֿון דער
איבערגעגעבנקייט און ליבלעכקייט פֿון זיין פֿריינט. ער האָט אים
אַרומגענומען און פֿאַרזיכערט, אַז ער פֿאַרלאַנגט אויפֿריכטיק צו
האָבן די מעגלעכקייט נאָך אַזאַ לאַנגער צושיידונג ווידעראַמאָל
צו פֿאַרברייננגען אויפֿן מאָלצייט ביי אגריפּסן אַ גאַנצע נאַכט.

אין רוים איז די פֿאַרשווענדערישקייט דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה,
אַז פֿייערונגען, וואָס האָבן פֿאַרשלונגען מיליאָנען, האָבן זיך גע-
רעכנט פֿאַר גאַנץ געוויינלעכע זאַכן. דעריבער איז שווער גע-
ווען איינצואָרדנען עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכן מאָלצייט. פֿונ-
דעסטוועגן האָט אַגריפּס געוויזן גרויס וואונדער: אים איז געלונ-
גען אפֿילו קאַליגולאַן אַריינצוברענגען אין אמתער התפּעלות.
אַרום האַלבער נאַכט זיינען די געסט געוואָרן אַלץ פֿריילעכער
און פֿרייער, און דער מלך, האָט אַזוי ווי פֿאַרגעסן, אַז ער איז
אַ גאָטהייט. ער איז פּלוצלונג אויפֿגעשפּרונגען, צוגעלאָפֿן צו
אַגריפּסן, זיך אַ וואָרף געטאָן אים אויפֿן האַלז און אויסגערופֿן:

— זאָג, וואָס ווילסטו, פֿריינט אַגריפּס, און איך וועל עס באַלד
דערפֿילן! פֿאָדער אַ מלוכה, וועסטו זי האָבן. דיין מלך איז גע-
שטימט צו שיינקען, דעריבער פֿאָדער, אַגריפּס, פֿאָדער!
— און איך קען באמת דרייסט אַרויסזאָגן אַ פֿאַרלאַנג? — האָט
אַגריפּס געפֿרעגט מיט געמאַכטער מורא.

—זיי נישט אַזוי שוואַך, מיין פריינט,—האָט קאַליגולאַ געזאָגט.—דו הערסט דאָך: אַ מלוכה קען איך איצט שיינקען! פאַרלאַנג דאָך, אָ, פאַרלאַנג!

—אויב אַזוי, אַנטשליס איך מיך צו בעטן, גרויסער מלך, עס זאָל אָפּגעשאַפט ווערן דער באַפעל אַריינצושטעלן די אָפּבילדער אין די יידישע סינאַגאָגעס...

קאַליגולאַ האָט דערשטוינט אָפּגעטראָטן אַ הינטער אויף עטלעכע טריט. אַגריפּסעס ווערטער האָבן אים אַ ביסל צוטומלט. אויף אַזאַ פאָדערונג האָט ער זיך גאָרנישט געריכט. ווי האָט ער געקענט טראַכטן אפילו איין רגע, אַז דערדאָזיקער מאַן, וואָס האָט קיינמאָל פריער נישט געזאָרגט וועגן גורל פון די יידן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום אַנדערע אינטערעסן, אויסער אַ גלאַצפולן לעבן אין וואוילטאָג און אין לוקסוס,—וועט איצט, אין דעם מאָמענט, ווען אים איז אָן אַ גרענעץ געזיכערט דער חסד פונם מלך פון דער גאַנצער וועלט, גאָר אויסנוצן זיין אומגעוויינלעך גלענצנדיקע לאַגע לטובת דעם יידנטום! וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער געהאַט צו די יידן?

—און דו האָסט אין דערמאָנען נישט קיין שום אַנדער פאַרלאַנג?—האָט דער מלך געפרעגט ביי זיין ליבלינג, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, נאָכדעם ווי ער האָט לאַנג געקוקט אויף אים מיט דערשטוינטע בליקן.

—איך פאָדער קיין שום זאַך, נאָר בלויז דעמדאָזיקן חסד, אַלמעכטיקער מלך!—האָט אַגריפּס געענטפערט, פאַרנייגנדיק זיך טיף.

—זאָל זיין, ווי דו ווילסט!—האָט דער מלך געזאָגט נאָכדעם ווי ער האָט זיך עטוואָס פאַרטראַכט. — מאָרגן שאַף איך אָפּ דעם באַפעל.

—אָ, טו עס היינט!—האָט זיך געבעטן רחמים אַגריפּס, און זיך אַ וואָרף געטאָן צום מלכס פיס. — טו עס גלייך! דו האָסט מיך היינט באַשאָטן מיט דיינע חסדים, דערוועג איך מיך נאָכאַמאָל צו בעטן: טו עס גלייך!

—שטיי אויף, אומגעוויינלעכער מענטש!—האָט קאַליגולאַ אויסגע-

רופן, גערירט פון אַזאַ הכנעה, און האָט אַליין אויפגעהויבן דעם מאַן, וואָס האָט געבעטן רחמים... — מיט פאַרגעניגן וואָלט איך פאַר דיר געטאָן עפּעס גרעסערס, אָבער דיין שׂכל פליט נישט אַזוי הויך. דו ביזט פאַרגרעבט געוואָרן, פריינט אַגריפּס, ווייל דו ביזט אַ לייַנגערע צייט געשטאַנען ווייטער פון אונזער הויף־ איך דערקען דיך מער נישט.

מיט דידאַזיקע ווערטער האָט ער זיך אַנידערגעזעצט און אָנגעשריבן אַ באַפעל צו פּעטראָניוסן מיט אַזאַ אינהאַלט: „פּאָדער מער נישט אַוועקצושטעלן די קייזערלעכע אָפּבילדער אינם טעמפּל און אין די סינאַגאָגעס פון יהודה", און האָט אים איבערגעגעבן אַגריפּסן, וואָס זיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט דאַנקבאַרקייט.
דער מלך איז פאַרבליבן אויפן מאָלצייט ביז באַגינען. תּיכף ווי ער האָט צוזאַמען מיט די איבעריקע געסט פאַרלאָזן דעם פּאַ־ לאַץ פון אַגריפּסן, איז דער גליקלעכער פירשט, שטאַרק צושרויפט פון פרייד, אוועק צו ידידיהן און אים איבערגעגעבן, אַז ער האָט געפועלט ביי קאַליגולאַן, מען זאָל צוריקציען דעם באַפעל וועגן די אָפּבילדער... ביים פּילאָזאָף, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט אין פיינלעכער דערוואַרטונג, זיינען אַרויסגעפאַלן טרערן פון די אויגן, ווען ער האָט איבערגעלייענט דעם נייעם באַפעל פון מלך. פון גרויס אויפרעגונג איז ער נישט געווען ביכולת אַרויסצוברענגען קיין איינציק וואָרט.
צומאָרגנס אינדערפרי האָט זיך דער מלך אויפגעכאַפּט נאָך אַ לאַנגן אומרואיקן שלאָף מיט אַ שווערן קאָפּ. ער האָט זיך דער־ מאָנט, אַז ער האָט נאָכגעגעבן די בקשות פון אַגריפּסן אין אַ מאָמענט פון שוואַכקייט, און איז דעריבער אַריינגעפאַלן אין זיי־ ער אַשלעכטער שטימונג. דידאָזיקע שטימונג איז באַלד אַריבער אין אַ ווילדן צאָרן, ווען ער האָט דורכגעקוקט די ביינאַכט אָנ־ געקומענע בריוו און האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ בריוו פון פּעטראָניוסן.—„ווי,—האָט ער געשריען,— איינער פון מיינע אונ־ טערטאַנען דערוועגט זיך צו באַטראַכטן מיינע תּקנות און אפילו אָפּצושטעלן מיינע באַפעלן, און ער האָט נאָך זיין קאָפּ אויף די פּלייצעס!"—תּיכף האָט ער געהייסן אַריינרופן דעם שליח פון

פעטראָניוסן און ער האָט אים איבערגעגעבן אַ געאיילט-אָנגעשרי-בענעם באַפעל, וואו ער האָט געהייסן דעם פּראָקוראַטאָר תיכּף אַריינצעשטעלן די קייזערלעכע אָפּבילדער אין די טעמפּלען און סינאַגאָגעס פון יהודה און צונישט מאַכן מיטן שווערד יעדן ווידערשטאַנד. אויב פעטראָניוס וועט נישט פאָלגן, וועט ער באַ-שטראָפט ווערן מיט טויט.

צום גליק איז דערדאָזיקער שליח אין עטלעכע טעג אַרום אי-בערגעיאָגט געוואָרן דורך אַן אַנדערן, וואָס האָט געטראָגן קיין יהודה די ידיעה, אַז די פּרעטאָריאַנער האָבן געטויט דעם משו-געגעם מלך.

די אומגעריכטע הריגה פונם קיסר האָט אין רוים אָנגעמאַכט אַ גוואַלדיקע מהומה. די פּרעטאָריאַנער האָבן פּראָקלאַמירט פאַר אַ מלך קאַליגולאַס פעטער, קלאַודיוסן; דער סענאַט אָבער האָט אים ניט געוואָלט אָנערקענען,—און פאַרן לאַנד איז געשטאַנען אַ סכּנה פון אַ מאַוימדיקן בירגערקריג. דאַן איז אגריפּס אַרויסגעטראָטן ווי אַ פאַרמיטלער צווישן ביידע צדדים און אַ דאַנק זיינע אומ-דערמידלעכע באַמיאונגען און איבערצייגנדיקע רעדעס, איז באַלד געלונגען צוצוציען די סענאַטאָרן אויפן צד פון קלאַודיוסן.

דער נייער מלך האָט נישט פאַרגעסן, אַז ער האָט זיין קרוין צו פאַרדאַנקען דעם מלך פון די יידן. ער האָט אים באַשאָנקען מיט נייע מאַיאָנטקעס, באַפרייט דעם אַלאַבאַרך פון תפיסה און צוריקגעקערט די יידן זייערע רעכט אין אַלכּסנדריא. אויף אַלע וועגן זיינען געלאָפן קייזערלעכע העראָלדן מיט דער ידיעה: „קאַליגולאַ איז געשטאָרבן און אַלע זיינע באַפעלן זענען אָפּגע-שאַפט געוואָרן!״

ביידע ברידער, ידידיה און דער אַלאַבאַרך, פאַרשכּורט פון פרייד, האָבן גליקלעכע געטראַכט פון זייער היים.

די באַפרייאונג פונם אַלאַבאַרך איז געשען אום ווינטער, איז ער פאַרבליבן מיטן ברודער ביז פרילינג, כּדי אין דערדאָזיקער גינסטיקערער צייט פון יאָר אַוועקצופאָרן קיין אַלכּסנדריא.

שאול איז דערווייל אינגאַנצן געזונט געוואָרן; אָבער אַ טיפער צער איז שטענדיק געלעגן אויף זיין פּנים און האָט פאַרשאַפט זיינע עלטערן גרויסע יסורים. אומזיסט האָבן זיי זיך באַמיט צו דערמונטערן דעם געליבטן זון. ער פלעגט זיך אַמאָל צווינגען אַ שמייכל צו טאָן צוליב זיינע צעקלעמטע עלטערן, אָבער דאָס איז בלויז געווען אַ מאָמענט. באַלד דערויף פלעגט ער ווידער אַריינפאַלן אין אַ מרה-שחורה.

ס'האָט זיך דערנענטערט דער פרילינג און אונזערע פריינט האָבן געמאַכט די נויטיקע הכנות צו זייער נסיעה קיין אלכסנדריא. עטלעכע טעג פאַרן אָפּפאָרן האָט שאול געמאָלדן דעם פאָטער, אַז ער האָט באַשלאָסן זיך נישט אומצוקערן צוריק אַהיים, ווייל מיט דער היים זיינען ביי אים פאַרבונדן טרויעריקע זכרונות; ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ נסיעה איבער פרעמדע לענדער, צו וואַנדערן און פאַרשפּרייטן גאָטס וואָרט צווישן די געצנדי-נער. ידידיה און איסמענאַ האָבן געגעבן זייער הסכמה. מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיי זיך מיט אים צעזעגנט. ער איז אַוועק קיין אַזיע און זיי—קיין אלכסנדריא.

ס'זיינען אַוועק דריי יאָר זינט שאול האָט פאַרלאָזן רוים. ער איז דורכגעגאַנגען פעניקיע, סוריע, קעלעסיריע, פאַמפיליע, קיליקיע, ביטיניע, פאָנטאָס, מאַקעדאָניע, קאָרינטאָס און פעלאָפאָנעס. אין אַלע שטעט האָט ער געלערנט דאָס פאָלק, געהאַלטן פאַר אים פלאַמעדיקע דרשות און אים באַקאַנט געמאַכט מיט תורת-משה. ער האָט געלערנט, אַז עס וועט קומען אַ באַפרייער, וואָס וועט ברייננגען ס'אמתע גליק פאַר אַלע אומות. ער איז אַרויסגע-טראָטן קעגן שאול פון תרשיש, וואָס האָט זיין פאָלק פאַר-לאָזן און געוואָלט אומבייטן זיין תורה. צום סוף האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין עפעס אַ שטאָט, וואו ס'איז געווען זייער אַ גרויסע יידישע קהילה.

אויפן אַנדערן טאָג, אינדערפרי, זיינען אַלע גאַסן געווען איבער-פילט מיט אַן אומגעהויערן גרויסן עולם מענטשן, וואָס האָבן גע-איילט אין בית-הכנסת צו הערן שאולס דרשה. צווישן זיי זיינען געווען אויך חנניה און דאָריס, אָבער זיי זיינען געקומען צו

שפּעט. שאול האָט שוין געהאַלטן בײַם ענדיקן זײַן דרשה.

אַ טיפֿע שטילקייט האָט געהערשט אין ברייטן טעמפּל בעת שאולס רעדע. און אין דערדאָזיקער שטילקייט האָט זײַן שטים געקלונגען און האָט זיך צוטראָגן ווייט און ברייט, אַזוי אַז ס'האָט אים געהערט אפֿילו דער עולם, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן גאַס. אַז דאָריס מיט חנניהן האָבן זיך דערשלאָגן צו דער טיר פֿונם טעמפּל און דאָס מיידל האָט דערהערט שאולס שטים, האָט זי זיך צוגעדריקט צו חנניהן און איז נישט געווען ביכולת צו רירן זיך פֿון אָרט. מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ האָט זי זיך צוגעהערט צו שאולס לעצטע ווערטער. עס איז נאָך נישט שטיל געוואָרן דער אָפּקלאַנג פֿון זײַן לעצטן וואָרט, ווי זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיט אַ היכל אויסגעשריי „שאול!" און זיך גענומען אַרײַנקריגן אין טעמפּל אַרײַן דורך די געדיכטע רייען פֿון די צוהערער. אין בית-הכנסת איז געוואָרן אַ שטאַרקע מהומה. אַלע האָבן זיך געפּרעסט צום אַרויסגאַנג, שאול אַליין איז זייער אויפֿגערעגט געוואָרן און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן באַלד נאָכן עולם, וואָס האָט זיך מיט כּבוד פֿאַנאַנדערגערוקט און געמאַכט פֿאַר אים אַ פֿרײַען דורכגאַנג. באַלד האָט ער דערגרייכט די טיר פֿון בית-הכנסת. חנניה האָט אָנגעווענדט אַלע זײַנע כּוחות, כּדי אײַנצוהאַלטן דאָריסן, וואָס האָט זיך געריסן פֿאָרויס. די פֿאַרליבטע זײַנע דאָך געשטאַנען קעגן אײנאַנדער. און כּהרף-עין האָבן זיך זייערע אויגן באַגעגנט—און דערנאָך האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אין די אָרעמס. טיף גערירט האָבן די אַרומיקע געקוקט אויף דערדאָזיקער אומפֿאַרשטענדלעכער סצענע, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַ באַזונדערער שיינער טייל פֿון זײַן דרשה. דאַן איז חנניה אַרויסגעטרעטן און האָט געזאָגט עטלעכע ווערטער, בכדי אויפֿצוקלערן פֿאַר דעם עולם די זאַך. ווי אַ בליץ זײַנען דידאָזיקע ווערטער אַרײַנגעפֿאַלן אינם עולם, און פֿון טויזנטער לעפֿצן האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פֿריידיקער געשריי...

דאָריס האָט אַזוי ווי אויפֿגעוואַכט פֿון אַ טיפֿן שלאָף. זי האָט נישט געוואָלט גלויבן אירע אויגן. לאַנג און אָנגעשטריינגט האָט

געקוקט אויף איר געליבטן, וואָס האָט זיך צו איר איינגעבויגן מיט אַ ליכטיקן שמייכל און אירע ליפּן האָבן שטיל געשעפּ-טשעט:

—אָ, שאול, וואָס פאַר אַ שוידערלעכער חלום עס האָט זיך מיר געחלומט!

אין דעם אייגענעם טאָג האָט מען געפייערט די חתונה פון שאולן און דאָריסן.

און אין עטלעכע טעג אַרום האָט אַ שיף, וואָס איז געגאַנגען קיין אלכסנדריא, געפירט פיר גליקלעכע מענטשן: שאולן, דאָ-ריסן, קאַראַבאַסן און חנניהן.

דער שווערער חלום איז צורונען געוואָרן, און אַ העלע ליכטיקע זון האָט זיי געשלאָגן אין די אויגן אַריין, פונקט ווי זי וואָלט זיי מבטיח געווען דורך העלע פייערדיקע ווערטער, אַז זיי וועלן לעבן אַ שיין, גליקלעך און העל לעבן.